STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04111

# KENTOKI

Israel Jacob Schwartz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. שווארץ

# קענטאָקי

פארלאג מ. נ. מייזל, ניו-יארק
1925

COPYRIGHT BY
I. J. SCHWARTZ
1925

לעוואַנט פּרעס
ניו יאָרק

## מערי'ן און צלה'ן —
## מיט גרויס ליבשאַפט.

ליב איך די ערד אויף וועלכע איך טרעט—
פריש איז די ערד און פרוכטבאַר און פעט.
מיידלשע ערד, אַזוי נאָכגעביג, מילד,
קושט מיינע טריט מיט איר גראָז און זי קילט.
הויכט פון איר איינגעווייט עפּל־געשמאַק,
פאָכן די ווינטלאַך און גלעטן מיין באַק.
כ'וויים, ס'איז די ערד ניט פאַרהייליגט מיט בלוט —
ס'ליגט ערגעץ אַנדערש מיין טאַטע און רוט.
אָבער מיין קינד פון איר ערד איז אַ שטיק,
לויכט אין איר ליכט, איז באַגליקט פון איר גליק.

# BLUE GRASS

די ברייטע פלאכן פון קענטאַקי —
שוין פיל איך זייער צאַרטן אָטעם;
שוין האָט מיך זייער זון באַלויכטן,
און ס׳האָט מיך זייער בוים באַשירמט.
און איך, אַן אייניקל פון וואַנדער,
וואָס האָט גאָט׳ס וועלט דערשפּירט אין ליטע
מיט אירע אומעטיגע וועלדער
און בלויע חנ׳עוודיגע טייכן —
איך האָב זיך אויף מיין שוועל פון יוגנט
אין מאַלשטראָם פון ניו יאָרק געפונען,
ביים גרויסן ברעג פון גענן האַדסאָן,
וואו ס׳גיסן זיך צונויף די שטראָמען
פון גאָר דער גרויסער וועלט דער ברייטער.
און כ׳האָב זיך אויסגעלערנט ליבן
דעם גרויסן אייביג ווילדן אומרו:
געוועזן אַ שפּריץ פון זיינע וואַלן,
אַ בליץ צווישן זיינע בליצן.
ביז טייער איז ער מיר געוואָרן
מיט זיינע זיגער און באַזיגטע,
מיט זיינע אומגליקן און גליקן,
מיט זיינע רייכטימער און דלות,
מיט זיין פאַרשטיקטן קרעכץ און יובל.
איך ליב זיין ראָזן הערבסט אין פּאַרקן
פון קופּער און פון בראָנז געגאָסן,
מיט זיינע וואָרים־בלויע הימלען.

איך ליב דעם ים־ברעג פון ניו־דזשוירזי
וואו אייביג שלאָגן אָן די וואלן
און גיסן זיך פון גרין אריבער
אין העל־בלוי און אין טונקל־בלויען
באזוימט מיט פערלדיגע שפּיצן.
און איצטער, ווען מיין קאָפּ נעמט גרויען,
שטיי איך אויף די קענטאָקער פלאכן
מיט זייער ווייכן בלויען הימל
און ברייטער, נישט געצוימטער ווייטקייט,
מיט פרישע ליכטיגע פרימאָרגנס,
מיט גרינע ברייטע טאבאק־פעלדער
און לאַנקעס בלויאַד־גרינע גראָזן.
און אין די נעכט, פארשטערנט־נאָענט,
דערגייט צו מיר דאָ אויף מיין גאַניק
פון פערד דאָס הירזשן, און די קלאַנגען
פון מאַנדאָלינען, ווייכע, צאַרטע,
וואָס ווערן אונטערבראָכן לוסטיג
מיט אייגנאַרטיג הילכיג לאַכן
פון גרויסע שוואַרצע ניגער־קינדער.

# ניי־ערד

## ערשטער קאַפּיטל

### I

# נאָכ'ן בירגער-קריג

ברייט, אָפן, פריי, געלעגן איז דאָס לאַנד,
געצויגן זיך צו ווײַטע האָריזאָנטן.
דער זאַמדיק־רויטער טראַקט האָט זיך געשטרעקט
אַ ווייטער און אַ פרעמדער און אַן איינזאַמער
באַזוימט מיט נידעריקע ווילדע פלאַנצעך.
פון אומבאַקאַנטע ווילדע קרייטעכער
מיט ברייטע בלעטער. פרייע שטרעקעס לאַנד
וואו ס'איז דער אַקער נאָך ניט דורכגעפאָרן,
פאַרלאָזן, רוי, מיט זאַפטיקן געדיכטן גראָז,
מיט דעמפּע ווילדע וועלדלאַך דאָ און דאָרט
וואו איין בוים וואַקסט אַריין אין צווייטן בוים,
און וואָרצל פלאָנטערט זיך אין צווייטנ'ס וואָרצל.
און פון דעם אַלץ האָט היים און פרעמד געשלאָגן
אַן אומבאַקאַנטער טראָפּישער געשמאַק
פון בליאונג און צעפוילטקייט. איבער דעם
האָט זיך געבויגן כוואַליענדיק און ראָז
דער הימל דער פאַרנאַכטיקער פון דרום־לאַנד.
און ס'איז די גאַנצע לאַנדשאַפט אויסגעוואַקסן
אַ ליכטיקע, אין זיך אַליין פאַרשלאָסענע
מיט רויטע ביימער און מיט ראָזע פלאַכן.

און פון דעם בלויען מזרח־האָריזאָנט
און מיט׳ן פּנים צו דעם ברענענדיגן מערב —
איז מיט׳ן רויטן טראַקט, דער וואַנדערער
געקומען מיט׳ן פּאַק אויף זיינע פּלייצעס.
די הויכע בייניגע פיגור געבויגן —
טראַמפּ־טראַמפּ טראַמפּ־טראַמפּ, אין ווייכן רויטן זאַמד,
פון קאָפּ ביז צו די פיס, פון אַלטן קעסלהוט —
און ביז די האַרטע איינגעדאַרטע שטיוול —
פאַרבאַקן אין דעם מעליג־ווייסן שטויב,
דאָס געל און שפּיציג בערדל אָפּגעברענט פון זון,
די אויגן אָנגעשטרענגט, מיט בלוט פאַרלאָפן,
מיט גאַר דעם צער אין זייער ראָזער טיפקייט,—
טראַמפּ־טראַמפּ, טראַמפּ־טראַמפּ, אין ווייכן רויטן זאַמד.

איז געקומען דער איד פון דער ווייט אין דער פרעמד,
מיט די וואונדיגע פיס, מיט׳ן האַרצן וואָס קלעמט,
מיט׳ן פּאַק אויפ׳ן פּלייצע, מיט שטעקן אין האַנט,
אין דעם נייעם און פרייען און ריזיגן לאַנד.

בלוי, וואונדערלאַך, האָט זיך געזעצט די נאַכט —
צוערשט האָבן די פאַרבן זיך געלאָשן,
פיאָלעט האָט זיך געמישט מיט בלוי און רויט —
צולעצט, האָט איין קאָליר ארומגעכאַפּט די וועלט:
אַ טיפער און געדיכטער בלוי. אין מערב בלויז
האָט לאַנג געברענט אויף ווייטע שוואַרצע בערג
איין רויטער טיפער שטרייף. און ערשטע שטערן
זיי האָבן נאַנט און רויט זיך דורכגעוואונקן.
און מיט׳ן אָנקומען פון דרום׳דיגער נאַכט
האָט זיך די גרויסע פרישקייט אויפגעהויבן:
עס האָט די ערד געהויכט פון זיך מיט זאַפטן,
געשטראָמט מיט ערדיגע צעהיצטע ריחות
און זיך אין בלויער קילער לופט צעפלאָסן,

און ס׳איז געווען ווי וואסער פאר׳ן דורשטיגן
ווי שטארקער ווייַן פאר דעם פארמאטערטן.

איז ער געגאנגען, און געגאנגען, און געגאנגען —
ביז עס האט פלוצים ביי דעם אויסבויג פונ׳ם וועג
דער ישוב פאר די אויגן אויפגעפראלט:
פון בלויער שטילער פינסטערניש פון וואלד און פעלד
האט פלוצים, אומגעריכט, א שלאג געטאן
מיט קלאנג, געזאנג און רויטע פייערן.
דאס פאלק פון אלע נידעריגע הייזלאך
געווען איז אויסגעשאטן, קינד און קייט
אין מיטן גאס ארום די פייערן:
עס האט געפייפט, געקלאפט אין מעש און בלעך,
געצימבלט אויף באנדורעס און געזונגען;
געטאנצט משונה׳דיקע ווילדע טענץ
מיט יעדן גליד פון קערפערס פון האלב־נאקעטע.
ווילד, רויט,ביים רויטן שיין פון פייערן,
האבן געגלאנצט די שווארצע פנימ׳ער,
מיט רויט־פארצויגענע און שווערע אויגן.
דער פייערדיגער היימישער געברייטער טרונק
איז אומגעגאנגען היים פון מויל צו מויל.
און שווערע ניגערטעס מיט רויטע אוירינגען
זיי האבן הייזעריג און היים געקאטשעט זיך,
געפאטשט זיך אין די היפטן פון געלעכטער.
און קינדער נאקעטע, מיט קעפ פון שווארצן וואל,
זיי זיינען איבער פייערן געשפרונגען,
ווי יונגע וואלדיגע און ווילדע מאלפן,
און אויפגעהויבן וואלקנס שטויב, ארויף
צו דעם פארברויטלטן און שווארצן הימל.
עס האבן גרויסע שווארצע הינט געבולן,
און פעטע קעץ געדרייט זיך אין געווימל.
און דורך דעם רויטלאך־שווארצן נעבל איז דער איד

אדורכגעגאנגען מיט'ן שווערן פאק —
און מאדנע נאנט, באקאנט פון אלטער צייט,
איז אים דאס פארגעקומען: ס'איז געווען
ווי ער וואלט דאס מיט יארן פיל צוריק
אליין עס דורכגעלעבט, און דורכגעמאכט.
איז ער געגאנגען דורכ'ן רויטן שטויב
און ס'האבן פרעמדע הינט אים נאכגעבולן,
און שווארצע קינדער האבן נאכגערופן,
און שווערע ווייבער האבן נאכגעלאכט,
און רויטע אויגן האבן נאכגעגלאנצט —
ביז ער איז דורך דעם רויטן ווילדנלאגער
ארויס צום שווארצן פעלד, וואו ס'ציען זיך
די אלטע נידעריגע פארמהייזער,
אראפגעלאזט דעם פאק פון זיינע פלייצעס,
און אנגעקלאפט אין ערשטער בעסטער טיר.

האט זיך פון הויז דערטראגן א גערודער:
דער שווערער ריגל האט זיך לייז געמאכט,
די טיר האט זיך געעפנט פארזיכטיג,
און אין דעם שווארצן חלל פון דער טיר
האט זיך א הויכע ווייסע מענערשע פיגור
באוויזן, מיט'ן שווארצן רער פון ביקס
פאראויס ארויסגעשטעלט, און ס' האט א קול,
א הייזעריג, פארשלאפן קול געשיפעט:
ווער ביזטו? — האט דער מאן פון פאק געענטפערט:
א איד, וואס זוכט וואו צושפארן דעם קאפ.
כ'בין אויסגעמאטערט פון דעם שווערן וועג.
— ווי קומסטו דא? — איך טראג מיין האנדל מיט,
די נאכט איז צוגעפאלן, איך בין מיד,
די פיס זיינען אין וואונדן, לאז אריין,
וועל מאכן א געשאנק דיין וייב פון פאק. —
האט זיך די רער פון ביקס אראפגעלאזט.

דאָס קול האָט ווייכער אויסגעקלונגען: וואָרט.
דערנאָך איז די פיגור אין ווייס אַרויסגעקומען,
אין האַנט אַן אָנגעצונדענע לאָמטערן,
האָט ביז צום אידנ׳ס אויגן צוגעטראָגן
די ברענענדע לאָמטערן, אים באַקוקט,
פון אויבן ביז אַראָפּ, און צוגעוואָרפן: קום.
האָט ער אים אין דער שטאָל אַריינגעפירט,
אים אָנגעוויזן אויף אַ באַרג מיט היי,
אַ זאָג געטאָן מיט האַרץ: „דו זאָלסט ניט רויכערן,
„וועסט נאָך אָוועקשיקן די שטאָל מיט פייער
„צוזאַמען מיט׳ן פּאַק און מיט די בהמות.
„גיב אַכטונג". — זיך אַרויסגעשלייכט פון שטאָל,
פאַרשליסנדיג דעם טויער הינטער זיך.

II

## אַ נאַכט פון חלומות

אין שטאָל איז וואַרמלאַך געווען און שמעקעדיג:
עס האָט געשמעקט מיט טרוקן וואַרעם היי
און שווייסיגן געשמאַק פון פערד און קו.
די קו האָט שלעפעריג גע׳מעלה־גרה׳ט,
און ס׳האָט דאָס פערד געשנאַרכט, געשמיסן מיט׳ן עק.
עס האָבן גרילן אין דער נאַכט געקלאַפּט,
געצויגן מאָנאָטאָן און לאַנג, זיך אָפּגעהאַקט,
זיך איינגעהערט אַ רגע צו דער שטילקייט,
און ווידער אין דער נאַכט אַריינגעגרילצט.
פון ווייט האָט זיך דערטראָגן נאָך אַ זינגען,
אַ שלעפעריגער קלאַנג פון אַ באַנדורע.
ס׳איז אויפגעקומען העל אַ שפּעטיגע לבנה,
און דורך די פענסטערלאַך די אָפענע ביים דאַך
האָט זיך געלייגט דער שיין אין ווייסע קעסטלאַך

און וואו אַ קעסטל שיין איז אויסגעפאַלן,
און אויפ׳ן היי וואו ס׳איז דער איד געלעגן
האָט איטלאַך שטענגל היי רעליעף געלויכטן
און אויסגעקוקט אַ פאַסיקל פון זילבער.
עס זיינען פרישע ווינטלאַך אומגעגאַנגען,
געוויט אין אידנ׳ס פנים, אויף די פיס און הענט,
און ווי עס וואָלט זיין גוף אַריינגעזונקען
אין פרישע קילע ווייכע וואַסערן —
אַזוי האָט זיך זיין יעדעס גליד באַרואיגט,
זיך אויסגעצויגן שלומערדיג, פאַרגעסן זיך,
אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף.

האָט זיך אַ נאַכט געצויגן אין דער אייביקייט
מיט שטיקלאַך זונען אָפּגעבראָכענע,
מיט פיצלאַך רויטע, בלויע, גרינע שטערן
וואָס זיינען אין אַ כאַאָסדיגן הימל
פון בלאַסער פליסיקייט אַרומגעשוואומען.
און פון דער בלוילאַך־בלאַסער פליסיקייט
דאָ האָבן גרינלאַך־רויטע דיקע שטראַלן
צונויפגעשוואומען זיך, און זיך באַהעפט
אין רעגנבויגן שטאַפלען פון אַ לייטער
וואָס איז געהאָנגען מיט׳ן שפּיץ אויף גאַרנישט.
און אויפ׳ן לייטער האָבן שוואַרצע שדים׳לאַך
מיט רויטע בליצנדיגע שאַרפע אויגן
אַרויף — אַראָפּ, אַרויף — אַראָפּ, געדראַפּעט זיך:
די לופטיג־בויגענדיגע דינע גלידער
געשטראַלט מיט שוואַרץ און בלויער פליסיקייט
געוויגט זיך דרייענדיג און שנעל אין לייטער
אַרויסגעשטעקט די רויטע לאַנגע צינגער,
פאַרגאַנגען אין אַ הילכיג וואַלדיג קוויטשן,
און אים געטאַרעט און געצופּט ביים בגד.
דערנאָכדעם איז דאָס אַלץ צופלאָסן זיך:

ס'איז אַנגעשטאַנען אויף דער וועלט אַ פינסטערניש,
געדיכט און שווער און בולט, ווי פון שווארצן גלאָז,
מיט רויטע שטערן איינגעפאַסט אין שוואַרצס,
און פלוצים, זע, פון פינסטערניש ארויס
האָט אָנגעהויבן אויסוואַקסן אַ וואַלד,
אַ קאַלטער וואַלד פון גלאַנצעדיגע ביקסן
וואָס האָבן זיך אויף אים געדוקט פון יעדער זייט
און אָפגעשלאָסן יעדן וועג פאַר אים.
האָט זיך זיין יעדער אבר אָנגעשטריינגט,
זיין האַרץ האָט אין זיין ברוסט זיך אָפגעשטעלט,
און פלוצים האָט ער לייכט און פריי און פליסנדיג
זיך אויפגעהויבן שווימענדיג אין לופט.
זיין קערפּער לייזט זיך אויף, אַ מאַך נאָר מיט'ן האַנט,
אַ רודער מיט'ן פוס, ער שווימט, ער שווימט
און רירט אָן רויטע שטערן מיט'ן האַנט
און שטיקלאַך בלאַסע אָפגעקילטע זונען.
און דורך די לאַנגע פלאַנטערניש פון נאַכט
איז אין דעם הינטערגרונט פון מידן מח
ניט אָפגעשטאַנען אויף אַ ווייל דאָס קלעמעניש,
דאָס ביינקעניש אַהיים נאָך ווייב און קינד,
און איטלאַך גליד זיינס האָט אין שלאָף געלעכצט,
ווי ס'לעכצט דער דורשטיגער נאָך פרישן וואַסער,
און אינ'ם האַרצן האָט געפּרעסט, געקלעמט,
געריסן זיך מיט שטומען ברומעניש.
און ווי אַ קינד וואָס קלאָגט זיך פאַר זיין טאַטן
אַזוי האָט ער געקלאָגט זיך פאַר'ן האַר
פון אַלע וועלטן, אויסגעוויינט זיין האַרץ.
געזאָגט קאַפּיטלאַך תהלים מיט'ן האַרץ,
מיט יעדן גליד, מיט יעדן טראָפּן מאַרך,
און זאָגנדיג, האָט ער געהערט דעם נגון,
דעם אַלטן פייערלאַכן תהלים־נגון,
און טרערן זיינען שטום און שטיל געפלאָסן

געקוועלט פון די צונויפגעפרעסטע אויגן.
פאר'עקשנ'ט היים האט זיך געריסן דאס געבעט,
די אלטע תפילה פון דעם פאטער יעקב
ווען ער איז אין דעם פרעמדן לאנד געקומען:
„גיב ברויט צום עסן, און א קלייד צום אנטאן"—
פאר אים, פאר איר, פאר זיינע בלאסע קינדער.
נאר אז דער בלויער מארגן האט דערנענטערט זיך,
און פייגל האבן זיך גענומען רופן —
האט זיך זיין אנגעווייטאגט האַרץ בארואיגט.
האט ער דערזען זיך אין א פעלד א גרינס,
באגאסן מיט אן אומגעהויער ליכטיקייט:
עס שפראצט, עס גרינט, עס בליט, עס פליסט מיט ברויט,
מיט קרעפטן פון די ערשטע זיבן טעג.
און זע, ער האט זיך אנגענומען אין דעם גרונט,
אין שווארצלאכן, אין פעטן ווילדן גרונט.
ער שפירט, ווי ער שלאגט ווארצלען אין דער ערד
און ס'זויגן זיך די ווארצלען אין דער ערד.
א בוים, א דעמבנבוים, צעוואקסט זיך ברייט
מיט פרישע יונגע צווייגן, גרין באדעקט
מיט ווייבע שמעקעדיגע יונגע בלעטער.
און פרישע ווינטלאך גייען איבער אים
און פויגלען צווויטשערן און נעסטלען אויף זיין קאפ.
ס'הענגט איבער אים א קילע רונדע זון
און גלעט און צערטלט אים מיט דינע שטראלן — — — —

איז ער געבליבן ליגן שטיל אין היי:
באלויכטן גרינלאך־בלוי אין מארגנליכט,
האט ער צעעפנט ווייט און ברייט די אויגן—
דאס הארץ האט הויך אין אויפרעגונג געקלאפט,
און פונ'ם הארץ ארויס האט אים געזונגען
א תפלה צו זיין הער, אזוי:

„גאט פון אברהם,

„פון יצחק און פון יעקב, וואָס דו האָסט דײַן קנעכט
„געפירט אַהער, און וועסט מיך ווײַטער פירן —
„מסתמא איז דײַן רצון און דײַן וואונש,
„מיך אין דער ווילדערניש אַהער פאַרזייען,
„באַקאַנט מאַכן דײַן נאָמען צווישן פעלקער.
„זאָלסטו דײַן פּנים ניט פאַרשטעלן פון דײַן קנעכט,
„מיך פירן דורך געפאַר און לייד אין פינסטערניש
„אַזוי ווי דו האָסט לאַנג צוריק געפירט
„דורך גאַנצע פערציק יאָר, דײַן פאָלק דײַן אויסדערווײלטס
„צו דעם געווינשטן און פאַרשפּראָכן לאַנד. אָמן“.

III

## פרימאָרגן

דער גוי האָט אויפגעפּראַלט די טירען פון שטאַל,
און ס'האָט אַ שפּריץ געטאָן אין קילער שטאַל
מיט רויטן ליכט פון אויפגייענדער זון.
עס האָט אַ בליץ געטאָן אין פרעמדן אויג
די נײַע אומבאַקאַנטע פרישע וועלט
מיט בלויע הימלען און געדיכטן גראָז,
מיט ווײַטן וואַלד מיט גרינער בלעטער־קרוין,
מיט נאָנטע פרוכט־בוימער באַדעקט מיט טוי,
מיט ווײַסע אָפּגעקאַלכטע ווענט פון הויז
וואָס באָדט זיך ביז די פענסטער טיף אין גרינס.

איז אָנגעקומען שטיל די בעל־הבית'טע
אין געלן שטרוי־הוט מיט די ברייטע ראַנדן,
האָט זי פריש־מאָרגנדיק באַגריסט דעם פרעמדן,
אַ בלישץ געטאָן אויף אים מיט גוטע אויגן,
מיט אָפענעם און זון־פאַרברענטן פּנים,
מיט ווײַסן לײַוונט פון דעם שטוביק קלייד —
און זיך אַראָפּגעזעצט די קו צו מעלקן.

די ווייסע שוימענדיגע שטראָמלאַך מילך
זיי האָבן זינגנדיג און פלינק געקלאַפּט,
געטענצלט אָן דעם דעק פון גלאַנצנדיגן בלעך,
און ס'האָט פאַרשמעקט מיט ווארימקייט און זאַט.
דער גוי האָט אים אַרויסגעפירט צום ברונים,
און אַז דער פרעמדער האָט זיך אָפּגעפרישט
מיט קאַלטן קלאָרן וואַסער — איז די טאָכטער
אַנטקעגן שוין געקומען מיט'ן האַנטוך,
פון היימיש גראָבן ווייסן ליין געשפּונען.
דאָס קליינוואַרג מיט'ן פינגער אינ'ם מויל,
מיט שטעכיג־ווייסן האָר און בלויע אויגלאַך —
זיי האָבן שרעקעדיג דעם פרעמדן נאָכגעקוקט,
געביטן זיך, ווי גענז, אויף ברוינע פיסלאַך,
געקניפּן איינס דאָס אַנדערע, געשטופּט זיך.
ביז ס'האָט דער בעל־הבית זיי אָפּגעיאָגט,
און איינגעלאַדט דעם פרעמדן צונ'ם טיש.
האָט זיך דער איד באַדאַנקט, דערקלערט דעם גוי,
אַז פריער מוז ער דאַווענען, לויבן גאָט.

האָט ער זיך איינגעוויקלט אין דעם טלית,
אין גרויסן טלית מיט די שווארצע פּאַסן,
זיך אָנגעטאָן אין די פירעקנדיגע קעסטלאַך
מיט הענגענדיגע שווארצע רימענדלאַך —
איז מאַן און ווייב און קינד געבליבן שטיין
פאַרוואונדערט און פאַרגאַפט. דער מאָדנער מענטש
האָט אומגעקערט זיך מיט'ן פּנים צו דער וואַנט,
פאַרמאַכט די אויגן זיינע, און מיט ברען
געוויגט, געוויגט דעםביינערדיגן גוף.
דערנאָך האָט ער פון ס'ניי די הענט געוואַשן,
האָט ווידער אָפּגעזאָגט אַ קורצע תּפילה —
ערשט דאַן גענומען איינברעכן דאָס ברויט.
צום פליש אַפילו זיך ניט צוגערירט.

געזעסן מיט'ן היטל אויפ'ן קאָפּ,
און האָט געטונקט דאָס שוואַרצע ברויט אין מילך.
האָט זיך דער בעל הבית מיט אים צערעדט,
גע'חדוש'ט זיך אויף אַלע וואונדערלאַכע זאַכן
וואָס ער האָט דאָ צום ערשטן מאָל דערזען.
ער איז, זאָגט ער, שוין אויסגעווען אַ וועלט —
און נישט געזען, און נישט געהערט אַזוינס.
דעם בגד מיט'ן פּאַס פאַרשטייט ער נאָך,
נאָך וואָס אָבער די קעסטלאַך מיט די רימענס?
און דאַוונען אַלע אידן פּונקט ווי ער?
אויף דעם האָט זיך דער איד צעשמייכלט שטיל:
אַ פרומער איד, האָט ער דערקלערט, באַדאַרף
צו טאָן ווי ס'שטייט אין אַלטן טעסטאַמענט,
ווי גאָט האָט מאָזעס'ן זיין קנעכט באַפוילן.
האָט זיך דער גוי ניט אויפגעהערט צו חדוש'ן,
געהאַלטן אין איין טענה'ן, אַז ער האָט
ביז היינט צו טאָג אַזעלכעס ניט געהערט.
און ווען עס איז געקומען נאָך דער סעודה,
און ס'האָט דער איד געשלאָסן זיינע אויגן,
גענומען ווידער שעפּטשן שטילערהייט —
דאָ האָט דער גוי צום ווייב זיינעם געוואונקן:
אַ פרומער מאַן, ער האַלט נאָר אין איין דאַוונען.

נאָר, אַז דער ערשטער וואונדער איז פאַרביי —
דאַן האָבן זיך די מענטשן היימישער דערפילט.
דער גוי האָט ברייטלאַך, אויפגעלייגט, פאַררוּכט
די קורצע שוואַרצע ליולקע, און דער איד
האָט זיך צערעדט, אַראָפּגערעדט פון הארצן.
ער קומט, זאָגט ער, פון גיהנום, פון אַ שטאָט
וואו מענטשן לעבן ניט, נאָר פאַלן אינ'ם יאָך,
ער האָט געפּלאָגט זיך אין דעם ווילדן כרך,
געשניידערט פּופּצן לאַנגע שעה אין טאָג.

זיך אומגעוואלגערט אין אַ ענגער לאָד —
קיין טראָפּן לופט, קיין פּיצל שיין געזען.
האָט אָנגעהויבן טריקענען זיין לייב
און איטלאַךביין זיינס האָט דערשפּירט דעם טויט.
האָט אין זיין הארצן אָנגעהויבן וויינען
אויף זיך אַליין, אויף זיינע יונגע יאָר,
און זיין דערבאַרמונג האָט זיך געוועקט
צו די יתומים זיינע לעבעדיגע
וואָס ער האָט יאָרן לאַנג שוין ניט געזען
אין וואַגלעניש צו זוכן ס'שטיקל ברויט.
האָט ער זיך מיט'ן פּאַק געלאָזט אין וועג —
דאָ האָט ער כאַטש אַ הימל איבער זיך.
די וועלט איז ברייט, און מענטשן זיינען גוט,
אַ איד ווערט ניט פאַרפאַלן, ווי זיי זעען.

דער גוי האָט שטיל, געלאַסן, אַלץ געפּיפּקעט,
זיך צוגעדעקט מיט פאַרהאַנגען פון רויך,
אַריינגעשמעלט אַ ווערטל דאָ און דאָרט —
און ס'האָט די גוי'ע זיך געווישט די אויגן.

וואָס דען, זאָגט ער, אַ איד לעבט מיט בטחון,
ער גלויבט, אַז אים וועט אויך ניט גאָט פאַרלאָזן —
און וואָס פאַרלאַנגט ער דען: עשירות? געלט?
ער וויל זיך בלויז דערשלאָגן צו'ן אַ ברעג
און וויסן, אַז דאָס איז דער פּלאַץ פון רו
וואָס גאָט האָט אים באַשערט. ער איז שוין מיד,
אַ יעדעס גליד זיינס שרייט און לעכצט נאָך רו,
אַן אייגן דאַך, אַן אייגן ווינקל זיינס.
ער גאַרט נאָך אַרבעט מיט'ן שוויים פון פּנים,
ער זוכט דען מערער ווי דאָס שטיקל ברויט?
ער האָט, זאָגט ער, געוואַנדערט אין דער לענג און ברייט
פון גרויסער נייער וועלט. דאָס לאַנד איז רייך,

איז פריש און יונג, די מענטשן זײנען רוי,
דערפאר באהאלט זיך אונטער זײער שאַלאַכץ
א האַרץ אַ גוטס מיט מיטגעפיל צום פרעמדן.
ער האָט געזען, זאָגט ער, די ערשטע אידן
באַזעצן זיך צװישן קריסטן־שכנים ——
פאַרנעמען זיך מיט האַנדל פונ׳ם לאַנד.
מען קויפט אַ פעל, אַ בינטל װאָל, און פוטערװאַרג
מעטאַלן זײנען דאָ לרוב — מען האַנדלט,
מען אַרבעט פלײסיג און מען האָט חיונה.

דער גוי איז שטיל געזעסן און געטראַכט,
אַרײנגעקוקט אין אידנ׳ס מידן פנים,
געלאָזן אויפגעשטעלט זיך פון זײן זיץ,
אַרויסגעקלאַפּט די גרויע אַש פון ליולקע,
און אָנגעקלאַפּט דעם אידן אויפ׳ן פלײצע:
זאָלסט הײנט פון דאַנען ניט אַװעקגײן, איד
איך װעל זיך הײנט צונויפטרעפן מיט שכנים,
מען װעט זיך דורכרעדן מיט זײ, מ׳עט זען.
און צוגעשריגן פונ׳ם שװעל צום װײב:
ניט לאָז דעם אידן רירן זיך פון פלאַץ.

IV

## דער סוף פון פּאַק

אַז ס׳האָט דער טאָג דערנענטערט זיך צום סוף
און שטראַלן זײנען ראָז און קרום געפאַלן —
דאַן זײנען זיך צונויפגעקומען שכנים.
עס זײנען אָנגעקומען שװערע בעלי בתים
מיט די פאַרגרעבט־מגושמ׳דיגע הענט,
מיט רויט־פאַרפלאַמטע פּנימ׳ער און קאַרקן.

און אַלע אין די ברייטע ווייסע פּלודערן,
מיט העמדער ברייט־צעקנעפּלטע ביים האַרצן,
מיט ברייטע הויכע שטרוי־היט אויף די קעפּ.
דער איינציגער וואָס האָט זיך אויסגעטיילט,
געווען איז דער הויכער דינער פּאַסטאָר
געקליידט אין שוואַרצס, פאַרשפּילעט ביז צום האַלז
אויף אַלע קנעפּ, און נאָך די מענער, זיינע
די פרומע, שטילע ווייבער נאָכגעקומען
מיט דינע און פאַרשנירטע ליפּן,
צוריקגעצויגענע און שטילע, נאָר די אויגן
זיי האָבן נייגעריג און פלינק גערעדט,
געגליטשט זיך פון איין פּנים אויפן צווייטן.
האָט מען זיך אויפ׳ן גאַניק אויסגעזעצט,
די מאַנסלייט פאַר זיך, און די ווייבער פאַר זיך,
און באַלד האָט אָנגעהויבן גיין אַ רויך,
פון וויפיל מענער פונקט אַזוי פיל רויכלאָך,
(ס׳האָט נאָר פון דינעם פּאַסטאָר נישט גערויכט)
די בעל־הבית׳טע האָט געבראַכט פון קעלער
דעם שווערן קרוג מיט קאַלטן עפּלטרונק
וואָס האָט געבלעזלט ביז די שוואַרצע ראַנדן,
איז אומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן
באַדינענדיג די רויכנדיגע געסט.
דער איד, דער פרעמדער וואָס ער איז, איז שטיל
און פרעמד געזעסן צווישן פרעמדן עולם,
האָט שעמעוודיג, פון ווינקל־אויג, באַטראַכט
די דעמבענע און איינגעוואָרצלטע אין גרונט,
די שווערע בעלי־גופים מיט די קאַרקן —
האָט ער זיך אומבאַהאָלפן, שוואַך, דערשפּירט,
האָט אים שוין באַנג געטאָן דער גאַנצער עסק.
איז ער געזעסן אומעטיג, פאַרקלערט,
דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. דעם קאַרק געבויגן
און ניט געוואַגט די אויגן אויפצוהייבן.

האַט אָנגעהויבן שטיל דער בעל־הבית
צו ריידן: שכנים — האָט ער אָנגעהויבן —
איך האָב אייך אַלעמען דערציילט פון אידן,
אַז זיצט ער דאָ אַ פרעמדער צווישן אונז,—
וואָס קאָן מען פאַר אים טאָן? דאָ האָט דער פאַסטאָר,
אַ שטילער, אַ געלאַסענער זיך אָנגערופן:
צוערשט לאָמיר דעם אידן אויסהערן,
און נאָכדעם וועט מען זען. — איז דאָס געפעלן
און אַלע האָבן צוגעברומט: גערעכט, גערעכט.
האָט זיי דער איד דערציילט זיין מעשה פון דאָס ניי.
גערעדט אויף זיין געבראָכן אויסגעמאַטערט קול,
נאָר מער פון אַלץ האָט זיי גערירט דער צער
וואָס האָט אַרויסגעוויינט פון זיינע אויגן,
דער שטומער אָפּטער זיפץ וואָס האָט באַגלייט
די נאָנטע ווערטער מיט דער פרעמדער אויסשפּראַך,
און מיט דעם פרעמדן נגון. נאָר דער צער
פון עלנדן און היימלאָזן האָט זיך געשפּירט
אין יעדן טאָן, אין איטלאַך אומפאַרשטענדלאַך־וואָרט.
און אַז דער איד האָט אויפגעהערט צו רעדן
איז מען אַ ווייל געזעסן שטיל: די קעפּ
געבויגן אין דעם רויטן אָוונטשיין,
און האַרץ האָט שטום גערעדט צו האַרץ; פאַרהאַרטעוועט
פאַראייזנט ווי זיי האָבן אויסגעקוקט
האָט דאָך געענטפערט זייער האַרץ אויף לייד,
ווייל זיי אַליין האָבן אין פריער קינדהייט
געוואוסט דעם טעם פון עלנד און פון לייד,
געהערט פון פאָטערס און פון אַלטע זיידעס,
די ערשטע פּיאָנערן פון דעם קאַמף
אויף טויט און לעבן מיט דעם רויטן מאַן,
פון שלאָפן מיט דער ביקס אין האַנט, אין מורא
פאַר פלוצימדיגע פייערן און טאָמאַהאָק.
און ס'האָט דער צער פון עלנדן און פרעמדן

דאָ אַנגערירט די בראַווע שטומע הערצער.
האָט אויפגעשטעלט זיך דאָ דער דינער פּאַסטאָר,
אַ גלעט געטאָן דעם הויכן בלאַסן שטערן,
און קלאָר, געלאַסן, זיך גענומען ריידן.
האָט אָנגעהויבן פון די פּאַטריאַרכן:
פון אייבראַהאַם, פון אייזיק און פון דזשייקאָב,
דערציילט פון דזשאָזעפ'ן אין פרעמדן לאַנד,
פון פּראָפעט מאָזעס מיט די צען געבאָט,
פון אַלטן קעניג דייוויד מיט די פּסאַלמען —
ביז ער איז צוגעקומען צו דעם זון פון גאָט,
דעם האַרן דזשיזוס קרייסט. דעריבער —
האָט ער פאַרענדיגט — זאָלסטו עפענען
דיין טויער פאַר'ן פרעמדן וועלכער קלאַפּט.

האָט אָנגעהויבן איינער פון די שכנים,
דער אַלטער טאָמפּקינס מיט'ן פּנים פון אַ לייב
מיט גרויע האָר און גרויען ברעם און באָרד:
„מיין אַלטער שייער און דאָס הויז ביים וואַסער
„שטייט ליידיג, אָפּגעלאָזט — זאָל זיך דער איד
„אַריינציען אַהין און טאָן געשעפט.
„וועל אים דערפאַר ניט רעכענען קיין געלט —
„אויב ער וועט שפּעטער קענען, זאָל ער אָפּקויפן,
„איך וועל פאַרקויפן ביליג."
„וואויל, ס'איז וואויל—"
האָט זיך דער בעל־הבית באַדאַנקט מיט האַרץ —
„וואָס טוט מען אָבער וואָס דער פּלאַץ איז אַלט,
„און שטייט אין איין סכנה איינצופאַלן?
„מיר וועלן דאַך דער'הרג'ען אונזער איד —"
האָט ער געוויצלט.
„איך וועל געבן האָלץ
„וויפיל נאָר מען באַדאַרף צו אויפריכטן דאָס הויז —"
האָט אָנגערופן זיך דער סוחר פון געהילץ.

„— און מיר וועלן דאָס הויז און שטאָל פאַרריכטן —"
האָט אָפּגערופן זיך פון יעדער זייט.
„מען דאַרף דאָך אָבער געלט צו פירן האַנדל"
האָט אַלץ דער בעל־הבית ניט נאָכגעלאָזט.
„וועל אויספאַרקויפן סחורה פונ׳ם פּאַק,
וועט זיין געגוג" — האָט איינגעשטעלט דער איד.
„פיין, פיין, אַ גוטער פּלאַן, מען דאַרף ניט בעסער,
„העי, מוטער, גיב אַקאָרשט אַהער דעם פּאַק."
און באַלד דאַרויף האָט זיך דער פּאַק באַוויזן
און זיך גענומען אויספּעקלען. עס זיינען
אַרויסגעקראָכן אויף דער ווייסער וועלט
געשטריקטע יאַקן וואָלענע פאַר ווייבער,
פון בלויען, רויטן, ראָזן, גרינעם וואָל
מיט קליידער פון דעם פלאַמעדיגסטן זייד,
און טישטוכער מיט בלויע, רויטע קאַסטנס
מיט שווערע גאָלדיגע געדיכטע פראָנדזען,
קאָלירט געשטרייפטע העמדער פאַר די מענער,
מיט ליולקעס פונ׳ם גאָלדענעם בורשטין
און שווערע זילבער־זייגערס ווי די ציבעלעס.
מיט לאַנגע בייטשן גלעזערנע קאַרעלן
מיט בונטע פאַרבן ווי פון רעגנבויגן.
מיט ווייסע זילבערדיגע טאַשנמעסער
מיט שטאָלענע, מיט גרין־באַהויכטע קלינגען,
מיט מייער־קעפּלאַך, מוטערפּערל, ביין,
מיט גרינע, ראָזע, שפּילצייג פאַר די קינדער,
מיט כל המינים פּאַטשערקעס און ברילן.
און איבער דעם האָט צונטערדיג געברענט
אַ גרויסע רויטע פלאַמענדיגע זון.
אז ס׳ האָבן זיך די מענטשן אָזש פאַרזשמורעט
זיך צוגעדעקט די אויגן פון די פלאַמען.
דער עולם האָט עס אָנגעקוקט פאַרגאַפט
פאַרבלענדט אָזש פון געשריי פון די קאָלירן —

ערשט שפּעטער זיך צעשמייכלט אין די וואָנסן.
די ווייבער זיינען אַלץ געזעסן שטיל,
ווי גענצן געדרייט די העלזער פון דער ווייט,
און ס'האָבן זיך די אויגן זיי געצונדן.
„העי, ווייבער איצט איז אייער צייט, אהער —
באַווייזט נאָר וואָס איר קענט". — זיינען די ווייבער
געלאַסענע און שטילע צוגעקומען,
צוערשט מיט איינגעהאַלטענע באַוועגונגען —
נאָר באַלד האָט זיך צעפלאַקערט דער יריד :
געוואָרן מערער אויפגעלייגט און היימיש,
די אויגן האָבן זיך צעברענט מיט פייער,
די שטימען האָבן אויפגעלעבט געקלונגען,
די הענט האָבן געשיקט און שנעל געאַרבעט,
און איטלאַכע געמאַכט פאַר זיך איר פּעקל.
די בעל־הבית'טע איז געווען פאַרויטלט,
פאַרהאַוועט אומגעלאָפן צווישן קונים,
איז יעדע ווייל צום אידן צוגעקומען
צו אויספּרעגן דעם מקח פון א חפץ :
„דו זאָג נאָר וואָס די זאַך קאָסט דיר אַליין,
„דעם פּרייז וועל איך זיי שוין אַליין שטעלן."
און ס'איז דער איד געזעסן א פאַרשעמטער
צווישן רויכנדיגע וויצלדיגע מענער.

ס'איז טונקעלער געוואָרן. מיט דער זון
האָט אויך דער ברען און פריילאַכקייט געזעצט זיך.
די ווייבער זיינען אָפּגעקילט געוואָרן,
צוריק זיך אָפּגעטיילט אין זייער ווינקל.
די פּנים'ער זיינען געוואָרן ערנסט,
מען האָט זיך אויפגעהויבן, זיך צוגענעצט,
און שווייגנדיג גענומען זיך צעקריכן.
די מאַנסלייט פאַראויס מיט די ליולקעס רויך
און הינטער זיי די ווייבער מיט'ן ווייסצייג.

מען האָט געקלאַפּט דעם אידן אויפ'ן פּלײצע:
„װי רופט מען דיך?"
„דזשאַשוא".
„פײנער נאָמען,
מיר װעלן פון הײנט אָן דיך רופן: דזשאָש."
און מען איז זיך צעקראָכן אין דער נאַכט.

V

# אין נײעם לאַנד כנען

אין פרישן קלאָרן זומערדיגן טאָג
האָט הויך געקלונגען דאָס געבראַזג פון אײזנס.
דער ברײטער הויף איז פול געװען מיט ברוכװאַרג
מיט שטיקער אַלטע שימלדיגע אײזנס,
מיט טויזנטער פאַרשטויבטע אַלטע פלעשער
װאָס האָבן זילבערן און גרין געגלאַנצט
אין שײן פון הײסער דרום'דיגער זון.
אַ מוצן הינער האָבן אומגעפּיקט אין הויף,
און ס'האָט דער גאַלאַנער האָן מיט שפּאָרן
געשפּירט זיך יחסנ'דיג, און זײ מושטירט.
דער אַלטער שײער איז געװען פאַרװאָלגערט
מיט שמאַטעס, מיט פּאַפּיר, מיט פערדנבײן.
עס האָט געזעצט אין נאָז דער שאַרפער ריח
פון נאַס־פאַרבלוטיגטע געזאַלצטע פעלן,
און פליגן האָבן װאָלקנסװײז געזשומעט.
די אַלטע חורבה בײם אַרײנגאַנג הויף,
אַרומגעשפּאַרט מיט שפּאַלן אין דעם קרום,
האָט יונג געגלאַנצט מיט אירע בלאַנקע שױבן,
מיט רויך געבלאָזן פון איר נײעם קוימען.
און אין דעם שאָטן פון דעם אַלטן שײער
געשטאַנען זײנען צװײ געבױגענע פיגורן:

א גרויסער שווארצער ניגער אויף די קני,
האלב־נאקעט, גלאנצעדיג, די רויטע צונג
פארביסן אין די שטשירעדיגע ציין,
פעסט האלטנדיג אן אייזן אין די הענט,
און ס'האט דער איך געבראזגעט אויפ'ן אייזן,
געשווינגט דעם שווערן האמער און געשלאגן.
און איטלאך מאל, ווען ס'איז דער האמער אויסגעפאלן
און אנגעשלאגן זיך אן גרויען אייזן —
האט זיך דער ניגער אויף צוריק געכאפט,
ניט אפגעלאזט די רויטע שווערע אויגן
פון פליענדיגן האמער אין דער לופט.
דעם אידנ'ס פנים איז געווען פארברענט,
דאס געל און שפיציג בערדל איז פון שטויב
געווען פארשווארצט. דערפאר האבן די אויגן
באקומען גאר אן אנדער פרייען ליכט.

די הויכע בלאסע שוויגעדיגע אידענע
אין שווארצן שייטל אויפ'ן קאפ, פלעגט אפט
ארויסלויפן פון שטוב צו אויפזוכן
דעם קליינעם יאנקעלע. דא טוט ער זיך
פארקלייבן אויף דער הויכער קופע אייזן,
נישט ווויסנדיג ווי קלייבט מען זיך ארונטער.
און דא שפאצירט ער אויף די שמאלע באלקנס
פון הויכן אלטן שייער, שפרינגט אין וואל,
און מאכט דארט קאזעלקעס, דעם קאפ צו ברעכן.
און אפטמאל טרעפט זי אים גאר אויפ'ן קארק
פון הויכן גראבן גלאנצעדיגן ניגער.
דאס זיצט אים אויפ'ן קארק, און טרייבט אים אן
און דריגעט אין אים מיט די ברוינע פיסלאך,
און פלוידערט א משונה'דיגן לשון.
דער ניגער טאנצט און לויפט איבער'ן הויף,
און שפרינגט מיט אייזערנע און שווארצע פיס

אויף פלעשער גלאָז און שטעכעדיגע אייזנס.
אין איר, דער מאַמען, פאַלט דאָס האַרץ איין, ציטערט
דער ווילדער שוואַרצער מענטש, זאָל גאָט ניט שטראָפן,
זאָל נאָך דאָס קינד חלילה ניט צושעדיגן.
נור ווען דער מאַן דערזעט דאָס בילד פאַר זיך,
דערמאָנט ער זיך אָן יענער נאַכט אין שייער —
ער שטייט און קוקט פאַרוואונדערט און פאַרגאַפט,
און זעט אין דעם אַ פינגער דאָ פון גאָט.

## צווייטער קאַפּיטל

### I

# ניי לעבן

א בוימל שטייט אויף פעלזינגן, אויף הארטן גרונט —
די ווינטן שלאָגן, ברעכן זיינע צווייגן,
עס שרפּה'ט אומדערבארמדיג א געלע זון
און שיילט, און פיצלט אים זיין קראַנקע קאָרע;
אָט איז אַ שטיק אין גאַנצן אַפּגעפאַלן,
עס טריקנט וואונדיג יענער פלאַץ און שמארצט
און ווערט פארדאַרט, און ווערט פארברווינט, פארשווארצט
און די געציילטע געלע בלעטלאך פונ'ם בוים
זיי חלש'ן פון זון און צאַפּלען פונ'ם ווינט.
נאָר ס'גראָבן זיך די וואָרצלען אין דער טיף,
און קעמפן מיט'ן פעלז אויף טויט און לעבן:
זיי שטרעקן זיך מיט דורשטנדיגע מיילכלאך,
און גראָבן זיך ארונטער טויטע שטיינער
דורך זאמדן טרוקענע, צו זוכן חיות —
ביז זיי דערשלאָגן זיך צום וואַסערדיגן גרונט.
און פלוצים, זע: פון בוימל איז געוואָרן בוים;
די צווייגן, אָדערן, ווי אָנגעדראָלן,
זיי זיינען טונקל, שוואַרצלאך־גרין געוואָרן.
די דאַרע אָפּגעלעבטע צווייגן ווערן
פון נייע צאַפּלדיגע צווייגן אָפּגעשאָסן,
די קאָרע גלעט זיך אויס, ווערט ווייך און גלאַנציג
און פריש און זאַפטיג. און די בלעטער
זיי מערן זיך, און ווערן טונקל־גרין

זיי ווערן דיק און שווער און אנגעגאסן.
דו קוקסט, און ס׳לייגט זיך אויף דער ערד א שאטן,
עס גרינען פאסן גראז אין געלן זאמד,
עס וויגן זיך די צווייגן גרין אין געלער היץ,
און ס׳לעבט דאס גרין מיט פויגל און מיט קלאנג.

די אלטע שטוב האט אויפגעלעבט פון ס׳ניי,
מיט נייע מענטשן פון אן אלטן שטאם:
די קליינע שויבן האבן זיך צעגלאנצט,
און אויף די טירן האבן בלעכעדיק געשיינט
די ווייסע מזוזות. אויף דער קרומער וואנט
וואס האט געבלאסט מיט פרישן קילן קאלך
האט זיך געדרויטלט און געגרינט א „מזרח"
פון גלאנצנדיקן פאדימזייד געשטאכן —
א ווייטער זכר פון די כלה־מיידל יארן.
ארום דעם מזרח — בילדער פון רבנים,
פון שטרענגע אידן מיט די הויכע שטערנס,
אין שווארצע אטלעסנע קאפאטעס, שטריימלאך,
מיט פנים׳ער פון דורכזיכטיקן פארמעט,
מיט הויקערדיקע נעז און לאנגע בערד.
און עטוואס אפגערוקט פון זיי — די פנים׳ער
פון צניעות׳דיקע מאמעס, עלטער־באבעס,
מיט שטילע אויגן און פארשנירטע ליפן,
מיט שטערנטיכער אויף די שמאלע קעפ
און בלאסע פערל אויף די בלאסע העלזער.
און אז די קרומע וואנט פלעגט זיך א טרייסל טאן,
פון דרויסנדיקן בראזגען מיט די אייזנס,
דאן פלעגן זיי זיך אפציען פון וואנט,
זיך איבערקוקן אויפגעלעבט, פאר׳חדוש׳ט.
אין ווינקל, אויף דער ווייס־געקאלכטער פאליצע
צוזאמען מיט די מעשן בענטשלייכטער
געשטאנען זיינען שלעפעריק, אין זיך פארטיפט
די אלטע ספרים פון דער היים געבראכט:

דער אַלטער רב בחיי אין די געלע ראַנדן,
דער גאַנג משניות'ן און פּעלענער עין־יעקב,
מיט אותיות שפּיציגע פון אַמסטערדאַמער דרוק;
און באַלד דאַנעבן, צוגעטוליעט ליב,
דער דורכגעווייַנטער ווייבערישער טייטש־חומש
מיט שפּילקעקעפּלדיגע הויקערדיגע אותיות,
מיט צאַצקעס שוואַרץ אויף ווייס אין געלן טעקסט.
אין הויז האָט שוין געשמעקט מיט ערדיג־בולבע,
מיט לעבעדיגער וואַרימקייט פון יהון;
און דורך די פענסטער פלעגט זיך אָפּט דערטראָגן
דער ריח, זאַלץ־פאַרבלוטיגט, פון אַ פעל,
נאָר פון אַ ווינקל, פון דער אַלטער שאַף,
האָט זיך געשפּרייט דער דינער בלאַסער ריח
פון אַלטן זייד פון מאַמעס היים, מיט געלבן וועש,
מיט שווערע קילע לייוונט־טישטוכער
וואָס האָבן נאָך פון אַלטער היים פאַרהאַלטן
דעם רייכן געלן ריח פון אתרוגים,
מיט גרינע הדס־בלעטער פון'ם לולב,
מיט לאָרבער־בלעטער, זיסע שוואַרצע נעגעלאַך,
פון אַלטער און פאַרשוואַרצטער בשמים־ביקס.

זעקס טעג אין וואָך האָט ער געבראַזגעט אויפ'ן הויף
פון פרי ביז שפּעט אין שוואַרצער נאַכט אַריין.
אַ שפּראָץ אויף טאָג איז ער שוין אויסן הויז;
עס פאָרן אָן די פורן, בייטשן קנאַקן,
די אייזלען טאַפּטשן איינגעשפּאַרט, עס הירזשן פערד,
מען וועגט, מען מעסט, מען דינגט זיך אויפ'ן וואָג,
מען אַמפּערט זיך, מען קלינגלט מיט'ן געלט.
עס שטייט אַ טומל, אַ געדיכטער שטויב, —
ס'געניגט קוים צייט אין הייסער מיטאָג־שעה
אַריינכאַפּן די בולבע מיט'ן זויער־מילך,
מיט איין אויג אויפ'ן הויף, וואו הינער רירן זיך,
און ס'ליגט דער ניגער אויסגעלייגט אין זון

באקלעפט מיט מחנות בלוטדורשטיגע פליגן.
די אידיגע איז איינגעשפאנט דעם גאנצן טאג
און גייט א שווייגנדיגע אין דעם יאך:
די קליינע פערעלע איז שוואך און בלאס,
דאס זיצט א שטילע, א פארטראכטע, אויף דער זון
מיט גרויסע אויגן אפענע; וואס זעען אלץ
און זעען גאר נישט, און זי חלומ'ט.
דערמאנסט איר ניט — פארגעסט זי זיך אן עסן.
דאס אינגל איז א מזיק — מוז מען אויפפאסן:
דאס שפרינגט אויף פורן, דראפעט זיך אויף אייזלען
קרימט נאך און חוזק'ט אפ פון ווייס און שווארץ —
די גוים יאגן זיך נאך אים מיט בייטשן
דא קומט די אידענע פון הויז צולויפן
און איז אים מציל פון דעם עשו'ס הענט.
זי עסק'ט זיך ארום די הינער און דער קו,
און בלייבט איר נאך א רגע פרייע צייט —
איז דא צו וואשן און צו פרעסן און פאררוכטן
און אז דער מאן קומט מיט דער נאכט אין שטוב,
איז פאלט ער ווי א שטיין באלד נאכ'ן עסן,
דער מידער קאפ א שטומער אויפ'ן טיש,
אזוי א לויפט די שווערע פולע וואך
ביז ס'קומט דער ליבער פרייטאג אויף דער וועלט.

נאר אז דער פרייטאגדיגער טאג נעמט שווינדן,
און שאטנס ווערן לאנג און ראז און לופטיג —
ווערט אפגעשטעלט דאס בראזגן פון אייזן.
דער לעצטער הויכער קלאנג צוציטערט זיך
אין קילער בלויער לופט און ווערט צוגאנגען.
דער שווארצער ניגער שלייכט זיך פויל אוועק,
דער ברייט־געשפאנטער טויער ווערט געשלאסן
און פון דעם ווייטסטן בלויסטן האריזאנט
און ביז דעם נענטסטן וואסער פונ'ם טייך
הויבט אן צו שוועבן אין דער פרעמדער וועלט

די טיפע בלויע לופט פון שבת־קודש.
אין הויז הויבט אָן צו הויכן מיט דעם היים:
די קינדער זיינען היימיש אויסגעצוואָגן
דער גראָבער טיש באַקומט אַ יום־טוב'דיגע צורה:
ער שטראַלט אַראָפּ מיט דעם געפּרעסטן טישטוך,
פון אונטער דער געשטריקטער חנ'עוודיגער שאַל
קוקט צנועה'דיג אַרויס אַ זייט, אַ שפּיץ
פון די געפלאָכטענע פאַרברוינטע חלות.
די לייכטער גלאַנצן האָפערדיג, געבענשט,
און לויכטן אין די באַבעס גוטע אויגן.
דאָס טייטש־חומש ליגט האַרציג אויסגעלייגט
צעעפנט שפּילוודיג אויף אַלע צאַצקעס,
און ס'שמעקט דער ריח פון די שאַרפע פיש
געפעפערט און געווירצט אין גאַנצן הויז.
און ס'גליען נאָך די לעצטע קוילן אויף דער קיך
און דעקן גרוי מיט אַש די שוואַרצע טעפלאַך.

און אַז די זון שטראַלט אויף אין טאָג פון רו
און ס'רוט דער הויף אויף זיינע אייזנס, פלעשער
אין לויטערן און שטילן שבת־שיין —
דאַן מאַכט דער איד דעם חשבון פון זיין וועלט.
ער קוקט זיך דאַן אַרום אויף זיינע קינדער,
און זינגנדיג די סדרה אויפ'ן קול
באַפאַלט אים גרויס רחמנות אויפ'ן קינד
וואָס צאַנקט אַ שטילס און אַ פאַר'חלומ'טס אינ'ם הויז
און גלעט איר קעפּל מיט פאַרשוואַרצטע הענט.
די אידענע האָט צייט צו טאָן אַ שמייכל —
און קוקט אַריין אין דראַבנעם עברי־טייטש.
דער פאָטער לערנט מיט'ן זון גאָט'ס וואָרט,
פאַרטייטשט אים מיט'ן שטילן באַנגן נגון
די סדרה פון דער וואָך, און האָט יסורים
צו זען ווי ס'ווערט דאָס אינגל אָפּגעפרעמדט,
דאָס וויל ניט זאָגן ברכה, דאָס פאַרגעסט

דאָס ביסל עברי וואָס ער האָט געבראַכט.
די ווייב האָט טענות צו די אייביגע „גיין טעג“
אָן ביסל פּליישיגס טריקנט מען און דאָרט.
אַ צער צו קוקן אויף דער עופה'לע.
נאָך וואָס באַדאַרף זי האָדעוון די הינער,
עס קריכן דאָך די אייער שוין פון האַלז?
היינט סתם, מישטיינס געזאָגט, אַלץ הייסט אַ לעבן,
אַ שטיין פאַרוואָרפן אויף אַ וויסטן אינזל,
מען וועט פאַרגעסן ריידן צו אַ מענטשן.
נאָר אַז עס פאַלט זיין בליק צום הויף אַרויס
וואו ס'מערן זיך די אייזנס מיט די פלעשער,
און אַז דער שבת־ווינטל טוט אַ הויך
מיט ריחות פון די פעל און רויען וואָל —
באַקומט ער מוט און זיכערקייט און טרייסט.
ער נעמט זי איין מיט גוטע שטילע ווערטער,
ער גלעט איר אויפ'ן פרעמדן שטייפן שייטל
מיט אומגעלומפּערטע פאַרגרעבטע הענט:
זי רויטלט זיך ווי אין די יונגע יאָרן —
ניש־קשה, מיט גאָט'ס הילף, ס'וועט ווערן רעכט.

II

## ד ז ש י י ק.

אַ יונגע קאַטשקע אויסגעפּיקט פון איי —
דאָס האַלט זיך קוים אויף אירע דינע פיסלאַך,
נאָר אָט אַנטפּלעקט זיך וואו אַן אויסשפּרייטונג
פון פליסנדיגן תמיד־רירעוודיגן בלוי —
און פּלוצים — פּלוסק — אַ שפּרונג אַריין אין וואַסער.
די רויטע הייטלאַך פון די שטיינגלאַך־פיס
צעשפּרייט, צעלאָזט, זיי רודערן אין וואַסער,
דאָס רויטע שנעבל אויפ'ן ווייסן דינעם האַלז
טונקט אונטער זיך, פאַרבלינעט זיך פון פרישקייט,

פון גאָט'ס געבענטשטער פליסנדיגער גאָב.
עס גייען כוואַליעס אויפ'ן קליינעם גוף,
און שווינקען אים, און גלעטן אים און וויגן.
עס שווימט דער קליינער גוף מיט נאַסע פעדערלאַך
און טראָגט זיך מיט גרויסן בלויען שטראָם.

און ווי דער קליינער קאַטשקע נעמט צום וואַסער
אַזוי האָט אויך דעם קליינעם יאַנקעלן
גענומען און פאַרנומען מיט דער נייער ערד.
און ניט אַזוי מיט ערד — ווי מיט דער לופט,
דער נייער, פרישער, אַנשטעקנדער לופט.
זיין אידיש צונג איז פלוצים שווער געוואָרן,
געדרייט זיך אומגעלומפּערט אין זיין מויל,
ווי אָנגענומען אַ פול מויל מיט שטיינדלאַך.
דאָס בלאָס, פאַרדאַרט און אויסגעטריקנט פּנים —
געוואָרן ברוין, פאַרברענט פון זון און ווינטן.
די ווייכע דינע הענט און פיס ווי בייטשן,
געוואָרן אויסגעפּילט, פאַרהאַרטעוועט, פאַרבראָנזט.
און אין די שוואַרצע אומעטיגע אויגן
האָט אָנגעהויבן טאַנצן אַ יונג פלעמל.

דאָס ברענט אַ וועלט. ווי גרויס אַ טאָג פון גאָט,
איז אים אַלץ ווייניג צייט: דער הויף איז זיינס,
דער טייך איז זיינס, דער ווייטער וואַלד איז זיינס,
דער שוואַרצער ניגער אויפ'ן הויף איז זיינער.
ס'איז, דאַכט זיך, שטיל פון אים — נאַר, אַז דער ניגער
דאַרף עפּעס האַבן אין דעם טונקעלן שייער
שפּרינגט פלוצים אויף אַ ווייסע שעפּסנפּעל,
און לאָזט זיך אימפּעטיג און טאַנצנדיג אויף אים.
דער ניגער וואַרפט אַוועק אַלץ פון די הענט,
די אויגן טויט־פאַרגליווערטע פון שרעק,
די הענט פאַרריסן אויפ'ן קאָפּ פון וואָל.
מיט ווילד־באַנומענע משונה'דיגע קולות —

ער פליט ארוים אין העלן הויף אויף אלע פים,
און הינטער אים לויפט מעקנדיג א שעפס.
א פארמער, אז ער ברייננט צופירן סחורה,
און ווארפט פון זיך אראפ דעם אויבערראק
מיט בלישצעדיגע גרויסע קנעפ פון ביין —
איז דינגט ער זיך און אמפערט זיך, און רויכט, און שפייט,
ציילט פארזיכטיג, אומצוטרויאך, דאס געלט,
צום ערשטן און צום צווייטן און צום דריטן מאל.
און אז דער חשבון שטימט שוין מיט גאט׳ס הילף,
ער מאכט זיך פארטיג מיט׳ן בייטש צו גיין,
באקליידט ער זיך צוריק אין בגד זיינעם,
און הויבט זיך אן פארשפיליען אויף די קנעפ.
ער שמועסט אויפגעלייגט, און שפיליעט, שפיליעט,
און — וואס צום טייוול איז דא היינט דער מער?
סע קנעפלט ניט. איז בויגט ער זיך ארונטער,
באטראכט דעם בגד מיט פארוואונדערונג און שרעק:
ס׳איז דאכט זיך זיינס, און ניט זיינס. אויף דעם פלאץ
וואו ס׳האבן ביינינגע געבליצט די קנעפ
איז וויסט און ווינד ארויסגעריסן מיט׳ן פלייש.
עס ווערט אן איבערקערעניש אין הויף,
מען זוכט דעם יונג: דער ניגער קאטשעט זיך,
און פאטשט זיך אין די קניען פאר התפעלות,
דער טאטע ערגערט זיך און זוכט ארום,
די מאמע קומט צולויפן שמעקנדיג געפאר,
דער גוי אין ראק פון לעכערדיגע פענסטער,
לויפט נאך דעם עולם, קנאקט די בייטש אין לופט,
די הינער פליען אום אין גרויסע אנגסטן.
דער יונג האט זיך פארקליבן אויפ׳ן שפיץ
פון הויכער קופע זשאווערדיגן אייזן
און לאזט ניט צו א מענטשן אין דער נאענט.
דער גוי שטייט אונטן פאכט מיט איין קולאק,
און טרייסלט מיט דער בייטש אין צווייטער האנט.

דער טאַטע הייסט אוועקגעבן די קנעפּ,
די מאַמע בעט זיך רחמים ביי דעם אינגל —
ביז סוף כּל סוף ווערט אומגעקערט דאָס רויב,
וואָס פאַלט אין זוניק־בלישצעדיגע רעדלאַך
פון הויכער קופּע אייזן צו דער ערד.
די מאַמע ברייננגט די נאָדל מיט׳ן פאָדים,
דער גוי שטייט מיט צעפאַרענע מיט שווערע פיס
האַלט פעסט די בייטש און לויערט אויפ׳ן יונג —
ביז מען פאַרשטשאָבעט ווי עס איז דעם בגד.

און אַז דער יונג האָט אָנגעהויבן גיין אין שול
האָט זיך זיין אידיש צונג אין גאַנצן אָפּגעשטעלט.
דאָס איז פאַרקאַכט געוואָרן מיט חברים,
מיט ווייסע שקצים מיט די זומער־שפּריינקלאַך.
דאָס ווערט פאַרפאַלן גאַנצע טעג אין וואַלד,
וואו גאָט האָט נאָר אַ זומפּ, אַ נעסט, אַ יאַגדע־בוים.
מען שפּילט אינדיאַנער מיט די אַלטע ביקסן,
מען לאָזט קענוי־שיפן אין בלויען טייך,
מען פאַרבט זיך אָן די באַקן ברוין און רויט,
מען שטעקט אַרום דעם קאָפּ מיט אינדיק־פליגל,
און פאַרטיק פאַר דעם שונא צו סקאַלפּירן.
דערזעען זיי די ניגער־קינדער פון דער ווייט,
צעלויפט מען זיך אויף אַלע שווארצע פיסלאַך,
מען גלאָצט אַריבער פאַרקאַנעם מיט אויגן,
אַ שווארץ און וואָליג קעפּל הויבט זיך אויף
און שפּרינגט צוריק אַ פלינקס — אַ גומי־קנויל.
דאָס קליינוואַרג טוליעט זיך דערשראָקן, שטיל
צום מאַמעס שירץ. און שווערע ניגערטעס
זיי שטרעקן פאַרזיכטיג די קעפּ פון טיכן
מיט רויכנדיגע ליולקעס אין די מיילער,
מיט רויטע טיכער אויף די קעפּ — און גאַפן.
עס שטייען וואָלקנס שטויב, עס טראַמפּלט שווער,
עס גרילצט דער הילכיגער געשריי פון קריג.

באגייסטערט און דערשרעקט.

און אז דער יונג
קערט אום זיך נאך א קריג אין שטוב אריין —
איז ער צעפלאמט, פארשווארצט, פארשמירט און רויט.
און הונגעריג — ווי עשו אין זיין צייט.
דאס האט ניט קיין געדולד דאס ברויט צו שניידן:
דאס קנייפט פון גאנצן ברויט און שטופט אין מויל —
היינט גיי, דערמאן אים דא פון זאגן ברכה.

דערפאר איז אים דאס קעפל שארף צום לערנען:
דאס גוייש למוד האט אן אנדער מזל.
דאס וויס און דאס פארשטייט און דאס באנעמט
די אויגן צינדן זיך ביי אים פאנאנדער,
דאס קול'כל קלינגט מיט ליבע און מיט פלאם
פון ברייטער פריירי און פון יונג־אמעריקע.
פון וואנען, וואס — עס ווארצלט זיך דער דרום,
ער האט שוין טענות צו דעם קאלטן צפון,
איז ניט צופרידן מיט'ן „אלטן אייב"
למאי האט ער באפרייט די שווארצע שקלאפן.
דער טאטע פרופט אריינ'טענה'ן אין אים,
דערציילט די פיינע מעשה פונ'ם חומש,
פון פאטער נח מיט די זין: פון שם,
פון חם און יפת, אז דער ברודער חם
איז דאך ניט שולדיג פאר זיין שווארצע הויט.
נאר דזשייקי האלט זיך ביי דאס זייניגע:
א ניגער איז א ניגער — און דאס גאר.
דער טאטע קוועטשט נאר, הערנדיג, די פלייצעס,
און זי, די מאמע, שווייגט און הערט און רעדט ניט.

III

# שכנים

רוי, שטאַרק און האַרט זיינען געווען די מענטשן,
מיט דעם אינסטינקט פון ווילדן בער און וואָלף
וואָס האָבן זיך נאָר אויפגעהאַלטן אין די וועלדער,
און מיט דער פלינקייט, שלויקייט פון׳ם רויטן מאַן
מיט וועלכן זייערע פאָטערס האָבן זיך
געמאָסטן כחות, און אים בייגעקומען.
עס איז געווען אַ יונגע פרישע וועלט
מיט ערשטע שפּרודלדיגע ליידנשאַפטן
פון ריזן־מענטשן באַלד נאָך וועלט־באַשאַף,
ווען איין קראַפט האָט געקעמפט מיט צווייטער קראַפט,
און איין קראַפט האָט די צווייטע קראַפט פאַרשלונגען.
עס האָט געיוירט, געקאָכט, געשוימט, געברויזט,
ווי אין אַ נייער פאַס מיט היוונדיגן וויין:
רירסט אַן ניט פאָרזיכטיג — און ס׳פּלאַצט אַרויס.
אַזוי ווי ס׳האָט די יונגע פרישע ערד
אויף וועלכע ס׳האָבן זייערע פיס געטראָטן
געיוירט, געברויזט מיט צוגעדעקטע שטראָמען;
האָט ווער צו טיף אַריינגעקלאַפּט אַ פּלאָקן —
האָט עס גענומען שיסן קלאָפטערהויך
מיט גראָבע גרינלאָכע געדיכטע שטראָמען
פון שמוציגן און שטינקעדיגן אויל.
היים, פּירכטערלאַך, אין ברויזנדיגער שנאה,
און גרויזאַם, אומדערבאַרעמיג, אין צאָרן
וואָס האָט זיך בלויז געלאָשן און געשטילט
מיט זייער שונא׳ס בלוט. עס זיינען ניט געווען
קיין קלענער און קיין ריכטער: איטלאָכער
האָט זיין געריכט געטראָגן אין די הענט;
און פאַר׳ן אָנטרעטן פון צווייטנס רעכט
האָט איין מאַן זיך געשטעלט אַנטקעגן צווייטן

מיט מעסעב, ביקס, מיט פײער און מיט רויך.
געדעכט צי נישט — זײן ברודער און זײן פרײנט
האָט באַלד זיך אַנגעשלאָסן אויף זײן זײט;
פאַמיליענווײז, מיט אַלט און יונג, מיט װײב און קינד
געפאָכטן דורות־לאַנג אַן אַלטן קאַמף.
די סבה פון דער אורשפּרינגלאַכער קריג
איז לאַנג געווען פאַרגעסן פון די קריגער:
צי איז׳ס געווען אַן אַלט צעבראָכן אַקס,
צי גאָר אַ מײדל הײס־באַגערט פון צװײען,
צי פאַר אַ װאָרט, אַ קרומען קוק, אין שײנק
בײם גלעזל משקה, שכור׳דיגערהײט,
צי פאַר אַ פּאַס פון גרעניצדיגן לאַנד —
נאָר בלוט האָט זיך געגאָסן הײס און רויט,
און אין די שוואַרצע הײסע דרום־נעכט,
פלעגט אָפט דער הימל ברענען רויט־געצונדן,
און אויפדעקן אַ שוואַרצן שטח נאַכט
מיט רויטער און רציחה׳דיגער מורא.
און ביקסן פלעגן קנאַלן דונערדיג,
און ס׳פלעגן טראַמפּלען װילד צערײצטע פערד
מיט שוואַרצע רײטער אויף צעהיצטע רוקנס.
און זונטאָגס, אַז מען פלעגט אַראָפּקומען אין שטאָט
פון מײלן און פון מײלן װײט אַרום
צו הערן ס׳װאָרט פון גאָט פון בלאַסע פּאַסטאָרס —
האָט זיך דער גרויסער מאַרק־פּלאַץ פאַר דער קירך
פאַרוואַנדלט אין אַ קריגערישן לאַגער
פון גרויסע, ברײטע און פאַרברוינטע מענער,
מיט הענט פון אײזן, פּנים׳ער פון בראָנז,
מיט שוואַרצע, ברוינע, געלבע, שטאַרקע בערד,
מיט בײזע פּײערן און שטרײנגע אויגן,
מיט הײס־קאַלירטע טיכער אַרום העלזער,
מיט װילדע, הײסע הירזשנדיגע פערד,
מיט שוואַרצע רערן פון פאַלירטע ביקסן

באַפעסטיגט צו די גלאַנצנדיגע זאַטלען.
אין אָנהויב איז דער איד געווען אַ וואונדער:
ס'איז שווער געווען באַגרייפן זיינע דרכים,
זיין פרעמדן הלוך און זיין פרעמדן לשון,
פון יעדן ריר זיינס האָט אַראָפּגעשריען פרעמדס
און זיך געוואָרפן אין די פרעמדע אויגן.
און אַז מען האָט זיך צוגעוואוינט אַביסל,
און ס'איז אַוועק די ערשטע ניט־פאַרטרויליכקייט
איז מען געוואָרן ריידעוודיגער, נענטער.
מען האָט זיך אָנגעהויבן צוקוקן פון נאָענט,
און זע אַ וואונדער: ער פאַרשטייט דאָך אַלץ,
און ווייסט פון אַלעם וואָס קומט פאָר אַרום,
און האָט אויף אַלץ אַ גוטמוטיג אַ פאַסיג ווערטל
וואָס איז צו זעלבער צייט אי פרעמד אי אייגן.
אַ מענטש ווי אַלע מענטשן, אַרבעט טאָג ווי נאַכט
און זאַמלט אַלטע אייזנס, ביין און קאָדער,
פאַרקערט, ער גיט נאָך מענטשן צו פאַרדינען.
וואָס דען, ס'איז זיי געווען קשה'דיג:
ווי אַרבעט עס אַ מענטש אין זונטאָגדיגן טאָג?
און איינמאָל אין אַ פיינעם שיינעם טאָג
איז אָנגעקומען אויפ'ן הויף דער פּאַסטאָר,
די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, שמייכלענדיג,
געזאָגט דעם אידן אַ גוט־וואָרט, זיך נאָכגעפרעגט
ווי גייט עס אים, געגלעט די קינדער אויפ'ן קאָפּ,
פאַרבויגט זיך פאַר דער שטילער אידענע.
אַ ביסל שפּעטער זיינען צוגעקומען
אַ צוויי־דריי שכנים; מען האָט זיך צעזעצט,
פאַררויכט די שוואַרצע ליולקעס, ווי דער שטייגער.
דערנאָך האָט זיך דער פּאַסטאָר שטיל צערעדט,
געצויגן מיט אַ ניגון ווי אין קירך,
געוויזן בקיאות אין דעם אַלטן טעסטאַמענט,
געמישט פון לוקאַס און פון פּאָול מיט פסוקים,

און פון די אנדערע אפאסטאלן פון קירך,
און אויסגעלאזן מיט א שטילע פראגע:
ווי קומט עס וואס ער ארבעט אין דעם טאג פון רו?
דא האט דער איד בנעימות אפגעענטפערט:
ער איז א איד, און האלט פון אלטן גלויבן,
ווי ס'שטייט פארזאגט אין אלטן טעסטאמענט:
זעקס טעג אין וואך זאלסטו דיין ארבעט טאן,
און אינ'ם זיבעטן, אין טאג פון שבת,
זאלסטו זיך רוען, און אים היילגן,
צוזאמען מיט דיין קינד, דיין אקס און אייזל.
אויף דעם האט זיך דער פאסטאר שוין פאר'חידוש'ט,
רחמנות'דיג געשאקלט מיט'ן קאפ:
צי ווייסט ער ניט, אז דזשיזוס קרייסט, דער זון,
האט שוין דעם שבת אפגעשאפט פון רו,
און אויף זיין פלאץ געשטעלט דעם זונטאגדיגן טאג?
דא האט רחמנות'דיג דער איד געענטפערט:
איז ניט געלערנט, האט ניט שטודירט אין שולן,
איז ניט בכח צו פארפירן א דיספוט
מיט איינעם וואס איז שטארק און גרויס אין וויסן.
ער גייט בלויז אין דעם וועג פון זיינע פאטערס,
און טוט ווי זיי האבן געטאן. — איז דאס
דעם דינעם פאסטאר שטארק געווען געפעלן,
זיך אויפגעהויבן און געדריקט זיין האנט,
פארבויגט זיך ווידער פאר דער אידענע,
און זיך אוועקגעשלייכט מיט שטילע טריט.
עס האבן זיך די שכנים אויפגעשטעלט,
געקלאפט אים אויף דער פלייצע: גוט געזאגט.
אויף מארגן האט דער איד באקומען צוגעשיקט
א שווערן דיקן בוינגדיגן ספר:
דעם אלטן מיט'ן נייעם טעסטאמענט —
געשיקט פון דינעם פאסטאר א געשאנק.

IV

# דיקסי-לאַנד

עס האָבן זיך גענומען ווייזן אינ'ם הויף
די מעכטיגע געשיקטע יעגער פון די בערג
אין הויכע שטיוול און די קורצע פעלצן.
דאָס זיינען געווען יונגען — גלוט און בלוט,
מיט יונגע קרייזלדיגע בערד און לאָקן,
ברייטביינערדיג און הויך און שטאַרק געוואָקסן.
אין ווינטער ווי אין זומער ברוין פון זון
מיט ווייסע טיפע איינגעקארבטע שראַמען
אין וואַלדיג האָר פון באַק, אויף בלאַסע שטערנס,
מיט אויערן צעשפּאָלטענע אין העלפט,
און ווידער שטיק אויף שטיק צונויפגעוואַקסן.
זיי פלעגן קומען מיט די ערשטע פרעסטלאַך,
ווען טויטע גראָזן גלאַנצן זילבערדיג,
און ס'הייננט אַראָפּ אַ נידעריגע זון
האַלב זילבערן, האַלב קופּערן, האַלב קרום,
פון ניט קיין הויכן, מילכיג-ווייסן הימל.
שערענגעסווייז, מאַן הינטער מאַן, אנטשוויגענע,
מיט שווערע פוטער-היטלען אויף די קעפּ,
מיט אָנגעשטעקטע מעסערס אין די גאַרטלען;
און פון די מיילער האָט געהויכט מיט וואָלקנדלאַך
פון דינעם ווייסן פראָסט אין שטייפער לופט;
די גראָבע ווייסע שטיוול ניט געשמירט,
זיי האָבן אין דעם קערנדיגן אייז
געשלאָגן ריטמיש, אויסגעקלונגען טאַקט,
ווי עס מאַרשירן זעלנער צו אַ קריג,
מיט קלאַפּן פונ'ם פויק און דראָבנעם שראָט.
פון אַקסלען האָבן בונט אַראָפּגעהאַנגען,
געבליצט אין מאַרגנדיגן פרישן ליכט
די גאָלדיג-רויטע שווערע פוקסן פעל

מיט װײכע האָר; דער גלאַנצנדיגער מינק
פון פּליסנדיגן ברױן װאָס גיסט זיך איבער,
די בלױע שװאַרצקײט פונ׳ם ראָץ און טכױר
מיט פינקלגלעזזרדיגע הײלעכדיגע אױגלאַך —
װאָס שמעקן נאָך מיט בלוט, מיט שנײ, מיט װאַלד,
און באַמבלען זיך מיט די קאַלירטע עקן.
און פלעכטן זיך, און מישן זיך װי לעבעדיג.

די אַלע האָבן זיך געמאַכט באַרימט
אין בלוטיגן, אין שװערן, ברודער קריג
מיט זײער פעסטער האַנט און שאַרפן אױג.
געהאַלטן נאַנט בײם פײערן אַ זיג
אַרום די פעסטונגען פון װאַשינגטאָן;
געבלוטיגט אין דעם מאַרש פון די אַרמײען
װען לי האָט אָנגעהױבן גײן צוריק;
גאַר פילע האָבן דורכגעמאַכט דעם חורבן
פון נײ־אָרלינס, אַטלאַנטאַ און קאָלאָמביאַ,
װאָס האָט זיך נאָך געטליעט אינ׳ם האַרצן
װי ס׳טליעט פײער אונטער גרױען אַש.
זײ האָבן נאָך געדײנקט דעם טאָג פון ריטשמאָנד,
דעם גרױען קאָפּ פון ריטערליכן לי,
און דאָס געװײן פון אַלטע װעטעראַנען
מיט גרױע בערד, צעשאָסענע מונדירן,
האָט נאָך געקלונגען אין די אױערן.

נאָר ס׳יונגע לעבן האָט געקאָכט אין בלוט —
און אַז געשעפט פלעגט װערן אָפּגעטאָן
פלעגט מען פאַרקלײבן זיך אין װינקל שײער,
װאו ס׳האָט דער אַלטער אָנגעגליטער אױװן
געשפּריצט מיט רױטער שיפּערדיגער היץ.
מען פלעגט אַרױסציען פון ברײטע כאַליװעס
דעם װײסן שטאַרקן ברענענדיגן בראָנפן.
די אױגן װערן אױפגעבליצט און גרױס,

מען מעסט זיך כחות, און מען ראַנגלט זיך,
די לאַנגע לאַקן פלאַטערן צעיאָגט,
עס קלינגט אַ הויה, אַ דונערדיק געלעכטער.
מען נעמט אַרויף די שכנים אויפ'ן צימבל:
ווער ס'שלאָגט זיין ווייב, און ווער עס פּאַטשט איר מאַן,
און וועמעס פערד איז גוט, און וועמעס בעסער,
און ווער ס'האָט וועמעס כלה צוגענומען,
אַוועקגעפירט פון קירך אין חופה־נאַכט
מיט ביקסן אין די הענט, און וואָס דער חתן
מיינט וועגן דעם צו טאָן; מען וויצלט זיך
אויף חתן און אויף כלה'ס צד; עס שטייט
אַ גרויסע רויטע פרייד אין ווינקל שייער,
צעגיסט זיך ביז דער קאַלטער ווייטער וואַנט,
אַריבער בערג מיט איינגעזאַלצטע פעלן,
מיט פערדישן געביין און אַלטער שמאַטע.

אַמאָל דערמאָנט מען זיך אָן בייזן קריג:
מען רעכנט אויס די נעמען פון חברים
וואָס זיינען אויף די הענט ביי זיי געשטאָרבן
אין נאַסע קאַלטע גריבער פונ'ם פעלד.
מען טרינקט „לחיים" זייער אָנדיינקען,
מען מאַכט דעם אידן נעמען צו די ליפּן;
עס עפענען זיך הערצער גרויס און ברייט,
און ס'גיסט זיך ברויזנדיק אַ הויה געשפּרעך
מיט פייער, מיט געווירץ, מיט האַרץ און זעל.
און ווי אַזוי דער הויכער דאַרער לינקאָלן
מיט די צעשרויפטע גלידער, לאַנגע הענט,
און מיט דעם בלאַסן און אויסגעצויגן פּנים
אין הויכן גלאַנציקן צילינדערהוט,
איז אומגעריכטערהייט, פון קיינעם ניט דערוואַרט,
אַריין אין ריטשמאָנד אין אַ פיינעם טאָג:
קיין גלאָק האָט ניט געהילכט, קיין ביקס געקנאַלט
נאָר פּלוצים האָט זיך ווי דאָס ווילד־פייער צעשפּרייט

די שטילע בשורה: דאָס איז ער, ס'איז ער.
און שטאָט און גאַס זיינען פאַרפלייצט געוואָרן
זיך אויסגעגאָסן אין אַ ווילדן ים
פון שווארצע וויינענדיגע לאַכעדיגע קעפּ.
די אויגן האָבן ווייס און בליצנדיג געבלאַנקט,
און שווארצע הענט האָבן צו'ן אים געשטרעקט זיך
מיט קליינע ניגער־קינדער איבער קעפּ;
און פון דער ברוסט פון שווארצן ים ארויס
האָט זיך געריסן דאָס געברום פון אַפריקאַ,
געריסן און געצופּט פון זיך די קליידער,
געבראָכן זיך אין ווילדע פייערדיגע טענץ,
געדרייט זיך, קאָנוואולסירט ביז צו דער ערד,
געשריען אינ'ם ווילדעסטן עקסטאַז:
„מיין דזשיזוס!“ „מיין דערלייזער!“ „הללויה!“
און ווי דאָס פּנים פון דעם בלאָסן אייב
האָט זיך פאַרצויגן וויטאָגלאַך מיט פּיין.

די בראַווע יעגער טרינקען אויפגערעגט:
די אויגן נעמען זיך פאַרגיסן רויט
די וויסע שראַמען גליען זיך פאַנאַנדער
און פון די ברייטע פלאַמענדיגע העלזער
הויבט אָן צו פליסן מעכטיג דאָס געזאַנג
פון שטאָלצן מוטיג־בראַוון דיקסי־לאַנד.
דאָס ליד פליסט שטראָמענדיג און הויך און רויט,
פילט אָן דעם טונקעלן דעם אַלטן שייער
און קלאַפּט זיך אָן ביז צום פאַרשווארצטן באַלקן,
מיט ברענענדן געשריי און פלאַם און שטאָלץ:
„הורא, הורא, פאַר דיקסי, הורא!“

## דריטער קאַפּיטל

I

# ווינטער

אין יענעם יאָר האָט זיך געשטעלט אַ ווינטער
מיט גלימצערדיגע פרעסט און שווערע שנייען:
אַלאַסקאַ האָט אַ בלאָז געטאָן אין לאַנד,
און פויגל האָבן אָנגעהויבן פאַלן
פון טרוקענעם און שאַרפן אָטעם פון דער לופט
אין האַרטן גרינגלאַך־פינקלדיגן שניי.
די טייכן האָבן זיך פאַרקאַוועט שווער,
און פון די ברונימער האָט מען געהאַקט
די גרינלאַך־בלויע סקוורן שווערן אייז
און זיי צעלאָזט אין קעסלען אויף צום טרינקען.
דער ישוב איז געוואָרן אָפּגעשניטן
ווי מיט אַ ווייסן פלאַמיג־שאַרפן מעסער
פון גרויסער וועלט אַרום. די הורבעס שניי
האָבן פאַרשאָטן יעדן וועג און טראַקט,
פאַרשאָטן אַלע רעלסן פון די באַנען.
און אַז דער קורצער, שאַרפער, ראָזיגער פאַרנאַכט
פלעגט זיך צעשפּילן מיט קאָליר און פאַרב —
דאַן פלעגן זיך אַנטפּלעקן ווייטע בערג
מיט ווייסע וועלדער ענג צונויפגעשלאָסן,
וואָס קוקן קאַלט מיט גרינעם און מיט בלויען שניי
אַראָפּ צום קליינעם ישוב אינ'ם טאָל,
וואָס ליגט אין אייז פאַרגליווערט ביז צום גאַרטל

מיט גראָבע ראָזע היטלען שניי אויף דעכער;
און פון די היטלען ציען גרויע רויכן
אין גראָדע שלאַנקע פליסנדיגע זיילן
צום טיפן הימל אָנגעזעצט מיט שטערן.

דערנאָך האָט דער אַלאַסקער אָטעם נאָכגעלאָזט,
און ס'האָט אַ צי געטאָן אַנאַנדער ווינטל:
דער הימל איז געוואָרן נידעריג און גרוי,
און אַז דער רויך פון קוימענס האָט געפּרופט
זיך אויפהויבן אין לופטן, האָט דאָס אויג
שוין ניט געקענט דערקענען, וואו איז רויך
און וואו איז הימל. ווי פון דינער זיפּ
האָט טאָג מיט נאַכט געשאָטן גאָר אַן אויפהער
מיט עפּעס ניט קיין וואַסער, ניט קיין אייז,
און שווער געמאַכט דעם שניי און טריב דעם אייז.
און אַז דער אייז־רעגן האָט אויפגעהערט צום סוף
און עס האָט אויפגעלויכט אַ בלאַסע זון —
האָט איטלאַך בוים זיך איינגעדעקט אין גלאָז,
און איטלאַך צווייג פון ליפּע און פון קאַשטאַן,
און פון די קליינע נאָדלדיגע ביימלאַך,
זיי האָבן זיך באַדעקט מיט גראָבן גלאָז;
און פון דעם גלאָז האָבן אַרויסגעקוקט
די שוואַרצלאַך־גרינע טיילן פון די צווייגן
ווי אויפגעשוואָלן, אין פאַנטאַסטישע אויזאָרן.
און אַז דאָס מינדסטע ווינטל איז געקומען
האָט אָנגעהויבן קלינגען אין דער לופט
מיט לאַנגע שווערע גלעזערדיגע צווייגן;
עס האָבן בוים און ביימל זיך געבראָכן,
עס האָבן דעכער זיך געזעצט פון משא
פון שווערן גלימצערדיגן אייזיג־גלאָז.

דער הויף מיט ברוקוואַרג האָט זיך איינגעזעצט,
אַריינגעפרוירן מיט די אייזנס אינ'ם אייז,

און פון די אייזנס האט געשמעקט מיט ראסט,
געיאגט פון זיך מיט ברענענדיגער קעלט.
אין שטוב האט טאג ווי נאכט געברענט דער אויוון
נאר ס'הויז איז אלט געווען און קאלט און אומעטיג,
און ס'זיינען אויף די ווענט ארויסגעוואקסן
געדיכטע שווערע פאנצערן פון אייז,
ווי אייטער־פענכערס אויף א קראנקן גוף,
וואס האבן אין דעם בלאסן שיין פון טאג
א בייזע מרה־שחורה אנגעווארפן.
די זיידעס אויף די ווענט האבן געפרירט
געווארן בלאסער מיט די גרויע בערד;
די אלטע באבעס מיט די דינע ליפן
זיי האבן זיך געקרימט אין בלוי פון קעלט.
און אז אין דרויסן האט גענומען אפגיין —
האט אנגעהויבן רינען פון די ווענט
מיט לאנגזאם־קריכנדיגע מוטנע טראפנס.
די קליינע פערעלע אין גרויסער בעט
איז שוין געלעגן אומעטיג און שטיל
אין גאנצן הויט און ביין, די פיס פארשטארט,
און ס'פלעגט די שטילע אנגעפעלצטע אידענע
דאס זודיג וואסער גיסן אין די פלעשער
כדי דאס עופה'לע צו האלטן וואַרם.
אמאל פלעגט זי פאר גאנצע שעה'ן לאנג
זיך אומקערן צום פייער אויף דער קיך,
זיך ווארימען די בלויאַד־רויטע דארע הענט,
פארטראכטן זיך, ארייקוקן אין פייער,
און קוקן, קוקן, קוקן — פלוצימדיג
זיך אויפכאפן ווי פון א בייזן חלום,
און דריי מאל אינ'ם פייער אויסשפייען,
און נעמען האסטיג שעפטשן מיט די ליפן.

ארויסקריכן אבער פון מאמע'ס בעט
איז פערעלע'ן שוין ניט געווען באשערט:

דאָס הערצל האָט געכריפּעט ווי אַ זעג,
און ס'האָט דאָס פּנים'ל געפלאַמט אין צונטער;
די בלויע אויגן האָבן הייס געברענט,
געגאָסן זיך אין וואַנדערנדן ליכט.
די בלאָנדע הערלאַך האָבן אויסגעזען
ווי זאַנגען אויף אַן אָפּגעברענטן פעלד.
דאָס אָרים גופ'ל מיט די כרופּקע ביינדלאַך
האָט פלאַמענדיג געברענט, געברענט, געברענט,
ארויסגעברענט פון בלאַסע קאַלטע לײַליכער
ווי ס'ברענט ארויס די זון אין ווינטער־פעלד
אויף ווייסן שניי אין שטילן אונטערגאַנג.
און אז דאָס ליכט האָט אָנגעהויבן אויסגיין
פאַרציען זיך ווי מיט אַ הײַטל גלאָז;
און אז די גלידער האָבן שטייף און האַרט
זיך אויסגעצויגן אין דער פולער לײַנג;
און אז די מידע ברוסט פון אָרים קינד
האָט שוין צום לעצטן מאָל אַ שלוכץ געטאָן,
ווי ס'שלוכצט אַ פויגל פאַר'ן שטילן שלאָף —
האָט אַלץ נאָך פון דער בעט מיט היץ געשלאָגן,
מיט רויטער היץ אין גרויען מאָרגן־ליכט.

האָט זיך דער טאַטע אָנגעטאָן אין בעסטן בגד,
זיך אָפּגעוואַשן דעם צעקרימטן פּנים,
פּאַמעלאַך זיך ארויסגעשלײַכט פון טיר,
און אז ער איז צוריקגעקומען שפּעטער
מיט צוויי־דריי אַלטע אָנגעזעענע שכנים —
איז שוין דער קליינער גוף געווען געוואַשן,
פאַרוויקלט אין די ווייסע לײַלאַכער,
מיט ברענענדיגע ליכט ארום צוקאָפּנס.
די מאַמע איז געשטאַנען שווייגנדיגערהייט,
די הענט פאַרקרעמפּטע אויפ'ן הויכן בויך,
אָן ווערטער זיך געטרייסלט מיט'ן גאַנצן גוף,
און זיך פאַרגאַנגען אין איר שטומען צער.

פון קלײנעם שטיפער דזשײק — איז איבער נאַכט
צוריק דער אַלטער יאַנקעלע געװאָרן,
דאָס אָרעם אינגל פונ׳ם אידיש שטעטל:
דאָס פּנים בלײך, פאַרשפּיצט און אויסגעצויגן
געזאָגט דעם תהלים דורך פאַרשטיקטע טרערן,
און ס׳קול׳כל האָט געציטערט, זיך געװיגט
אין דעם געבראָכן־יאָמערלאַכן נגון,
און אַז די שכנים זײנען אָנגעקומען
אין דער געפּרעסטעטער לופט פון הויז פון טויט —
האָט זײ אַרומגעכאַפּט די שװערע אימה.
עס האָבן דראָענדיג אויף זײ אַראָפּגעקוקט
די גרויע בערד און פרעמדע שטרײנגע אויגן
פון פײכטער װינטערדיגער װאַנט אַרונטער.
דאָס שװײגנדיג־פאַרגליװערט װײ־געשטאַלט,
און דזשײקי׳ס קול׳כל מיט׳ן פרעמדן נגון
זײ האָבן אָנגעװאָרפן אויף די געסט
אַ גרויסע אימה; און דער הויכער איד
איז מיט אַמאָל געװאָרן פרעמד און װײט —
ס׳איז גאָר נישט דער װאָס האַנדלט מיט׳ן ברוכװאַרג —
אַ שטרײנגער, װי די בילדער אויף דער װאַנט,
מיט שטאַרע, טרוקענע און רויטע אויגן.
און ס׳האָבן זיך די הענט פון זיך אַלײן געשטרעקט
צו אויסמאַכן דעם צײכן פונ׳ם צלם.

און אַז דער איד האָט אָנגעהויבן רײדן —
האָט מיט אַ שטילן יאָמערלאַכן צער
געטריפט פון האַרטן הײזעריגן קול,
פון די צעשפּאַלטענע און בלאַסע ליפּן,
פון די צעװײטאָגטע און יאוש׳דיגע אויגן,
און פון די שװאַרצע און פאַרשטײפטע פינגער
מיט װעלכע ער האָט אין דער לופט געשטאַכן
צום װינקל צו, װאו ס׳איז דאָס װײסע קינד
געלעגן אויסגעלײגט אויף װײסע בײנקלאַר

און ס׳האָט דער געלער שײַן געמאַכט אַ קרײַז
אַרום דעם קלײנעם דורכזיכטיגן קעפּל:
„מײַן טויטער ליגט פאַר אײַך, איך זוך אַ פּלאַץ
„מײַן עופה׳לע מײַן קלײנס מיט ערד באַשיטן,
„איך בין אַ פרעמדער דאָ צװישן אײַך,
„זאָל גאָט אײַך העלפן װי איר האָט ביז הײַנט
„מיר בײַגעשטאַנען אין מײַן טאָג פון נויט —
„באַװײַזט אויך צו מײַן טויטן אײער גנאָד,
„באַװיליגט מיר אַ קבר פאַר מײַן קינד.“
און זײַנע װערטער האָבן אָנגעשלאָגן
מיט ציטערדיקן קלאַנג אין אַלע הערצער;
און אײנער האָט אַ יונגע טרער פאַרװישט,
און אײנער האָט מיט גראָבע שװערע פינגער
גענישטערט לאַנג אין בײַטל פון׳ם טאַבאַק,
געזוכט, געזוכט, און נישט געקענט דערזוכן,
מיט אויגן טיף פאַרגראָבענע אין בײַטל.
אַ רגע איז געװען שטיל און טויט,
מען האָט געהערט דאָס פאָכן פון נשמה־ליכט:
דער איד מיט די צעשפּרײטע הענט אין לופט,
דער קאָפּ מיט רויטע אויגן אויפגעהויבן —
די שכנים מיט די בלױזע װײַסע קעפּ
געבויגן אין דעם אָנגעזיכט פון טויט. —
דערנאָך האָט זיך דער עלטסטער פון די שכנים
אַרויסגערוקט פאָראויס, געבליבן שטײן,
און אויף אַ שטילן קול געענטפערט װײך:
„דאָס בית־הקברות פעלד איז פאַר דיר אָפן,
„קלײַב אויס אַ פּלאַץ דאָרט אין די שענסטע רײען,
„און גראָב אַ קבר פאַר דײַן טויטן קינד.“
האָט זיך דער איד ענװות׳דיק פאַרבויגן,
זײַן פּנים האָט פון דאַנקבאַרקײט צעלויכט זיך,
און שטיל און צוטרוילאַך געערדט פון ס׳נײַ:
„אײן לעצט געבעט נאָך: אײגנס ציט צו אײגנס,

„און ווען מיין לעצטע שעה וועט אויסשלאָגן
„וואָלט איך געוואָלט, אַז מיין געביין זאָל רוען
„צווישן מיינע איינענע, מיין פלייש און בלוט;
„די גלויבנס אונזערע זיינען פאַרשידן
„דאָך אַלע זיינען שטויב פון זעלבן שטויב,
„און אַלע דינען מיר צום זעלבן גאָט,
„און גאָט וועט אייך באַלוינען פאַר דעם חסד.
„איך בעט אַן אָפּגעזונדערט שטיקל פּלאַץ
„מיין איינענעם בית־עולם צו באַנייען;
„און אויב ס'איז מיר באַשערט נאָך יאָרן דאָ
„וועל איך אייך אָפּצאָלן דעם גרויסן חוב."
און הייסע טרערן האָבן זיך צעלאָזט,
געפלאָסן פון די ווייטאָגלאכע אויגן,
פאַרקראַכן אין די קנייטשן פון די ליפּן,
פאַרלוירן זיך אין טיפן האָר פון באָרד.

און אַז ער האָט געהאַקט דעם קליינעם קבר
דורך שווערן אייז און ווינטערדיגער ערד
אין אָפּגעלייגטן בערגל פון'ם פעלד —
האָט זיך די קוואַל פון טרערן אָפּגעשטעלט,
און ס'האָבן זיינע אויגן אָנגענומען
צוריק דעם טרוקענעם און שאַרפן גלאַנץ.
און אַז ער האָט דאָס קינד אַראָפּגעלאָזט
אין דער געפרוירענער און געלער גרוב,
און ערשטע געלע האַרטע גרודעס האָבן
גענומען פאַלן אויף די ווייסע ברעטלאַך
מיט אַ געפרוירענעם און דומפּן קלאַנג
אין ווייסער קאַלטער שטילקייט וואָס אַרום —
ערשט דאַמאָלסט איז די פרוי צו זיך געקומען:
מיט יעדן נייעם שאָט פון ערד, האָט זי
געטרייסלט זיך פאַרויס אַריבער גרוב,
איר קוואַל פון טרערן האָט זיך אויפגעעפנט
און דאָס פאַרפרוירענע קול האָט אויפגעלעבט.

געגאסן זיך אין. גרוב אריין מיט טרערן.
זי האט מחילה ביי איר קינד געבעטן
און זיך געשלאגן אויפ׳ן פלאכן הארצן.
„לויף, קינד מיינס, לויף״ — האט זיך איר הארץ געגאסן —
„און מי זיך פאר די הייליגע אמהות.
„דערצייל זיי פון דעם ביטערן און שווערן לעבן,
„און בעט. זיי זאלן מיען זיך פאר אונז:
„אז יאנקעלע זאל אויסוואקסן און זיין א איד,
„אז ס׳זאלן מער דיין טאטע און דיין מאמע
„ניט וויסן שוין פון צער און בייז און אומגליק.״
און ס׳האט די גרוב אלץ מער זיך אנגעפילט.
זיך אנגעשאטן ביז די ווייסע ראנדן —
און ס׳האט ארום געשפרייט זיך ווייט און שטיל
דאס פרעמדע פעלד איז אויסגעבעטן שניי
מיט קליינע ווייסע בערגלאך דא און דארט,
מיט אנגעגלאזטע צלמים ביי צוקאפנס,
מיט גרינע נאדלדיגע יעגלע־ביימלאך
וואס לייכטן קאלט מיט טיפן גרין און שניי.
און איבער ווייסע בערג און בלויע טאלן,
און איבער גרינע אזיערעס מיט אייז —
איז שטיל און צוטרויקאך געוועזן צעהאנגען
א נאנטער און א ווייטער ווינטער הימל
מיט בלויע פאסן צווישן ווייסע וואלקנס,
מיט ראזיגע סמנים אויפ׳ן שניי
פון קאלטער ווינטערדיגער אונטערזון.

II

## גאט האט גענומען, גאט האט געגעבן

די קעלט האט נאכגעלאזט. ס׳האט זיך געשטעלט
א בלויער זוניג־ליכטיגער סוף־ווינטער,
מיט קילע נעכט און פרעסטלדיגע מארגנס

מיט ווייסן קילן שאַרכנדיגן אייז.
מיט יעדן טאָג האָט זיך די זון צעוואָרעמט,
געוואָרן ליבער, פלאַמענדיגער, גרעסער;
עס האָט דאָס בלוי פון הימל זיך פאַרטיפט.
און פויגל האָבן אָנגעהויבן זינגען
פון יעדן שפּאַלט פון אַלטן שוואַרצן דאַך,
און אין דער טונקלקייט פון שוואַרצן שייער;
און נייע ווינטלאַך האָבן אָנגעהויבן גיין,
גענומען ווייען מיט אַ נייעם ריח;
און פּלוצים האָבן ביימער זיך צעעפנט,
און אויף די שוואַרצע און צעיאָרטע צווייגן
פאַרנומען האָבן זיך און זיך פאַרשוואָלן,
זיך אָנגעדראָלן גרינלאַך־שוואַרצע קנאָספּן
וואָס האָבן מיט אַ זאַפטיג־ביטערקייט געשמעקט;
און ס'האָט גענומען אויסשיסן פון גרונט
מיט דינעם גרינעם קינדערישן גראָז.

ס'פאַרפרוירן הויז האָט זיך גענומען וואָרעמען,
און אַז די זון פלעגט זיך אין מיטאָג־שעה צעהיצן,
האָט פון די קלעצער אָנגעהויבן טריפן
מיט פעטע גאָלדיגע און שווערע טראָפּנס
וואָס האָבן זיך אין נאָז און האַלז פאַרקליבן
מיט זייער רייצנדיגן וואַלדיג ריח.
די פענסטער האָבן ווידער זיך צעעפנט,
אין הויף איז אויסגעצויגן הויך געשטאַנען
אַן אָנהויב־פרילינגדיגער קלאַנג פון אייזנס
וואָס האָט געציטערט מונטער אין דער לופט,
מיט ווייכע איינשניטן פון רעדער אין דער ערד,
מיט הירזשן פון די פערד, און הויך געלעכטער.
די קו האָט ווייך געמוקעט אינ'ם גראָז,
און ס'האָט דאָס יונג דאָס נייגעבוירן קעלבל
מיט בלוילאַכע און פייכטע גרויסע אויגן
געשפּילט זיך מיט דער מאַמעס ראָזן אייטער.

געבריקעוועט אויף אַלע דינע פּיסלאַך;
און ס׳האָט די קו מיט דעם געפּאַלדעוועטן האַלז
געפּירט אַריבערן דעם קיילאַכדיגן רוקן,
פון זייגעדיגער קאַלב, און ס׳האָט די קאַלב
געטאַנצט און זיך געזשמורעט פאַר הנאה.

אין איין פרימאָרגן פון אַ יונגן טאָג
האָט דזשייקי׳ן עפּעס אויפגעוועקט פון שלאָף;
געווען איז דאָס אַזוי: אין שאַרפן בלוי
פון יונגן זיך פאַרנעמענדיגן טאָג,
ווען דזשייקי איז פאַרטאָן אין בעסטן שלאָף
האָט עפּעס נייס געגומען ציען אין דער לופט
מיט דין מיט שאַרף מיט איינגעשפּאַרט געפּישטש,
וואָס איז ניט אָפּגעטראָטן פון די אויערן —
ווי ס׳פּרעסט זיך איין אַ בייזער זשומענדיגער מוק.
האָט דזשייק די קאָלדרע אויפ׳ן קאָפּ פאַרצויגן
זיך איינגעדרייט אין קיילאַכדיגן קנויל —
און פּטור. נור ס׳איז נאָך קיין צייט געווען
זיך אָפּצוגעבן צו דער זיסער רו —
ווי ס׳איז דאָס וואַסערדיג געפּישטש פאַרקראָכן.
פאַרקליבן זיך אַרונטער דעק און קאָלדרע,
און קריכט אין אויער, און דערגייט די יאָרן.
האָט דזשייק זיך אָנגעשטריינגט מיט אַלע כחות,
געבליבן שטיל פאַרנורעט אין דעם דעק,
די אויגן אַזש צעעפנט אין דער קאָלדרע,
און אָנגעשפּיצט די אויערן, צום פּלאַצן:
ס׳איז קלאָר: ס׳איז ניט קיין קאַץ, ס׳איז ניט קיין שוואַלב,
נאָר עפּעס אַנדערש. האָט ער שטיל, פּאַמעלאַך,
אַראָפּגערוקט די קאָלדרע פון׳ם קאָפּ —
ער זעט: די מאַמע ליגט אַ בלאַסע אין דער בעט,
און אויף איר קישן ליגט אַ צאַפּלדיגס, אַ קליינס,
אַ רויטס, און אַ צעקנייטשטס, אַ ליאַלקע־קעפּל,
מיט נאַסע הערלאַך צוגעקלעפּט צום שטערן.

דאָס גאַנצע פּנים׳ל איז לויטער מויל — און שרייט
א דין, א קוויטשעדיג, א לאַנג געשריי.
איז דזשייק געלעגן מיט פאַרכאַפּטן אָטעם,
ביז ס׳האָט אים אויסגעריסן פון געלעגער,
דאָס ווייסע העמדל אויף די קני פאַררריסן,
דאָס פּנים — פלאַם, מיט בליצן אין די אויגן,
אוועק א שטורעמדיגער איבער הויז —
געשריען דעם אינדיאַנער קריגס־געשריי
אויף אַלע אויסגערוטע פרישע לונגען:
און ווי דער ניגער אין דעם טאַטנ׳ס הויף,
געצאַפּלט זיך אין פייערדיגן ברען.
געבראָכן זיך אויף אַלע יונגע גלידער
אוועק אין ווילדן דזשיג אויף טיש און בײנק.

דער טאַטע האָט געדונגען ביי א שכן
א פערד און וועגל, נאָכגעלאָזט אין הויז
אַן אַלטע ניגערטע אין רויטן קנופּ
און מיט א שוואַרצע דורכגעברענטע ליולקע;
געוואָרנט דזשייק׳ן ער זאָל נעמען אכט,
און איז אוועק אין ווייטער שטאָט אריין.
דריי טעג איז עס געווען שטיל אין הויז:
די ניגערטע האָט זיך געפּוילט, געזעסן שווער,
געלאָזט דעם גרויען רויך פון שוואַרצער ליולקע —
און ווייטער גאָרנישט. נור אַז מזיק דזשייק
פלעגט אַנקומען אין שטוב מיט די געוואַלדן,
פלעגט זי זיך אויסטשוכן פון חלום־רויך,
און לאָזן זיך אויף אים מיט בעזימער,
מיט אַלטע שטיוול, אייזנס, שוואַרצע טעפּלאַך,
מיט וואָס נור ס׳פלעגט זיך מאַכן ביי דער האַנט.
די מאַמע איז דער בעט, פלעגט ריידן מיט די הענט,
און ס׳האָט דאָס קינד געזויגן און געפּרייכט
געשריען און געשלאָפן. אויפ׳ן פערטן טאָג
איז אָנגעפאָרן אויפ׳ן הויף דאָס וועגל:

דער טאַטע איז געקומען אַ פאַרשפּריצטער,
אין בלעכן שטויב פון קאָפּ ביז צו די פיס;
נאָך אים איז קוים ביים לעבן נאָכגעקראָכן
אַ איד מיט קורצע פיס און קיילאָכדיגן בייכל.
מיט ברילן שטויביגע אויף ווייכע אויגן,
מיט דיקע שאַלן אַרום באַרדיג האַלז,
מיט לאַנגע שוואַרצע קעסטעלאָך ביים אַרעם.
מען האָט געשלעפּט פון וואָגן זייטלאָך פלייש,
מיט שוואַרצע לונג־און־לעבערס, און מיט מילצן,
מיט שמעקעדיגע אָקסן־מאָגנס, גראָבע פיס.
דער ניגער איז געוואָרן באַלד פאַרנומען:
געזענגט די אָקסן־פיס אויף פייערן,
געפּיצלט און געהאַקט די שווערע קנאָכן,
און באַלד האָט אָנגעהויבן שמעקן אינ׳ם הויף
מיט עכטן ערב־שבת׳דיגן ריח;
און וואָלקנס פליגן זיינען אָנגעקומען
און מיט געזשום זיך אָפּגעזעצט צו שמעקן.

און אַז דער ליבער שבת איז געקומען
האָט עס פאַרשמעקט אין הויז מיט אַלע טעמ׳ען.
און אַז מען איז געגאַנגען צונ׳ם טיש
איז דאָס געווען באַשוינט מיט אַלדאָס גוטס:
צום אַלער ערשט, די לעבערקעס און פופּקעס
געהאַקט מיט ציבעלקעס, מיט שמאַלץ און אייער,
מיט צוגעברוינטע קיכלאָך מיט׳ן צימערינג,
מיט ביסלאָך קימלדיגן שנאַפּס;
דערנאָך דאָס קאַלט־פאַרגליווערטע פּעטשאַ,
געזאַלצן און געפעפערט און געקנאָבלט,
וואָס לאָזט זיך שניידן ווייך און קערנדיג
אין גרינלאָך־ווייסע דורכזיכטיגע שטיק:
דערנאָך די פעטע צוגעברוינטע בולבעס
וואָס שווימען אום אין גרויסע רעדער פעטס;
דערנאָך האָט שרייענדיג געוויינט דער קוגל,

דער מאָגן־קוגל מיט די ברייטע גראַטעס,
געוויינט מיט שמאַלציגע מיט געלע טרערן ;
דערנאָך איז דאָס פאַרברוינטע פלייש געקומען,
אויף וועלכן ס׳האָט דאָס מעסער ניט קיין שליטה,
ווייל ס׳האָט דאָס פלייש געשיילט זיך פאַסנווייז
געטונקט אין רויטן שאַרפן כריין מיט פינגער.
פון טאַטן האָט געגרונעט מיט׳ן שוויים,
פון אורח האָט געגרונעט מיט׳ן שוויים,
פון דזשייקי׳ן האָט געגרונעט מיט׳ן שוויים.
די זיידעס אויף די ווענט האָבן געשוויצט,
די באָבעס האָבן גאווה׳דיג געשנירט די ליפּן :
אַ פיינע סעודה, גאָר אַ פיינע סעודה.
און ס׳האָט די אידענע פון בעט אַרויס
געשמייכלט שבת׳דיג און אויפגעלייגט.
און צווישן איין געריכט און ביז דעם צווייטן
האָט מען געזונגען זמירות אויפ׳ן קול ;
דער אורח האָט מיט דזשייקי׳ן זיך געוויצלט
און אים אריינגעבראָקט אַזעלכע שאלות
וואָס דזשייקי האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן,
צי קיינמאָל נישט געוואוסט. עס איז אַוועק אַ קלער,
צי מעג מען דזשייקי׳ן רעכנען צום מזומן,
אַזוי ווי ער איז נאָך נישט קיין בר מצוה —
און ס׳איז געבליבן : מען וועט איינשטעלן.
און אַז עס איז געקומען צונ׳ם בענטשן
איז שווער געווען צו קערן מיט דער צונג,
עס האָבן זיך די אויגן מיד געקלעפּט,
און קעפּ געוויגט. עס האָט געשלעפּט מיט שטריק
דער זיסער זאַטער אָנמעכטיגער שלאָף.

דער איד איז אומגעגאַנגען אַ פּאָר טעג
און אָנגעמאַכט אַ חורבן אינ׳ם הויף :
אַ שטילס, אַ קליינס, אַ צער אים אָנצעקוקן,
באַטאַפּט דעם אייזן און באַשמעקט די וואָל —

נור ס׳קען ניט זען א הינדל אויף די פיס.
דאס שארפט דעם ברייטן חלף אויף זיין שטיינדל,
און פירט אים אויפ׳ן גראבן ווייסן נאגל,
און גייט פאוואלינקע ארוים אין הויף.
דער ניגער ווייסט שוין וואס דאס מיינט, און שפרינגט
און מאכט אזן א געפילדער ביי די הינער,
עס פליען פעדערן, עס שטייט א מורא —
און ער א מאכט דאס עסק נישט געאיילט.
ער נעמט זיך קאלט דאס הינדל פאר די פליגל,
פארדרייט דאס קעפל מיט׳ן האלז ארויף,
פליקט אפ רחמנות׳דיג א צוויי־דריי פעדערלאך,
און כיק — א שפריץ מיט בלוט, א ווארף אן דר׳ערד,
און ס׳פליט אוועק דאס הינדל אויפ׳ן הויף.
פארקוועטשט דאס בלוטיג מעסער אין די ציין —
און פארטיג אויפ׳ן שטעל באלד פאר דער צווייטער.
דער מאן וועט אים צעשניידן אלע הינער —
ווען ניט זיין קליינער ברודער מיט׳ן ברית,
וואלט ער זיך, דזשייק, מיט אים גערעכנט אנדערש.

און אז די צייט פון ברית איז אנגעקומען —
און אז מען האט דאס קינד אוועקגענומען
א זאטס, אן אנגעזויגטס, א שלאפעדיגס,
פון וויינענדיגער בלאסער מאמע׳ס ברוסט —
און אז דאס קינד האט פלוצים אנגעהויבן
צו שרייען מיט באנומענעם געשריי
ווי אפגעבריט מיט פלוצימדיגן פייער —
האט דזשייקי נישט געקענט מער אויסהאלטן,
און איז אנטלאפן פונ׳ם הויז ארוים.
ער האט זיך אומגעדרייט א טאג אין וואלד
און ס׳הערצל האט געקלעמט, זיך ניט געשטילט.
און אז ער איז צוריקגעקומען מיט פארנאכט —
און ס׳איז פון שוחט ניט געוועז קיין שפור
צוזאמען מיט די לאנגע שמאלע קעסטלאך —

איז דזשייקי'ן אַפּגעגאַנגען פונ'ם האַרצן.
נור לאַנג זיך פרייען איז אים ניט געווען באַשערט:
ער זעט: די קו זי בלאָנקעט זיך אַרום,
און טרייבט ניט אָפּ די פליגן מיט'ן ווידל,
און שטשיפּעט ניט דאָס גראָז, און שמעקט אין לופט,
און מרוקעט מיט אַ טרויעריג געברום.
האָט אים דאָס הערצל אָנגעהויבן קלאַפּן
און אַן אַטעם זיך געלאָזט צום שייער
וואו ער האָט לאַנג נישט זוכנדיג דערטאַפּט
דאָס רויטע גלאַנציג־האָרעדיגע פּעלכל
וואָס האָט זיך נאָך געריכט אין וואַרעם בלוט.

און נאָך אַ זכר האָט דער מאַן פון באָרד
און פוכקן בייכל נאָכגעלאָזט נאָך זיך:
דער ניגער האָט געטאָן ביי אים אַ פּעולה,
זיך אויסגעלערנט שחט'ן ווי דער „ראַביי".
אַנשטאָט דאָס קעפּל אָפּדרייען ווי פריער,
איז ער זיך קודם מכין צו דער אַרבייט:
ער נעמט דאָס הינדל פאַר די פליגל אָן,
און פליקט די פעדערן פון דינעם העלזל.
פאַרגלאָצט די ווייסע אויגן אין דער הויך,
און פירט אין העלזל מיט אַ שטומפּיג מעסער.

III

## שלום־עליכם — אַ איד

פון וואַנען און פון וואו דאָס גוטע יאָר
האָט אָנגעבראַכט צו טראָגן דעם פאַרשוין:
די דינע לאַנגע נאָז האָט וואָך געלעבט
געפלאָטערט און געצוקט מיט ברייטע פליגל,
געשטאַנען אויף דער וואַך, און איינגעזאַפּט
דאָס מינדסטע לופטל. אויפ'ן דאַרן פּנים

ארומגעפארן זיינען לאנגע וואנסן
מיט שפיצעכדיגע עקן אין דער הויך,
וואס האבן אנגעפירט אן אייגן לעבן:
אט זיצן זיי געמיטלאך אנגעזאטלט,
אט רייטן זיי אויף בלוי־ראזירטע באקן,
און אט פארקלייבן זיי זיך ביז אין אויער
און סוד'ן דארט אריין וואס נאר צום לאכן,
כאטש נעם און פלאץ. די אויגן לאכן מיט
אזעלכע קאלטע און פארשלאסענע אין זיך,
נישט גרוי, נישט בלוי, נאר רירעוודיג און פלינק.
פארברוינט פון זון. נאר זע א וואונדער גאט'ס.
ס'טאנדעטנע בגד אויפ'ן דינעם שטאנדל,
די שמאלע הויזן אויף די דינע דראנגן,
די געל־געשנורטע שיך מיט בולהונט־נעז —
ווי גארנישט אפגעטראגן פון דעם לאנגן וועג,
ווי ניט אויף אים האט שטויב און זון א שליטה.

ער איז אראפגעפאלן אין דעם ברוכווארג
ווי ס'פאלט אראפ א פלוצימדיגער שניי.
דער „אלטער דזשאש" איז פונקט געווען פארטיפט
אין א געזונטער פרישער אקסנפעל
וואס איז געלעגן אונטער אים צעשפרייט
אין פולער לייגג און בריים, א האריג טעפיך.
דאס איז געווען א ריזיגער געזונטער בול
מיט זילבערנעם געדיכטן שווערן האר
וואס האט זיך אזש געגאסן אין א גרין,
מיט מורא'דיגע טיף־געקארבטע הערנער
פארשארפטע ווי די שפיזן ביי די שפיצן;
אין שטארקן עק מיט שווערע גראבע רינגען,
מיט שווערע בונטן ווייסלאך־געלבן האר
ארומגעגאנגען זיינען שווארצע פליגן.
די פעל האט נאך געלעבט מיט אדערן און בלוט,
נאר וואס אוועקגענומען פונ'ם ווייסן בול.

און האָט מען זיך צו לאַנג אויף איר פּאַרקוקט
האָט זיך געדאַכט, די פעל וועט זיך אַ נעם טאָן,
אַ שמייס טאָן מיט'ן עק, אַ שטויס מיט הערנער,
און אומקערן דעם שייער קאָפּ אַראָפּ.
דערווייל איז דזשאָש נאָך אומגעגאַנגען אויף דער פעל,
מיט אַלע זיינע כחות אויסגעקערט
די לינקע זייט אַרויף, וואָס האָט געגלאַנצט
מיט ראָזע פּאַסן בלוט, און ווייסע פּאַסן שנײ
פון פרישן נאָך ניט אָפּגעקילטן פעטס —
געשאָטן הויפנס גראָבן זאַלץ אין פעל,
און ס'האָבן זיך די קערנדלאַך פאַרפאַרבט
אין שפּילעוודיגן ראָזיגן קאָליר.

דער פרעמדער איז געבליבן שטיין אין טיר:
די נאָז האָט זיך צעפלאַטערט און צעקרימט —
עס האָבן איר די ריחות ניט פאַרשמעקט.
די וואָנסן האָבן זיך צעשפּילט, צעבלאָזן,
גלייך ווי זיי וואָלטן פליגן אָפּגעטריבן;
און ס'האָט זיין קאַלט שאַרף אויג איינגעשלונגען
דעם גאַנצן שייער ווי ער שטייט און גייט:
די גרויסע באַלן פון פאַרשטויבטער שמאַטע,
די לאַנגע גראָבע זעק געפּאַקט מיט וואָל,
די הויכעס טרוקענע פאַרגעלטע ביינער,
די אויסגעשפּרייטע בלוטענדיגע פעל,
און די פאַרטיפּט־געבויגענע פיגור.
און ווי דער איד איז זיך אַזוי געשטאַנען
מיט קאָפּ אין פעל און רוקן צו דער טיר
איז איבער אים דאָס פרעמדע קול געפאַלן,
וואָס איז אים פאַרגעקומען ווי באַקאַנט:
„אַ פיינע פעל". — ער האָט זיך אויסגעגלייכט,
און האַסטיג זיך אַ קער געטאָן צום טיר,
און באַלד דאַרויף געכאַפּט אַ קוק צום פעל
ווי ער וואָלט מורא האָבן פאַר בייז אויג.

דער פרעמדער גאַסט האָט אויפגעכאַפּט דעם קוק —
און באַלד האָבן די וואַנסן זיך צעשפּילט,
און אָנגעהויבן קריכן צו די אויערן.
נאָר דאָ האָט דזשאַש געכאַפּט זיך אין דער צייט,
אַ הזיב געטאָן אַ שמאַטע פון דער ערד,
זיך אויסגעווישט די הענט פון בלוט און זאַלץ
און איז אַפּער געקומען צונ'ם דייטשל,
אַריינגעשטעקט אַ שמעקעדיגע האַנט.
און דאָ האָבן די גאַז־פליגל צעשפּילט זיך,
די וואַנסן האָבן זיך צעפּאַרשקעט, זיך צעבלאָזט,
דאָס מויל האָט זיך צעעפנט רויט און ברייט
און ס'האָט אַ פלוד געטאָן מיט צען מאָס רייד.

דאָס דייטשל האָט גענומען שיטן ווי פון בוך
מיט האַלבן דייטש, מיט האַלבן יענקי, אויסגעמישט,
געפּעפּערט און געווירצט מיט לשון־קודש.
ס'איז שווער געווען צו וויסן, ווי אַזוי
דאָס האָט זיך ביז צום מקום דאָ דערשלאָגן —
נור איין זאַך איז געווען קלאָר: דאָס דייטשל
איז דאָ געקומען אויף צו האַלטן לאַגער.
דאָס פיינסטע און טשיקאַווסטע איז געווען
וואָס ער האָט שוין געקענט אַ יעדן שכן,
געוואוסט פון אַלץ און אַלעמען אַרום,
און זיך געקאַטשעט ביי די זייטן לאַכנדיג.
געריעדט פון אַלץ און אַלעם מיט איין אָטעם,
געוואוסט דעם אידענ'ס סחורות און מקחים,
ווי ס'וואָלט געווען זיין אייגענער געשעפט
וואו ס'איז נישטאָ פאַרבאַרגענס און פאַרהוילענס.
געשאָטן עצות ווי פון פאָס אַרויס,
און ס'מויל האָט זיך ניט צוגעמאַכט אַ רגע.
נור אַז אַ מוק פלעגט אָנפליען פון ערגעץ
פלעגט ער פאַרשטיינערט ווערן, אויפ'ן פלאַץ:
זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן פליסיג וואָרט

די נאָז און וואָנסן שטייען ווי פאַרפרירט,
די אויגן אויסגעפרווירן אויף דער וואַך —
און פּלוצים — טראַסק — אַ פּלעטשע מיט די הענט,
די נאָז און וואָנסן הויבן אָן צו גיין,
זיי הויבן אָן צוריק פון רעכטן וואָרט
וואו ער האָט מיט אַ רגע פריער אויסגעלאָזט.

דאָס דייטשל האָט דערנאָך מיט זיי געגעסן:
אַ לאַנדסמאַן איז אַ לאַנדסמאַן· נאָר די אידענע
האָט זיך אויף אים געחידוש'ט זייער שטאַרק:
אַ פּראַנאָדם, נאָר דאָס מאַלט און מאַלט.
ס'איז גאָר קיין מענטש ניט: נאָר אַ קוועקזילבער —
און איידער אַזאַ איד איז בעסער גאַרנישט.
אַ הפקר־יונג, דאָס מיילכל גייט אויף רעדלאַך,
און האָט קיין בושה ניט פאַר גאָט און לייט.
ווי זי פאַרשמייט, וואָלט ער זיך ניט דערשראָקן
אפילו פאַר דעם גוטן „בשר־קוויטש" אליין —
פאַרקערט נאָך, זייער אָנגעלייגט, און ביטע שיין.
דאָס ברוכווארג אויפ'ן הויף געפעלט אים ניט —
ס'איז ניט זיין גוסט. ער ליבט, זאָגט ער, געשעפט
וואָס זאָל ניט אַזוי צופּן ביי דער נאָז,
און וואו מען זאָל זיך אָנזען מיט'ן מינץ
אַ יעדן טאָג פון גאָט. ער האָט, זאָגט ער,
פאַרטראַכט אַן אַנדער מין געשעפט, אַ פיין געשעפט.
דער עסק איז אַ פּשוט'ער: דער ניגער
וועט מוזן אָנהויבן צו קויפן הויזן,
ווייל יענע הויזן וואָס ער האָט אַמאָל
באַקומען פון זיין רייכן ווייסן פריץ
זיי זיינען שוין צעדריבלט און צעפאַלן.
דערצו איז ביי די פריצים דאָ אַ שלל
מיט אַלטע הויזן, שטאַנרעק און צילינדערס,
וועט ער עס אָפּקויפן אין רעכטן מקח
און וועט פאַרקויפן מיט'ן רעכטן מקח.

וואָס, ניין ? — געשטעקט די הענט אין קעשענעס,
געקלונגען דאָרט מיט הויפנס זילבערמינץ.

אַז ס'האָט דער אורח שפּעטער זיך צוזעגנט
איז פּלוצים שטיל געוואָרן אינ'ם הויז —
עס איז אַזש אָפּגעגאַנגען אין די אויערן.
עס איז געווען, ווי אַ זלידנע שטאַרקע פּויק
וואָלט דריי שעה אויפ'ן זייגער זיך צעקלאַפּט,
געבאַראַבאַנעט הויך און גייז פּאַרביסן —
און פּלוצים וואָלט דער פּויק אָוועקגעפּלאַצט.
דער איד איז אַ פּאַרמאַטערטער געבליבן,
די אידענע האָט דריי מאָל אויסגעשפּיגן,
און האָט צעעפנט ברייט און ווייט די טיר — — — ——
ווי זי וואָלט וועלן לופטערן דאָס הויז.

## פערטער קאַפּיטל

## I

# די שטאָט

דער ישוב האָט גענומען זיך צעוואַקסן,
און טריט ביי טריט פאַרוואַנדלען זיך אין שטאָט;
עס האָבן זיך גענומען הויבן אין דער הויך
די גאָרנדיגע מויערן פון רויטן ציגל;
עס האָבן אויף דער הויפּט־גאַס זיך צעגלאַנצט
די בוכשטאַבן פון גאָלד אויף גרויסע שילדן,
און פון די פענצטער פון געשליפן גראָבן גלאָז
האָט אָנגעהויבן גלימצערן מיט גאָלד און זילבער,
מיט פיין לאַקירטן מעבל, פּאָרצעלאַן און גלאָז,
מיט שווערן סאַמעט און מיט דינעם זייד.
דאָס הילצערן געריכט־הויז איז פאַרשוואונדן,
און אויף זיין פּלאַץ האָט שטאָלץ זיך אויפגעהויבן
מאַסיוו און ברייט, דריי־גאָרנדיג אַ בנין
פון שווער־געהאַקטע פּליטן גרויען שטיין
מיט שטיגן צענדליגער געהאַקט פון מאַרמאָר
אַרויפצושטייגן אויפ׳ן באַרג פון ריכט;
און אויפ׳ן בנין האָט שוין שטאָלץ געפלאַטערט
די ברייטע פאָן פון „שטערן און פון שטרייפן“.
דער ברייטער סקווער אַרום דעם הויז, באַדעקט
מיט פיינעם גרינעם קורץ־געשוירן גראָז,
מיט הויכע בוימלאַך פרישע שניי־קוגלען
וואָס בליען דורכ׳ן גאַנצן זומער־לאַנג
מיט ווייסע, ראָזע, בלויע, גרויסע קעפּ.

דערנאָך האָט זיך די הויפּט־גאַס אײַנגעדעקט
מיט גלאַטן גרויען אויסגעפּלאַסטערטן אַספאַלט.
און אַז די פרײלאַכע און קלײנע פּאַנים
צעלויפן זיך אויף אַלע קורצע פיסלאַך
געשפּאַנט צו לײַכטע קערבלאַך אויף צװײ רעדלאַך —
האָט נאָר געקלונגען אויפגעלײגט און הײמלאַך
דער פלינקער טענצלדיגער קלאַפּ פון קלאָען.
עס האָבן זילבעריג און װאַרעם זיך געשטרעקט
אין װײַטע פאַסן נײַע װײַסע רעלסן —
דאָס האָט דער ישוב זיך באַהעפט מיט שטאָט;
עס האָט גענומען גרילצן הויך און נײַ
מיט פרישע רויט־און־געל געפאַרבטע קאַרס
מיט לעבעדיגע גלאַנצנדיגע פענצטערלאַך,
מיט נײַגעריגע אומבאַקאַנטע פּנים'ער.
און אויפ'ן ברייטן גלאַטן פּלאַץ פון מאַרק
האָט שטאָלץ און ריטערלאַך זיך אויפגעהויבן,
מאַסיוו און שווער געגאָסן, די סטאַטוע
פון בראַוון לי: עס זיצט דער גענעראַל
אַ גרויער, אַ פאַרשטויבטער, אַ געלאַסענער,
און ס'איז דאָס פערד פאַרקילט געבליבן אונטער אים
מיט שטײַפע מוסקולן, צעיאָגטע נאָזלעכער,
אויף זײַנע מעכטיג־טאַנצנדיגע פיס.
ער זיצט און קוקט אַרונטער אויפ'ן מאַרק
פון הויכן גרויען שטײנערנעם געשטעל —
און מענטש און פערד װי שפּילצײַג אונטער אים.
און מחנות לופטיגע קאָלירטע פלעקן
פון פּורפּורנע און װײַסע, בלויע טױבן
זײ הייבן זיך אַרויף, און קרײַזן אום
דעם מעכטיגן און שטאָלצן פערד־און־רײַטער.

האַלב־שטאָט איז נאָך דערװײַל געװען פאַרטרונקען
אין שטרעקעס שיטערלאַכן גרינעם װאַלד:
עס האָבן נאָך געלעבט די אַלטע דעמבן

פון ריזיקן פארנעם אין ברייט און גרעב,
און דא און דארט האט נאך געלויכטן גרין
מיט היימישע צעלעגטע שנורן גערטנער,
מיט וויקלדיקע ברייטע הייפטלאך קרויט,
מיט רויטע שרייענדיגע קעפ פון מאן,
מיט הויכע בלעטערדיגע קוקורוזן,
מיט לאנגע שווערע גרינלאך־שווארצע קאווען.
און אויף די פלויטן האבן זיך געפרעגזלט
די זיסע ארבעס אין פארגעלטע שויטן.
איין סקווער, צי צוויי, פון דער באפוצטער הויפט־גאס
איז מען פארקראכן אין א לאבירינט
פון ענגע, שמוציגע, גערדיכטע געסלאך,
מיט ברעטלדיגע הייזלאך ווי לאמטערנעס,
אן פענסטער און אן קוימענס — בלויז מיט טירן.
די קעץ געגראבן האבן זיך אין מיסט,
און קינדער נאקעטע און שווארצע ווי די ערד
מיט קיילאכדיגע קעפ און רויטע אויגן,
זיי האבן זיך מיט כל־המינים הינט געשפילט.
נאר אין די נעכט פלעגט ווערן יום־טוב׳דיג:
ס׳האט איטלאך הויז געלויכט ווי א לאמטערן,
און פייערן זיינען געווען צעלייגט אין גאס.
די ארימקייט האט זיך באקליידט אין פורפור
און ס׳האט געקלימפערט און געקלינגלט און געטאנצט,
מיט א פארשמאכטן זודיגן געלעכטער —
עס האט געוויינט מיט עפעס ווייטס און פרעמדס,
מיט הייסן זומפ פון אפריקאנער ווילדוואלד.

דאס לעבן האט געשלעפט אין מארק אריין:
די אלטע שוויינגנדיגע, חלום׳דיגע וועגנט
פון יתום׳דיגע שעלבים און סיינט קלעירס
מיט שוויינגנדיגע קעלערן פון שטיין
וואו ס׳האבן אויף די וועגנט געזשאווערט יתום׳דיג
די קייטן און די צוואנגען פון טארטורן

זיי האָבן זיך גענומען שאָקלען אין דער לופט
פון גראָבע פרעמדע טרייסלדיגע ווינטן.
די אַלטע טאַטעס מיט די גרויע בערד
זיי האָבן נאָך געוואַרעמט זייער עלטער
אַרום די יונגע איידל־צאַרטע טעכטער
וואָס האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך דעם דופט
פון ווייטע פּאַנסיאָנען און קאָנווענטן,
די ריחות פון פאַרגעלבטע פּאַליאַנטן,
און בלומען איינגעפּרעסטע אין אַלבאָמען.
און פון דעם בלאַסן שטראָם פון אַלטע דופטן
האָט מונטערדיג און העל זיך דורכגעריסן
דער נייער דופט פון יונגן פרישן בלוט
מיט ריחות פון קיל־גלאַנצנדיגן קראָכמאַל
אויף די געפּרעסטע ווייסע לייוונט־קליידער.
זיי פלעגן אין די ווייסע טונקלע זאַלן
פאַרוויגן זיך אַריבער׳ן קלאַוויר
מיט לאַנגע ראָזיגע און פלינקע פינגער;
פאַרטיפן זיך אין די געשליפענע און פיינע
עסייען פון קאַרלייל און עמערסאָן:
פאַר׳חלומ׳ן די צאַרטע ווייסע מיידלשאַפט
אין זינגענדיגע קלאָרע טיפע פערזן
פון יונגן צאַרטן קיטס און אַלטן בראַונינג.
די זין זיינען געווען שוין פרעמד צו זיי:
זיי האָבן אויסגעטאָן פון זיך די פראַק,
אַראָפּגעשוירן לאָקן, באַקנבערד,
פאַרוואָרפן די צעפלאָכטענע קראַוואַטן,
פאַרטראָגן מיט דעם נייעם גראָבן שטראָם —
אַוועק צום רויען האַנדל אויף דער וועלט,
און אָנגעבראַכט מיט זיך די גראָבע ריחות
פון סטאַדעס אָקסן, אויל, און טאַבאַק־בלעטער.

און פּלוצים האָט אין נייער שווינגערדיגער לופט
אַ הילך געטאָן מיט גרילציגן געפייף:

דאָס האָט די נייע בראַזגעדיגע מיל
פון הויכע גלאַטע ווייסע ווענט אַרויס
אַרויסגעשריען פריידיג איר געשריי.
אַרום דער מיל האָט טאָג ווי נאַכט געברויזט
געקלאַפּט מיט שווערע פלאַכע ווענגענער
באַלאַדענע מיט הויכע ווייסע בערג
פון רייכן פּעטן שמעקעדיגן ווייץ,
מיט געלבן אַנגערייטן קוקורוז.
מען האָט געפירט, פּרובירט, געוואויגן אויפ'ן וואָג,
עס האָבן זיך געפּלאָנטערט פערד און אייזל,
און ווייסע ניגערס האָבן זיך געבויגן,
געקרעכצט אונטער די שמעקעדיגע זעק.
די רעדער האָבן איַנווייניג געקלאַפּט,
און אויף דעם גרויען גאַסיגן אַספאַלט
האָט זיך געשפּרייט אַ הייטל — ווייס און דין —
פון פרישן קילן מעל ווי ווייסער שניי.
און דריי מאָל דורכ'ן טאָג: אין פרישן ליכט
פון נייעם קילן טויאיגן פרימאָרגן,
אין הייסן ברען פון מיטאָגדיגער שעה,
אין צאַרטן שיין פון גליענדע פאַרנאַכטן —
האָט מונטער, רייצנדיג, דער שאַרפער פייף
געוואָרפן זיך אַריבער שטאָט און גאַסן,
און זיך צעשלאָגן אָן די וויַיטע בערג
באַזוימט מיט גרינעם און געדיכטן וואַלד.

II

## משפחה

דער הויף האָט זיך צעוואַקסן אין דער ברייט —
און וויפיל ברוכאייזן ס'איז נאָר פאַראַן,
און וויפיל אַלטע שמאַטעס, טויטע פערד,
געהאַלטן האָבן אין איין אַנקומען אַהין.

די אַלטע וואָג האָט קרעכצנדיג געאַהבעט,
מען האָט געפּאַקט, געוואויגן און געלאָדן
און שווערע אייזלען מיט די פעל פון וואויליק
געגאַנגען זיינען ווי צופּאַסעוועט אין שטיק,
דער איד האָט שוין געקנעלט מיט נייע גינערס,
זיי איינגעבראָכן אין דער שווערער ארבעט,
פון פרי ביז שפּעט האָט עס געקרעכצט, געבראַזגעט
מיט פורן און מיט ברוכווארג אויפ'ן הויף.

די אַלטע חורבה האָט זיך פריש באַקלאַפּט
מיט נייע גלאַטע שמעקעדיגע ברעטער;
מיט יעדן פרילינג, אַז די זון שיינט אויף
און טריקנט אוים די פייכטע ערד פון הויף
צעעפנט זיך די אַלטע טיר פון הויז
און שיט אַרוים אַ שפּאָגל־נייעם נפש
מיט נייע און משיקאַווע פרישע אויגלאַך
מיט הילכיג־קווימשעדיגע נייע קול'כלאַך,
זיי פּלאָנטערן זיך אום צווישן פים,
און קלימפּערן מיט אייזנם און מיט ביינער
און קריכן, דראַפּן זיך אויף גלייבע ווענט;
וואָס לאָז פריער זיך אַפּטרעטן אַ פּוס,
און נאָכדעם מאַכן זיי די גרויסע קולות.

דערנאָך גענומען האבן זיך באַווייזן
די קרובים און משפחה פון דער היים
מיט אויסגעמאַכטע קעפּ און שאַרפע אויגן,
מיט פליישיגע און צוקנדיגע נעז,
מיט שווערע גופים, גוטמוטיגע בייכער,
און קלימפּערדיגע קייטלאַך אויף די וועסטן.
די מענטשן זיינען אויסגעוועזן אַ וועלט:
געשלעפּט זיך איבער דייטשלאַנד, האָלאַנד, בעלגיען,
געלופּטערט זיך אין אַלע האַפנשטעט,
אין האַמבורג, ברעמען, אַמסטערדאַם און ראָטערדאַם,

גערימן אויפ'ן ים מאַנאַטן לאַנג
אויף די באַרימטע גוטע זעגל־שיפן
און אַנגעקוקט דעם מלאך המות פאַר'ן לעבן.
און אַז דער גרינגער ים פלעגט זיך צעשפּילן,
און זיך צעגעגענעצן מיט ווייסע מיילער,
און שיף און זעגל אַפּקאַכן מיט שוים —
דאַן פלעגן זיי צוזאַמען מיט די מייז
פאַרשטיקן זיך אין שוואַרצן און פאַרדעמפּטן לאַך
און אָפּזאָגן דעם לאַנגן ודוי אויפ'ן קול
מיט עכטע טרערן אויף די בלויע אויגן.
זיי האָבן דורך דער צייט זיך אָפּגעהיט
פון עסן טרפות, אָפּגעמאַכט ביי זיך
צו ווערן גוט און פרום צו גאָט און לייטן.
נאָר ווי עס האָט נאָר זייער פּוס דערטאַפּט
דעם זיכערן נים־וויגנדיגן באָדן —
באַלד האָבן זיי פון זיך אַליין געָ'חוזק'ט
און אָנגענומען די געשיכטע פאַר אַ שפּאַס.
דערנאָכדעם האָבן זיי געמאַסטן שפּאַן ביי שפּאַן
קאָלאָמבוס'עס מדינה מיט די פּעק:
ניי־ענגלאַנד האָט זיי אויפגענומען פיין,
געקאָרמעט זיי מיט בולבעס און מיט חזיר,
געלאָזט זיי שלאָפן אין די שייערן און שטאַלן,
געקויפט ביי זיי אַ שפּילצייג פאַר די קינדער.
אין פּענסילוויניאַ איז געווען ערגער:
דער ברודער־דייטש האָט גאָרניט זיך דערפרייט,
ווי נאָר ער פלעגט דערזען די נאַז און פּאַק —
באַקאַנטע נאָך פון אַלטער ווייטער היים —
האָט ער געלאָזט אויף זיי די גוטע הינט.
און אַז זיי האָבן זיך צום סוף דערשלעפּט
צום זוניגן און ווייטן דרום־לאַנד,
דערזעגלט זיך צום ווייטן גוטן ברודער —
האָט נאָך די זעגלשיף געשמעקט פון זיי

מיט טוכלע סמאָלע און פּאַרדומפּטע מײז
מיט אַ געמישאַכץ פון די נײע שטאָלן —
דערפאַר האָבען די אויגן פרײ געשמײכלט,
און בײכער גוטמוטיג געשאָקלט זיך,
און ס'האָט דאָס מעש פון קײטלאַך צוגעקלונגען
מיט יעדן טראָט פון שווערע גראָבע פיס.

די אַלע האָבן שוין גערעדט אויף דײטש,
און ביר געטרונקען אויפ'ן גרויסן שטײגער,
געריוכערט גראָבע שטינקענדע ציגאַרן,
און אָנגעקוואָלן שטאַרק פון זיך אַלײן
אויף אַ געלאַסענעם און גוטמוטיגן אופן.
געדײנקט נאָך עפּעס פונ'ם ווײטן חדר,
באַרימט געמאַכט דאָס וואָרט „מאַזומאַ" בײ די פעלקער.
נאָך זײ זײנען געקומען שווערע װײבער
מיט גאַידערדיגע און געפּאָלדערוועטע מאָרדעס
מיט שווערע אָפּגעשטאָפּטע היפּט און ברוסטן,
ווי פעסער קײלעכדיג אויף גראָבע פיס,
מיט טיכער טערקישע אין ברײטע גראָטעס.
די האָבן פעט געבלינצלט מיט די ליפּן,
געגאַידערט און געפּלוידערט ווי די גענז,
און זײער שטאַרק געהאַלטן פון אכילה.
זײ פלעגן קומען אויף אַ וואָך, צי צווײ,
בײם אידן אויפ'ן שמעקעדיגן ברוכוואַרג
און פול מאַכן דאָס הויז מיט זײער גרעב.
גרויס נחת האָבן זײ דאָרט ניט געפונען:
דעם אידנ'ס קעסט האָט זײ ניט אָנגעשמעקט —
עס האָט געהערשט אַ טריקעניש אין הויז.
פלעגט מען זיך דורכגאַרגלען געהעריג, דורכשרײען —
און אז די דײטשן פלעגן זיך צעפאָרן —
פלעגט ווערן פרײלאַכער, געראַמער אינ'ם הויז.

די דײטשן האָבן זיך דערנאָך צעשפּרײט
אין לײנג און ברײט פון גרויסן דרום־לאַנד:

אײן דײטש האָט טאַקע אויפ'ן פּלאַץ געשטעלט זיך
און אויפגעמאַכט אַ יאַטקע פון חזירים.
ער שטייט אין ווייסן שימערדיגן שירץ,
דער ווייסער בויך פאַרשמירט אין ראָזן בלוט,
די אויגן שמייכלען אומשולדיג און ריין,
און שניידט דעם קערנדיגן חזיר
מיט בלישצענדיגן ברייטן שאַרפן מעסער.
אַ צווייטער האָט אין הויפּט־גאַס אויפגעעפנט
אַ קליין געשעפט פון כל המינים ווייסצייג,
מיט ריינע שיינע קעסטעלאַך אין רייען,
אויף וועלכע ס'טאָר קיין שטויבעלע ניט פאַלן.
דאָס קרעמל האָט זיך אויסגעפוצט די פענסטער,
זיך אויסגעפאַרבן שפּיגלדיג די דילן.
און ער גייט אום דאָרט מיט'ן קלאָרן טיכל,
און ווישט דעם שטויב פון פּאָליצעס און קעסטלאַך,
צי שטייט אַ שמייכלדיגער אין דער טיר
דאָס האָר אין שרונט מיט בלייפעדער אין אויער,
און ניט אָפּ די פאַרבייגייער גוט־מאָרגן.
אַ דריטער פירט געשעפטן אין די בערג
אַרום די שוואַרצע קאַלטע קוילן־גריבער
וואו ס'האָבן זיך געגראָבן שטומע פּוילן
און דינע איטאַליענער און סלאָוואַנער —
גענומען צושטעלן אין ווייטן העק
פון כל־המינים סחורה אויסצוצאָלן.
אַזוי האָבן די דײטשן זיך פאַרשפּרייט.

דערוויל איז זיך געלאָפן יאָר נאָך יאָר:
די שטאָט האָט זיך געהויבן און געשפּרייט,
דער אַלטער הויף איז שטילערהייט געוואַקסן,
די פּיצלאָך קינדער האָבן זיך געהויבן
מיט שוואַרצע קעפּלאַך און מיט בלאָנדע קעפּלאַך
צווישן אייזנס, פערדנגעביין און קאָדער;
דערנאָך איז מען געגאַנגען אין די שולן

און אַנגעבראַכט אין הויז דעם נײַעם לשון
מיט נײַע לידער און מיט נײַ־געזאַנג,
די שטילע אידענע האָט זיך אַרויסגעשלאָגן
פון אירע כחות, טוענדיג איר אַרבעט.
דער איד האָט ווי דער אייזל שווער געפּראַצעוועט
ניט וויסנדיג פון טאָג און ניט פון נאַכט, —
דער שבת איז געווען צו קורץ צום שלאָפן.
די אַלטע ספרים האָבן דורך דער צייט
פאַרעלטערט זיך, און זיך באַדעקט מיט שימל,
און רב בחיי אין דעם געלן איינבאַנד
האָט עלנד און פאַרשעמט געטוליעט זיך
צום אַלטן גאַנג פאַרגעסענע משניות׳ן.

III

## ליטוואַקעס

צום סוף האָבן גענומען זיך באַווייזן
די לעבעדיגע רירעווריגע ליטוואַקעס
וואָס האָבן בלויז גערעדט מיט הענט און אויגן.
פאַרמאַרעט, אויסגעצערט, מיט גרינע פּנים׳ער,
מיט בייכער איינגעפאַלענע, ווי קאַרטן,
מיט אומעטיגע הונגעריגע אויגן.
די האָבן שוין געבראַכט די נײַ־מאַשינדלאַך,
די רעמלאַך און דעם בלאָק פון היטלמאַכער,
די קיילאַכדיגע אויסגעהוילטע ביינקלאַך
מיט נאָלן און מיט העמערלאַך פון שוסטער —
די חברה בעל־מלאכות פון דער היים.
זיי האָבן זיך באַזעצט ביי די קאַנאַלן,
אויף ווײַן־גאַס, און אויף וואַסער־גאַס, און ליים־גאַס,
די גאַסן וואו עס שניידן זיך אַדורך
די בלאַנקע רעלסן פון דער אייזנבאַן,
און וואו עס קומען זיך אַהין פאַרברייענגען

ביים גלעזל ביר און שנאפס די וואוילע שווארצע.
מען האט זיך אויסגעזעצט אין אלטע חורבות
מיט קליינע שטוביגע צעזעצטע פענסטער;
דער שניידער האט ארויסגעהאנגען דרויסן
א פאר פארלאטעטע געפרעסטע הויזן
וואס האבן אין א ווינט געבלאזן זיך
און אנגעפאטשט פארבייגייער אין פנים;
דער שוסטער האט צעווארפן אין זיין פענסטער
א בארג מיט אויסגעדרייטע קרומע שיך,
האט צוגערוקט דאס ביינקעלע צום פענסטער,
די פלייצעס אויפגעהויבן העכער פונ׳ם קאפ,
מיט גרויס התמדה און מיט ברען גענומען
צו שלאגן נעגל אין די אלטע שטיוול;
דער היטלמאכער האט ארייגעשטעלט אין שויב
דעם קיילאכדיגן בלאק — וואו אויפ׳ן שפיץ
האט אויסגעפרעסט און יום־טוב׳דיג געצוט
אן אלטער קאפעליוש — א שפאגל־נייער —
מען האט זיך אין די לעבער אויסגעזעצט — און שוין.
מען האט געגעסן אין געדיכטן שטויב,
מען האט געטרונקען אין געדיכטן שטויב,
מען האט געשלאפן אין געדיכטן שטויב,
מען האט געקליבן סענט צו סענט — און אפגעשפארט
אויף שיפסקארטן אהיים פאר ווייב און קינדער.

עס האבן זיך ארויפגעשאטן פון דער היים
די גרינע, דינע אויסגעצערטע ווייבער
מיט ברייטע הענט מיט בלויע שווערע אדערן,
מיט שימערדיגע אויגן ווי ביי וועלפיכעס,
מיט קינדערלאך ווי גרינע ארבעסלאך,
מיט רינענדיגע אויערלאך און נעזלאך,
איינס קלענער פון דאס אנדערע — און גאר.
מען איז פארפארן אין דעם מאנ׳ס געשעפט
מיט גרויסע פעק פון אלטן בעטגעוואנט,

מיט מעשענע צװײ לײכטער, קוגל־טעפּ,
מיט בײכיגע און געלע סאַמאָװאַרן.
מען האָט צעפּאַקט די גרױסע שװערע פּעק,
אװעקגעשטעלט אַ צװײ־דרײַ אַלטע בעטלאַד,
פֿאַרצאַמט דאָס הינטערשט חלק פֿון געשעפֿט
מיט רױטע און מיט גרינע פֿאַראַװאַנען —
און פֿאַרטיק מיט דער בעל־הבית׳ישקײט.
און מאָרגנס, אַז די קינדער האָבן זיך צערירט,
האָט זיך עס אָנגעהױבן דאָס געשרײ
מיט שאַרפֿע קניפּן, רײַסעניש פֿון האָר,
מיט פּײַקלדיקע בוכנצעס און דראַפּן.
די מאַמע פֿאַלט אַרײַן אין לעבעדיקן קנױל
מיט לאַנגע שאַרפֿע און געניטע פֿינגער
צו אױסטײלן גערעכטן משפּט אױף׳ן קנױל
פֿון די צעקרעלטע און צעלאַפּענע ממזרים.
דאָס בלױע מײלכל גײט געשמירט אױף שרײַפּלאַד,
און שיט מיט פּעך און שװעבלדיקע קללות —
און אײדער װאָס און װען — אַהאַ, דער מאַן —
זי האָט אים שױן גענומען אױף׳ן צימבל
אין אײן חברותא מיט קאַלאַמבוס׳ן,
און מאַכט פֿון בײדן נאָר אױף אױסצודרײען.
עס שטײט דער סוחר פֿון די אַלטע הױזן
און קראַצט זיך אין פּאַטילניצע און גאַפֿט:
אַ שאַרפֿע צונג, האָט גאַרנישט ניט פֿאַרגעסן.

דערנאָך האָבן די פּאַכן זיך צעמישט:
דער שטיװלנײער האָט אַרײַנגענומען הױזן,
דער הױזנשטעפּער האָט אַרײַנגענומען שטיװל,
דער היטלמאַכער האָט אױף בײדן זיך פֿאַרקוקט
און נאָך אַ קורצער איבערלײגעניש, געגאַנגען,
אַרײַנגעשטעלט אי הױזן און אי שטיװל.
דאָ זײַנען שױן די אױבערשטע געװען גערעכט:
נעגאַנגען, אָנגעשאָטן פֿולע פֿענסטער

מיט טוכלע און צעדרייטע קאפעליושן.
דערנאך האט מען זיך אנגעברוגז'ט, זיך פארקרימט,
צעשטעלט זיך אין די טירן פון די קראמען
מיט פנימ'ער פון קריגערישע הענדלאך —
זיך אויסגעשטעלט צוווארטן אויפ'ן גינער.
די ווייבער האבן אויך א האנט גענומען
און אנגעגורט מיט מוט די בראווע מענער.
און גאט ווייס ווי, פון וואו, און ווי אזוי
זיי האבן זיך דערוואוסט פון צווייטנס יחוס,
פון טאטנ'ס צד און מאמע'ס צד, און מחותנים
ביז צו די ווייטסטע אפגערוקטע דורות.
האט מען גענומען אויסרעכענען יחוס,
פארקראכן אזש אין יענעמ'ס אינגעווייט,
געשמאק, בא'טעמ'ט, מיט נגון, מיט געזאנג,
מיט ווייסן שוים אויף דינע בלויע ליפן.
דערפאר, אז ס'איז געקומען צו א שמחה,
ווען ס'האט זיך איינע פון די קריגערישע ווייבער
געלייגט אין קימפעט, צי חלילה ביי א צער —
איז מען זיך בייגעשטאנען איינס דאס אנדערע
מען איז געווארן צוגעקלעפט און זיס,
באטש צוצולייגן צו'ן א הארטע מכה;
מען האט די קימפעטארן אפגעהיט,
גע'עסק'ט זיך, געבאקן און געסארווערט,
געקאכט די שארפע מאנדלדיגע יאיכלאך,
און אויפגעפאסט די קינדער ווי די שררות.

דערווייל איז שוין אין שטאט ארומגעגאנגען
א דארער נפש מיט א הויכן גארגל
און גלאנצעדיגן לאנגן בגד, אויסגעשמירט
מיט בלוט פון עופות און מיט טראפן פעטס.
זיין עובדה איז געווען: ארומצוגיין
אריבער אלע קרעמלאך מיט'ן סדור —
און קלאפן, אנדולן א פולן קאפ

די מעקסים מיט די היימים מיט די סעמים;
אריינדרעלן אין זיי די טראָפּ פון סדרה,
פון וואָס די ניגערס פלעגן אָנקווען,
פּרובירן נאָכמאַכן דאָס פיין געזאַנג.
אויך פלעגט ער יעדן פרייטאָג־פרי זיך מעלדן
אַ שפּראָץ אויף טאָג, די עופות קוילענען,
און אָפּגעבען די ברייטע בעלי־הבית׳טעס
דעם ברייטן און דעם פיינעם גוטן מאָרגן.
מיט זון־פאַרגאַנג פלעגט מען דאָס בענטשן ליכט,
די מאַנסלייט מאַכן קדוש אויפ׳ן קול
אויף די צוויי היימישע געבאַקטע חלות;
די ווייבער ווערן גאָטספאַרכטיג און שטיל
און קוקן מיט דרך־ארץ אויף די מאַנען.
און שבת־פרי האָט מען זיך אויפגעהויבן,
און אָנגעטאָן דעם טלית ווי געהעריג,
אוועקגעכאַפּט דאָס שבת׳דיגע דאַוונען,
אריינגעכאַפּט דאָס ביסל קאַלטע עסן,
ארויפגעצויגן ס׳פאַרהאַנגל פון פענסטער,
צעעפנט ברייט די טיר אין גאַס ארויס, —
און שוין — ס׳איז אָפּ דאָס געשעפט פאַר האַנדל.

און אייגנטלאך איז דאָס געווען נאַטירלאַך:
אַ מענטש וואָס האָט געגרינט נאָך אין זיין שטעטל
האָט דאַרטן נאָך געוואוסט, אַז ביי קאָלאָמבוס׳ן
איז אַרבעטן אום שבת ניט קיין זינד.
דעם שבת פאַר׳ן זיך געזעגענען
האָט ער געלאָזט זיך געבן אַן עליה,
און ער, ווי אויך דער גאַנצער שבת׳דיגער עולם,
האָט גוט געוואוסט: אַ מאָנאַט, צוויי פון היינט
וועט ער דאָרט אין דער נייער ווייטער וועלט
ארומשלעפּן זיך ערגעץ מיט אַ פּאַק,
צי סטריגעווען תחתונים אין אַ פאַבריק,
צי עפּעס טאָן אַזוינס וואָס איז ניט שבת׳דיג.

די חכמה איז געלעגן נאָר דאַרין:
מען האָט געאַרבעט שבת'דיקן טאָג
נאָך שווערער ווי אין וואָכעדיקע טעג,
ווייל שבת קריגן מענטשן זייער שכירות;
געמאָסטן שיך און הויזן אויף די ניגערס,
געשפּיגלט מיט'ן גאָל און מיט'ן האַרצן —
נאָר האָבן זיך די שטערנדלאַך באַוויזן,
פלעגט באַלד דער סוחר אָפּשטעלן זיין האַנדל,
אַריינכאַפּן זיך הינטער פּאַראַוואַן
און מאַכן די הבדלה אויפ'ן קול.

דערפאַר האָט זיך אין זיי אַריינגעקריצט
אַן עלעפט געבאָט, וואָס מען האָט אָנגענומען
ווי ס'שטייט און גייט, און הייליג אָפּגעהיט —
דאָס ניי געבאָט: „זאָלסט העלפן זיך אַליין".
האָט מען געבראַכט אַ ברודער פון דער היים,
האָט ער עס נאָכדעם אָפּגעצאָלט ביים וואָך,
און דרייסיג יאָר נאָכדעם דאָס ניט פאַרגעסן.
מען פלעגט דעם ברודער לייגן אויפ'ן וואָרשטאַט,
און מאַרגענס אים אַרויסבאַגלייטן מיט'ן פּאַק —
קריינק אויך ווי מיר און דאָר און ווער געשוואָלן.
מען האָט גערעכנט זיך צום האַלבן סענט.
אין האָט איין ווייב געליען ביי דער צווייטער
אַ מעסטל זאַלץ, צי מעל, אַ שטיקל צוקער,
און האָט פאַרגעסן אָפּגעבן אין צייט —
האָט מען געהאַט דערנאָך וואָס צו געדיינקען:
און ביי דער ערשטער אָפּענער מחלוקה
געשריען ווענן דעם אין אַלע גאַסן.
און דאָס איז אויך געווען גאַנץ נאַטירלאַך:
אַ מענטש וואָס שלעפּט אויף זיך דעם שווערן פּאַק
און ס'שווילן אים די פיס אַזוי ווי קלעצער,
און האָט צו טאָן מיט הינט און בייזע גוים —
צי איינער וואָס ליגט איינגעשפּאַרט אין שטויב

פון פרײ־פארטאג און ביז א שטיק אין נאכט
און שלאגט די נעגל אין די אלטע זוילן —
אזעלכע ווײסן וואס דער סענט באטײט.
און אז א מענטש פלעגט מאנטאג־פרי באגינען,
אוועקמארשירן מיט׳ן פאק אין דארף —
פלעגט ער דער ווײב זײנער צוערשט דערצײלן,
אז ער וועט שבת האלטן אויפ׳ן דארף.
און פרײטאג־נאכטס, ניט פריער ווי נאך ליכט־בענטשן
פלעגט דאס דער מענטש אריינפאלן אין הויז,
און אז די ווײב פלעגט ווערן גריז און געל:
זי האט זיך ניט געריכט לכבוד שבת —
פלעגט ער, דער מאן, זי טרײסטן אויפריכטיג:
ניש־קשה, שא, ס׳עט רעכט זײן ווי עס איז,
גיס צו א שעפער וואסער און גענוג.

אזוי האט די פארדארטע גרינע ליטע
ארײנגעקליבן זיך, און זיך צעלײגט
אין פעטן און געבענטשטן דרום־לאנד.

IV

## ווידער ליטוואקעס

די בוימער האבן זיך געבויגן פון דער לאסט
פון רויטע גלאנצנדיגע קילע עפל
און דורכזיכטיגע ראזע אבריקאזן.
א וואלד איז נאך געווען א וואלד: געפלאכטן,
געצווײגט, געקניפט, געקנוילט, צענויפגעדרייט,
און פון געדיכטקייט האט געשמעקט מיט פוילקייט,
מיט נאסע שוואמען, ווילדע קוסטן מאלינעס,
מיט דורות־אלטע שיכטן וואלד־געוואוקס.
וואו איין פלאנץ האט דערשטיקט א צווייטע פלאנץ,
און איז פון צווייטער׳ס בויך ארויסגעקומען,
און אין די שארפע ליכטיגע לבנה־נעכט

נאך פלעגן ציען זיך די קייטן הירשן
מיט וואלדיגע גערעכט־געצווייגטע הערנער
צו זילבערן לבנה'דיגע וואסערן.
און קאראוואנען ווילדע שטארקע ענדיקעס
מיט מעכטיגע געשפריצט־קאלירטע פליגל,
מיט פיס פון עכטן שטיין־קאליר און הארטקייט —
זיי פלעגן אנפליען אין וואלד צו האלטן נאכט,
באזעצן זיך אין שווארצע שטארקע צווייגן,
און כאלדערן פון שלאף ביים מינדסטן שארך.
אין מיטאג־שעה, פון ריינעם גאלד געשמאלצן,
פלעגט אינ'ם וואלד א צי טאן מיט געשמאק
פון רייכן שווערן פליסנדיגן האניג,
מיט דעם געזשום פון גאלדיג שווערע בינען.
די ווייטע פלאך האט נאך אין זיך פארהאלטן
די ערשטע פרוכטבארקייט פון יונגער ערד,
וואס האט געשאסן און געשפריצט מיט זריעה.
דאס גראז איז פעט געווען און שווער און שפריצנדיג,
און שווערע סטאדעס אקסן זיינען אומגעגאנגען
מיט אומגעהויער ברייטע רוקנס, הערנער.
און קי האבן געשלעפט אין פעטן גראז
די שווערע אנגעקוועלטע אייטערס מילך.
און אומגעציילטע סטאדעס ווייסע שאף,
זיי האבן זיך ווי ווייסע רירעוודיגע פלעקן
געקייקלט זיך אין לעבעדיגן גרין,
ווי ווייסע כוואליעס אין א גרינעם ים.
און אז דער פארמער פלעגט אראפברייינגען אין שטאט
זיין רייכן איבערפלוס פון פעלד און גארטן
אין בלוטיג־רויטע שפריצנדיגע בוריקעס,
אין שווערע ווייסע בולבעס ווי די שטיינער,
אין גריזן און פעטסט געוויקלטע קעפ קרויט —
האט מען עס ניט געמאסטן אויפ'ן בושל,
נאר אויסגעטיילט אין זעק פאר קליינעם זילבער.

א שווערע פּעטע הון פֿאַרקויפֿט צו פּערטעלע,
און הענער האָט מען צוגעלייגט אין צוגאָב.

אַז ליטע איז אַרײַנגעפֿאַלן אין דער שפּע,
אין לאַנד, וואָס האָט געפֿלאָסן מילך און האָניק —
און אַז זי האָט זיך אויסגעלערנט עסן —
האָט זי זיך אויסגעזעצט אין שטויב פֿון קראָמען
און האָט גענומען שרײַבן פֿײַנע גרוסן
אין די פֿאַרשמאַכטע הונגעריקע שטעטלאַך.
סע האָט דערציילט זיך ווי ס׳איז גוט און וואויל,
מען וואַרפֿט זיך אום מיט פֿלייש אין מיטן וואָך,
און וואָס פֿאַר פֿלייש נאָר: הינער, גענז, און קאַטשקעס.
און ברויט עסט מען פֿון פֿײַנעם ווייצנמעל,
און ס׳וואַלגערן זיך אום דאָרט אין די גאַסן
די גרויסע רויטע זיסע קאַווענעס.
וואָס שפּריצן מיט דעם האָניק־זיסן סאָק.
און די פֿערדאַרט צעטריקנטע משפּחה
וואָס האָט געגערט זיך אויפֿ׳ן שוואַרצן ברויט
מיט וואַסערדיקע בולבעס אין די שאָלעכץ.
האָט אָנגעהויבן חלומ׳ען פֿאַרשמאַכט
פֿון ווײַטע ים׳ען און פֿון פֿעטע לאַנד,
פֿון וואַנען ס׳קומען אָן די פֿײַנע בילדער
פֿון טעכטער און פֿון זין מיט גלאַטע פּנים׳ער,
פֿאַרפּוצט אין פֿײַנע גלאַנציקע צילינדערס
מיט גראָבע שווערע קייטן אויף די בײַכער,
מיט קײַלאַכדיקע אייניקלאַך, ווי מאָפּסן.
נאָר אַז די מאָפּסן פֿון די פֿײַנע בילדער
האָט שוין דערעסן און געקראָכן פּונ׳ם האַלז
די מוציא ברויט מיט אָנגעשמירטן האָניק,
און אַז די דינע גרינע בעל־הבית׳טע
האָט אָנגעהויבן בײַנקען נאָכ׳ן הערינג —
פּלעגט זי זיך נעמען צו דעם מאַנ׳ס נעביין

און אויסלאָזן איר האַרץ צו דעם קאָלאָמבוס:
זיין ברויט איז ניט קיין ברויט, זיין פלייש קיין פלייש,
א הון איז דאָ קיין הון ניט, און להבדיל,
א ברודער איז קיין ברודער ניט — און גאָר.

די מאַנען אָבער האָבן זיך דערוויייל
בשלמות אָנגעטריבן זייער מסחר:
מען האָט געשלעפּט זיך איבער וועג און שטעג
אין נייעם פרעמדן מורא'דיגן לאַנד
מיט שווערע נאַקנברעכנדיגע פּעק.
דער מאַן אין וועג איז אָפּגעקומען מיט'ן ברויט,
מיט א געבאַקטער בולבע, מיט אַן איי,
וואָס ס'האָט דער פּאַרמער אים געשאַנקען.
מען האָט געפינסטערט טאָג ווי נאַכט אין קראָם,
געבראָטן זיך ביים ברענענדיגן אייזן,
געבראַזגעט אויף די אַלטע ניי־מאַשינען,
אריינגע'טענה'ט מיט'ן האַרץ אין ניגער.
און מערקווירדיג איז עס געווען: ווי שנעל
די מענטשן אַן א צונג האָבן באַגריפן —
און קלאָרער זאָגנדיג — דערשמעקט, דערטאַפּט,
דעם נאַקעטן מהות פון פרעמדן ניגער,
פון דער עקזאָטישער און ווייטער ראַסע,
מיט יעדן זייער קנייטש און ריר און דריידל,
מיט זייער אויפריכטיגן קינדערישן לאַכן
און מיט דעם שפּעטער איינגעפלאַנצטן אומעט,
מיט זייער גוסט, און רייכן טראָפּישן געשמאַק.
און ס'איז געווען נאַטירלאַך, וואָס דער ניגער
האָט אויך פון זיין צד באַלד דערשמעקט, אַז די —
זיי זיינען עפּעס נענטערע מענטשן;
געהערן טאַקע צו דער ווייסער ראַסע,
נאָר ווייסע ראַסע פון אַן אַנדער מין.

די דייטשע ברידער האָבן מיט די נעז

געקרימט זיך אויף די אויסגעדארטע אידלאך
און האבן זיי באטיטלט: גרינגע שנארער,
און שפאס געמאכט פון זייערע מנהגים.
נאר צוויי מאל דורכ'ן יאר: אין מורא'דיגע טעג
פון ראש השנה און יום כפור, פלעגט דער תהום,
דער ברידערלאכער תהום באהעפטן זיך —
צונויפגעקומען דאוונען מיט א מנין.
דערנאך פלעגט מען זיך ווינטשן גוטן יאר
און זיך פאנאנדערגיין ביז קומענדיגן יאר.
די איינציגע, וואס פלעגן ווי עס איז
אריבערשפרייזן יענעם תהום — געווען איז
דער לאנגער דארער „שאחעט" מיט'ן חלף,
און דער בית־עולם צווישן פרעמדע צלמים:
און אז א דאר, א קריינקלאך ליטוויש קינד
האט ניט געקענט פארטראגן מער דעם שויב
פון טאטע־מאמע'ס ניגערשן געשעפט
און האט פארביינקט זיך נאך א בעסער וועלט —
האט מען זיי ברידערלאך געלייגט צוזאמען
אין דעם קליינקברימ'דיגן אידישן בית־עולם —
ווייל ערשטע צו באנייען דעם בית־עולם
געווען זיינען די שוואכע בלאסע קינדער —
און ס'האבן זיך געהויבן קליינע בערגלאך
מיט דינע ווייסע ברעטלאך ביי צוקאפנס,
און אויף די ברעטלאך אינ'ם פיינעם גראז
האט אויף דער דרומ'דיגער זון געלויכטן
פירעקעדיג און ניי די פרעמדע שריפט.

## פינפטער קאַפּיטל

I

# דזשאָשואַ

אַז דזשאָש האָט אָפּגעקויפט דעם אַלטן טאָמפּקינ׳ס פּלאַץ —
האָט ער דערשפּירט זיך פּלוצים, ווי ער וואָלט
געלאָזן טיפע וואָרצלען אין דער ערד.
זיין בליק איז מיט אַמאָל געוואָרן זיכער,
געוואָרן גוטמוטיג און קלאָר און שמייכלדיג;
זיין פעסטער טראָט אין אַלטן ברייטן הויף
האָט אויסגעקלונגען זיכערקייט און מוט;
דאָס פּנים איז געוואָרן מונטער, אויפגעלייגט,
און אין די קנייטשן פון דער נאָז און ליפּן
האָט אָנגעהויבן שפּילן לייכט אַ שמייכל.

עס האָט פאַר אים זיך אָנגעהויבן ציען
אַ קייט פון רואיגע און אַרבעטזאַמע יאָרן.
מיט לייב און זעל פאַרטיפט אין זיין געשעפט
האָט ער אַליין גאָר נישט באַמערקט, ווי דורך דער צייט
איז ער געוואָרן איינגעוואַקסן אין דער ערד,
ווי אַלץ איז אים געוואָרן נאָענט און אייגן.
זיין ענגליש צונג איז אים געוואָרן פריי
מיט איטלאַך בויג און אויסדרוק פון די שכנים;
ער האָט געהאַט אַ וויץ פאַר יעדן איינעם,
אַ פריינדלאַך וואָרט, אַ קלוגן קורצן משל,
גענומען פון אַ שכל׳דיגן מדרש.

פון וואָס די בראַווע שכנים פלעגן אָנקוועלן.
האָט מען באַדאַרפט צו בויען אַ שפּיטאָל,
צי אויפשטעלן אַ נייע קירך, איז מען
געקומען צו דעם דזשאָש נאָך אַ נדבה.
מען האָט זיך אָנגעהויבן צוהערן צו׳ן אים,
אין אַ פאַרלעגנהייט, וועט מען שוין קומען
צום אַלטן דזשאָש צו האַלטן זיך אַן עצה.
און פלעגן שכנים קומען צו׳ן אַ סכסוך,
פלעגט אָפטמאָל דזשאָש די צדדים אויסגלייכן
און ברייננן זיי צו שלום דורך אַ פשרה.
און נאָכדעם ווי די נייע בעסטע פריינט
זיי האָבן שוין באַנעצט דעם שלום מיט אַ טרונק,
דאָ פלעגן זיי אויף זיך אַליין זיך חדוש׳ן:
למאי מען האָט זיך גאָר באַדאַרפט צו קריגן?
דער עסק איז דאָך אַזוי קלאָר און פשוט,
אַ קינד אין וויג קען דאָך אַזוינס באַנעמען.
און אַז די מאָס פלעגט ווערן איבערפול,
פלעגט מען שוין קושן זיך דורך הייסע טרערן,
און האַלטן אין איין טענה׳ן מיט התפעלות:
אי דזשאָש, ער טראָגט אַ קאָפּ אויף זיינע פּלייצעס!

נאָר שפּעטער, אַז ס׳האָט דזשאָש גענומען פירן
די פורן רויטע ציגל אויף זיין פּלאַץ,
און זיך געשטעלט צו מויערן זיין בנין —
דאָ האָט מען שוין אין גאַנצן אויפגעהערט
דעם אַלטן דזשאָש צו קלאַפּן אויף דער פּלייצע.
עס האָט זיך אויסגעלייגט אַ דיקער פונדאַמענט
פון גרויסע סקווערן שווערן גרויען שטיין,
און נאָכדעם האָבן זיך צעוואַקסן ווענט
פון נייעם רויטן ציגל, שנור אין שנור,
מיט גראָדע ווייסע רייען הויכע פענסטער.
און אַז דער רויטער דאַך פון שווערן בלעך
האָט זיך צולעצט צעלייגט, און זיך צעגלאַנצט —

האָט ער הרחבה׳דיג מיט זיך באַשיצט
אַ נייעם גרויסן און געראַמען בנין,
פיר גאָרן הויך, פון אומגעהויער ברייט און לייַנג,
מיט ברייטע שווערע טויערן פון אייזן
אויף ביידע זייטן פון דער לייַנג פון בנין,
מיט גרויסע ליפטס אַרויפצוציען סחורה,
מיט ליכטיגע גערעמע קעלערן — געבויט
פון אייזן און קאָנקריט צו האַלטן פעל,
מיט פרעסן און מאַשינען אויף צום פאַקן,
און מיט אַ גרויסער ליכטיגער קאָנטאָר
וואו ס׳איז אַ שטילער קרוב שוין געזעסן,
און זיך געגריבלט אין די דיקע ביכער.

אַז דזשאָש האָט אויפגעבויט זיין לעבנ׳ס בנין —
איז שוין זיין קאָפּ געווען דורכגעשטרייפט
מיט אייזן־גרויע פּאַסן האָר; זיין פּנים,
פאַרבאַקן אין אַ העלער ציגל־רויטקייט,
מיט טיפע קנייטשן אַרום שטאַרקן מויל —
האָט מיט באַהאַלטן זיכערקייט געשמייכלט.
דאָס הויז איז הויף געווען זיינען פול
מיט שלאַנקע און אַטלעטיש־שטאַרקע זין,
און יונגע דינע פּוריטאַנער טעכטער
אין ווייסע קליידער און מיט לאַנגע צעפּ,
מיט ריין־געשניצטע ברוינע פּנים׳ער.
נאָר די זיינען געווען שוין פרעמד און ווייט
פון אַלטן שטאַם; אפילו ער, דער טאַטע,
איז דורך דער צייט געוואָרן פרעמד צו אַלעם,
געוואָרן גלייכגילטיג און קאַלט צום גלויבן.
דעם שטן, אַז דו גיסט נאָר אַפּ איין פינגער,
פאַרלאַנגט ער באַלד די גאַנצע האַנט: צוערשט
האָט ער פאַרפעלט אַ דאַווענען, שפּעטער נאָך איינעם,
און באַלד איז אים אין גאַנצן שווער געוואָרן,
ביז ער האָט אויפגעהערט אין גאַנצן דאַווענען.

דעם שבת פֿלעגט ער האַלטן נאָך געשלאָסן —
נאָר אײַנגײן איז עס אים ניט אײַנגעגאַנגען.
אַנשטאָט צו רוען און אַרײַנקוקן אין ספֿר
האָט אים דער קאָפּ געטראָגן אין געשעפֿט,
און וואָס מער דאָס געשעפֿט האָט זיך צעוואַקסן,
איז אַלץ דער שבת מער צו לאַסט געפֿאַלן.
און אָפּטמאָל פֿלעגט ער שבת, אומגעריכטערהייט,
זיך כאַפּן אַז ער חשבון'ט מיט אַ בלײַפֿעדער —
ער פֿלעגט אַ ווײַל פֿאַר זיך אַליין זיך שעמען,
נאָר באַלד זיך ווידער אין געשעפֿט פֿאַרטיפֿן.
די אײנציקע וואָס האָט אויף דעם געזיפֿצט,
איז בלויז געווען די דינע הויכע ווײַב:
זי פֿלעגט נאָך מאַכן שבת־קודש ווי אַמאָל,
און בענטשן שבת־ליכט און זאָגן תּחינות,
און בענקען נאָך די אַלטע גוטע צײַטן.
דער שײַן פֿון די געבענטשטע ליכט האָט אָבער
פֿאַרטרײַבן ניט געקענט די פֿרעמדע וואָכיקייט,
און ס'האַרציקע געבעט פֿון אַלטע תּחינות
געפֿאַלן איז פֿאַרשעמט און איבעריק
אין ווײַטע אויערן פֿון פֿרעמדלאַנד זין,
און אָפּגעפֿרעמדטן אײגן פֿלײש און בלוט
פֿון שלאַנקע טעכטער מיט אַ פֿרעמדן לשון
וואָס קוקן בײַ די שבת־ליכט אַרײַן
אין אומפֿאַרשטענדלאַכע און ווײַטע ספֿרים.

און דאַן האָט שוין דער נאָמען פֿון דעם איד
געקלונגען הויך און ווײַט איבער'ן לאַנד:
קענטאַקי, טענעסי, אָהײאָ און אינדיאַנאַ,
ביז אילינאָיז און קענזעס־שטאַט פֿון איין זײַט,
און ביז די ווײַטסטע צפֿונ'דיקע שטאַטן
פֿון צווייטער זײַט — די אַלע האָבן שוין
געשיקט אים זייער האַנדל און געגלויבט
אין אידנ'ס וואָרט און טאַט און פּינקטלאַכקייט.

א וואָרט זיינס איז געווען א וואָרט: בארעכנט,
ראַיעל, און שטריינג צו זיך ווי צו דעם צווייטן.
זיין שלאָגוואָרט: „מיינס איז מיינס, און דיינס איז דיינס".
און דאָס געשעפט האָט זיך צעשפּרייט, צעצווייגט,
און גרעסער איז געוואָרן זיין פּארנעם,
און זיינע מעגלאכקייטן. ס'איז געווען
א וואונדערבארער אויפרעגנדער שפּיל
אין שווערע טויזנטער און מאַרך און נערוון,
און דזשאַש, דער קאָפּ, דער אויפטוער פון דעם,
איז שטיל געשטאַנען פון דעם אלץ ביים רודער
און האָט געטריבן צום געווינשטן ציל.
און פונקט ווי אלע שטאַרק ענערגישע נאַטורן
האָט ער נישט ליב געהאָט זיך אָפּשטעלן און ריידן
פון ווייטער עלנדער פארגאנגענהייט.
און אז א שכן וואָס האָט אים געדיינקט
פון יענע צייטן מיט'ן שווערן פּאַק
פלעגט אים אמאָל א זאָג טאָן: „דזשאַש,ביי גאָט,
„א בנין האָסטו זיך דאָס אויסגעבויט,
„אי־אי, א שווערער פּאַק געווען דיין פּאַק
„וואָס דו האָסט דאָ געבראַכט אין די מקומות..."
פלעגט דזשאַש אים געבן ענטפער מיט'ן האלבן מויל,
ביז וואַן דער גוי פלעגט זיך פארפּלוידערן,
און איבערשפּרינגען אויף א צווייטן ענין.

געוואוינט האָט מען נאָך אלץ אין אלטן הויז,
וואָס האָט זיך מיט זיין אלטקייט אויסגעטיילט
אנטקעגן נייעם שרייענדיגן בנין.
די טעכטער זיינען נישט געווען צופרידן
נאָר ריידן הויך אין אנגעזיכט פון פאָטער
האָט זיי פארפעלט דער מוט. דערפאַר די מאַמע
איז מיט דעם אלטן הויז געווען צופרידן:
עס איז איר ליב געווען איעדעס ווינקל,
די אלטע אויסגעדרייטע ביינערדיגע ווענט,

און יעדער שטיין פון הויף איז איר געווען נאָענט.
אַמאָל פלעגט זי דערמאָנען זיך אַן טויטן קינד
וואָס איז געווען דער קרבן פאַר דעם אַלעם.
און דאַן פלעגט זי אַ גיפטיגע, פאַרביסענע,
מיט גרינע אויגן קוקן צונ'ם הויף
וואו ס'האָט זיך רויט און פעסט און שרייענדיג
געהויבן דער פירגאָרנדיגער בנין.
און דזשאַש, דער קאַפּ, דער פירער און פאַרזאָרגער
ער איז, דאַכט זיך, געווען ווייט פון אַלעם,
האָט מיט זיין שאַרפן אויג באַנומען אַלץ —
פאַרטאָן מיט ליב און זעל אין די געשעפטן.
דאָך האָט ער מיט זיין חוש דערטאַפּט און דורכגעפילט
די נויט און דעם פאַרלאַנג פון יעדעם איינעם.
פלעגט צייטנווייז אַריינוואַרפן אַ וואָרט
צו איינעם פון די זין צי פון די טעכטער,
פון וואָס זיי פלעגן ווערן רויט־פאַרשטוינט:
פון וואַנען ווייס דער פאָטער גאָר אַזוינס
וואָס מען האָט קיינמאָל אויף די ליפּן נישט געבראַכט.

די לעצטע צייט פלעגט ער אַרומגיין שטיל,
פאַרשווינדן פונ'ם הויף אויף שטונדן לאַנג
און אַז ער קומט צוריק אַהיים ביינאַכט
פלעגט שפּילן אויפ'ן מויל ביי אים אַ שמייכל,
וואָס טוט זיך קוים פאַרבאָרגן אין די וואָנסן;
און אין די גרויע יוגנטלאַכע אויגן
פלעגט אומטאַנצן אַ שטיפערישער פייער.
פלעגט נאָכקוקן דעם זילבער־גרויען רויך
פון דיקן שוואַרצן שמעקנדן ציגאַר
וואָס טוט זיך שפּרייטן איבער יונגע קעפּ
פון טעכטער איינגעבויגענע אויף דאָס געניי,
און זין פאַרטוענע אַריבער ביכלאַך —
און שווייגן פלעגט ער היימלאַך און פילזאָגנדיג.
דאָס האָט ער שטילערהייט געקויפט אַ היים.

געוועז פארנומען יעדן טאג מיט'ן רעמאנט:
מען האט געקאלכט, געפארבט, געקלעפט פאפיר
און ס'האט געשמעקט מיט פרישן פארב און פאפ,
און סאסנע־ברעטער פריש און גלאט פון הובל;
עס האט געקלאפט דער האמער און די זעג,
און ס'האט דער הובל פריש און ניי געזונגען.
און דורך די פענסטער פון באנייטן הויז
האט זיך געשטרעקט די גרינע פרישע פלאך
פון ברייטע לאנקעס און פון ווייטן וואלד;
און אויפ'ן סאסניגן און פרישן דיל
באגאסן מיט א זוניג־ווארעם ליכט
אין גאלד און גרין האבן זיך אומגעוויגט
געצאקטע און געשפיצטע בלעטער־שאטנס
פון שווערע גראבע און אלט־נייע דעמבן.
און דזשאש'ן פלעגט זיין שווער זיך אפרייסן
פון גרויסן סוד וואס האט אים איבערפילט
ווי מיט בארוישנדיגן זיסן וויין
און אפט, באקוקנדיג די ברייטע פלאך
פלעגט אויפ'ן זינען אים ארויסשווימען:
„דען גאט האט אונז אויסגעבנייט,
און מיר'ן זיך צעשפרייטן אינ'ם לאנד".

II

## היים

אז דזשאש האט ס'הויזגעזינט אריינגעפירט
אין נייעם ברייטן און געראמען הויז —
דא האבן זיי צעעפנט ברייט די אויגן:
עס האט א בלאנק געטאן דאס פרישע מעבל
מיט ווייכע טיפע שטולן שווערן פליוש,
מיט גלאנצנדיגע טישן פון מאהאגאני,
מיט זילבערדיגע הויכע שווערע שפיגלען,

און מיט א הויכער פּיאַנאָ פאַר די טעכטער,
די דילן אויסגעבעט מיט ווײַסע טעפּיכער —
און אין דער קיך האָט שוין אַרומגעפּאַדיעט
און אויפגעפּוצטע גלאַנצנדיגע ניגערטע,
געפילט זיך הײמיש און געשטראַלט פאַר שמחה,
דאָס גלאַנציג פּנים ווײַט ביז צו די אויערן
פאַרדיסן איז א ברײטן טרײען שמײכל,
מיט שטראַלנדיגע גרויסע אויגן־ווײסלאַך
און שימערדיגע רײען ווײַסע צײן.

די קינדער האָבן דורכגעשטורעמט ס׳הויז
מיט בליצן אין די אויגן, פלאַם אין פּנים;
אַרויפגעשטורעמט אויף די גלאַטע טרעפּ
אין זוניגע און פרישע אויבער־שטובען,
מיט פרישע אײזן־בעטלאַך ווײַס בעפאַרבן
מיט נידעריגע לײַבטע וויג־שטולן.
עס האָט געקלונגען און געזונגען אינ׳ם הויז
פון אויבן ביז אַראָפּ מיט יונגע טריט,
און ס׳האָט געענטפערט פונ׳ם ווײַסן באַלקן
דאָס הילכיגע געקלאַנג פון יונגע שטימען.
נאָר אז דער יונגער קאָכעדיגער שטורם
האָט זיך אַראָפּגעריסן פון די טרעפּ צוריק
זיך פרײדיג אויסצוגיסן אויפ׳ן פאָטער —
דאָ זײַנען זײ געבליבן שטײן אַנטשוויגן:
די מוטער זיצט אין טיפן ווײכן שטול,
דעם אַלטן גרויען קאָפּ אַראָפּגעלאָזט,
באַגיסט זיך שווײַגנדיג מיט גרויסע טרערן,
און ס׳שטײט דער פאָטער איבער איר געבויגן
און גלעט איר קאָפּ מיט טרײסטנדיגע הענט,
און רעדט מיט שטילע רײד, ווי צו א קינד.

דאָס לעבן האָט גענומען גײן אין הויז
מיט פרײלאַכע, מיט זיכערע און ברײטע טריט:

דאָס יונגוואַרג איז אַרייַנגעוואַקסן באַלד
אין נייַער פּריציש־בריטער אומגעבונג,
און זיך געשפּירט אין זייערע באַוועגונגען,
אין זייער זינגענדיגער העלער שפּראַך.
און אין דעם חן האָט זיך אַ צווייטס געפלאָכטן:
דאָס אַלטע חן פון אַלטן ווייטן מזרח
וואָס האָט געלויכטן אין די יונגע אויגן,
מיט עפּעס אומעטיגס און ברענענדיגס בייַנאַנד.
און אין די לאַנגע קאַלטע ווינטער־אָוונטן
האָט היים און פרייַלאַך שוין געקנאַקט דאָס פייַער,
פון רויטע גליענדיגע קוילן אין קאַמין,
געפלאָכטן זיך, געקושט מיט בליצן־פונקן
אין בלאָנדע און אין ברוינע ווייכע צעפּ,
געשפּילט מיט פייערלאַך אויף ברוינע באַקן,
און זיך געשפּיגלט אין די יונגע אויגן.
אין זונטאָגדיגע שטילע נעכט פון רו
האָט דער קלאַוויר שוין אויסגעקלאַפּט ראָמאַנסן
און ס'איז דאָס פּראַנט־צימער געווען פול
בלאָנדהאַריגע, בלויאויגיגע פרייַנדינען
און יונגע פּריצים נאַכלעסיג פאַרפּוצט
אין דרום־שע אַלטמאָדישע קאָסטיומען,
מיט ווייסע דינע הענט און ראָזע נעגל,
מיט ברייטע קינסטלערישע האַלזטיכער,
און ווייכגעלאָקטע האָר אין גרויסע רינגען.
די פלעגן זינגען אויף אַ צאַרטן קול
און אַלטע לידער און באַלאַדן פאַרטראַגן
מיט אַדעליגן זשעסט און העפלאַכקייט.
דערנאָך פלעגן די הערן זיך פאַרנויגן
און אייַנלאַדן די דאַמען צו'ם טאַנץ,
און יונגע פאַרלאַך מיט פאַרפלאַמטע פּנים'ער
זיי פלעגן זיך באַגייסטערטע פאַרטיפן
אין ריטמישע און ווייכע אַלטע טענץ.

און פון די ווענט האבן אראפגעקוקט
די בילדער פון די דרום־גענעראלן
בארימטע געווארענע אין בירגערקריג,
מיט לייִנגלאכע און שמאלע פנימ׳ער,
מיט קורצע בערד געשווירענע פראנצויזיש
אין שווארצע פרעק און גרוילאכע מונדירן
און מיט געמאכטער שטרייִנגקייט אין די אויגן.
און פון דעם ביבערשראנק האבן געגלאנצט
אין גאלד און רויט, אין שווארץ און ווייס, די רוקנס
פון אומשטערבלאכן שעקספיר, און פון מילטאן,
און וואלטער סקאט׳ס און טעקערייִ׳ס ראמאנען.
(די באבעס מיט די זיידעס פון די חורבה־ווענט
זיי זיינען ענדלאך צו דער רו געקומען
צוזאמען מיט׳ן אלטן חב בחיי,
און מיט׳ן רומל איבעריגן אלטווארג,
העט, ערגעץ אין אן אפגעלייגטן אלקער,
אין שכנות מיט׳ן דאך.)

אין פרייע אווענטן

איז תמיד געווען פול דאס הויז מיט מענטשן.
דא פלעגן שכנים קומען זיך פארברייִנגען,
א שמועס טאן ביים פייפ און רויטן טיי
מכח מסחר, האלטן זיך אן עצה,
צי בארגן גאר א שטיקל גמילת־חסד.
אמאל קומט אן דער גוטמוטיגער פאסטאר —
אצינד שוין גרוי, מיט קנייטשן אויפ׳ן פנים,
גאר לעבעדיגער, פרישער ווי געוועזן —
ער האט נאך ליב ארייִנגיין אין ויכוחים,
ארגומענטירן וועגן „זון און פאטער" —
נאר איצטער ענטפערט שוין דער איד צוריק
געלאסן, פריי און קיל, און שמייכלענדיג,
לאזט קנוילן רויך פון שמעקנדן ציגאר,
און מאנעווורירט גאר קונציג מיט די פסוקים,

פון וואָס דער פּאַסטאַך ערגערט זיך צום טויט
און לויפט זיך אָפּריידן דאָס האַרץ צום יונגוואַרג.
די אידענע איז אומגעגאַנגען אָנגעטאָן
אין שוואַרצן זייד, מיט פּערל אַרום האַלז.
באַזעצט זיך אין דעם נייעם גרויסן הויז —
האָט דזשאָש, דער מאַן, זי אָנגענומען ביי דער האַנט,
ביים רויטער, אויסגעאַרבעטער און האַרטער האַנט,
און האָט געזאָגט איר: „מוטער, פון היינט אָן
„זאָלסטו קיין האַנט אַריינטאָן אין קאַלט וואַסער,
„דו האָסט אַ דינסט, און מאָגסט זיך מיט איר שאַפן."
נאָר איצט ווען מען האָט ניט געלאָזט זי אַרבעטן,
פלעגט זי נישט וויסן וואָס צו טאָן מיט אירע הענט.
זיי זיינען איר געווען ווי איבעריג און פרעמד,
און בעטן עפּעס ביי דער שוואַרצער דינסט
האָט זיך די צונג אין מויל ווי נישט געקערט.
זי פלעגט באַוואונדערן די יונגע טעכטער
וואָס שאַפן זיך אַזוי התחבה'דיק און פריי,
און וואָס די שוואַרצע גלימצערדיגע דינסט
איז גליקלאַך אויסצופאָלגן זייער וואָרט.
בעת איר דאַכט זיך, אַז די שוואַרצע מאַלפּע
מאַכט חוזק, און לאַכט אָפּ הינטער איר רוקן,
און שטשירעט מיט'ן מויל ביז צו די אויערן.
די אָרימע, ס'איז שווער געווען פאַר איר
צו זיצן ליידיג נאָך אַ לעבן אַרבעט.
און אין אַ פרייען טאָג ביים מיטאָג־עסן,
ווען ס'זיצט דאָס הויזגעזינט אַרום דעם טיש
און עמיצן פעלט עפּעס אויס ביים עסן —
פלעגט זי זיך האַסטיג אויפכאַפּן פון פּלאַץ
און מאַכן אַ באַוועגונג ווי צום לויפן —
אַמאָל פלעגט זי אַליין אין צייט זיך כאַפּן,
פלעגט ווערן רויט און בלייבן אַ פאַרשעמטע,
און אָפּטמאָל פלעגט דער מאַן זי אָפּשטעלן

מיט זיינס אַ זיכערער און ברייטער האַנט:
וואַרט, מוטער, ס'וועט די דינסט דערלאַנגען.
פלעגט זי אַדורכזיצן די לאַנגע טעג,
דורך זומער אויף דער זוניגער וועראַנדע,
דורך ווינטער ביי דעם ברענענדן קאַמין.
און צעלנדיג פאַרזאַרגט די אויגן, שטריקן.
האָט שטיל און פלינק געהאַלטן אין איין שטריקן.
און ס'האָט דאָס קניילכל וואָל געטאַנצט אין שויס,
פון רעכטס אויף לינקס, און ווידער אויף צוריק,
געשאָקלט מיט'ן גרויען קאָפּ אויף ניין.
זי האָט געהאַט אויף וואָס זיך צו פאַרטראַכטן:
אַז ער, דען מאַן, איז עפּעס ניט דער אייגענער,
פאַרהאַוועט טאָג ווי נאַכט אין די געשעפטן.
און אַז די זין, געבוירן דאָ אין לאַנד,
זיי זיינען פרעמד צו איר און אומפאַרשטענדלאַך.
נאָך ערגער שטייט עס מיט די יונגע טעכטער:
די זיינען קאַלט און שטאָלץ און גאוה'דיג
און פרעמדער נאָך ווי פרעמד. פאַרטאָן מיט זיך ,
און ווייט פון אַלץ וואָס שמעקט מיט אידישקייט.
און וואָס פאַר גוטס קען שוין אַרויסקומען:
אַז ס'הויז איז תמיד פול מיט יונגע פּריצים,
אַז ס'איז ביי זיי דער אַלטער גוי, דער פּאַסטאָר,
אַ גרעסערער מיוחס ווי די מאַמע.
אַז וואו אַ שמחה ערגעץ ביי די גויים,
איז זיינען זיי די ערשטע מחותנים.
אַ טיי־פּאַרטי אין קירך: איז גרייט מען זיך,
איז באַקט מען טאָרטן און מען עסק'ט זיך,
מען גרייט זיך ווי להבדיל צו אַ חתונה —
און שוין. מען פרעגט דען איר אַ דעה?
די מיידלאַך וועלן נאָך אַריינוואַקסן אין שמד.
און ער, דער מאַן, עס זאָל אים עפּעס אַרן,
ס'איז נישט זיין דאגה. קלאָגט זי זיך אמאָל,

איז שאַקלט ער זיך אָפּ גאָר מיט אַ שמייכל:
„נו, ווייס איך וואָס דו רעדסט דאָרט: יונגע קינדער,
„זיי וועלן שפּעטער קומען צו'ן אַ שכל."
און טראַכטנדיג, און שטריקנדיג אַזוי
פאַרמערן זיך די זאַכן מיט די לייבלאַך
פון פאַרביגן און גראָבן שווערן וואָל,
ווייל זיי, די פּריצטעס, שטייט ניט אָן צו טראָגן
דער מאַמע'ס ווארימע און שווערע זאָקן —
איז קלייבט זיך עס אין קאַסטן פאַר נאָך פּאָר.

נאָר איינער איז געווען, וואָס פלעגט אַמאָל
זיך אָפּשטעלן ביי איר, פאַרהאַלטן זיך,
איר קושן אויפ'ן אַלטן גרויען קאָפּ
און ריידן מיט דעם טאָן און זיכערקייט
ווי ס'טוט אַ גרויסער ריידן צו'ן אַ קינד.
ער פלעגט איר גלעטן אויף דער האַרטער האַנט,
ביז ס'פלעגט צומאָל איר אָפּגיין פונ'ם האַרצן —
דער איינער איז געווען: דזשייק.

III

## אחדות

דערווייל האָט ליטע זיך גענומען אויסגרינען,
גענומען צוקריגן אַ ביסל פלייש
אויף אירע שפּיציגע און דינע קנאָכן.
דאָס דאַרע פּנים האָט זיך אויסגעפילט,
דאָס אויג איז פרייער, ליכטיגער געוואָרן.
מען האָט נאָך אַלץ זיך אומגעריסן צווישן זיך
נאָר אויף אַן אָנשטענדיגן פיינעם אופן.
מען האָט שוין אָנגעהויבן זיך פאַרטראַכטן,
אַז ס'שטיקל ברויט אַליין איז נאָך ניט אַלץ,
און אין די פרייע זונטאָגדיגע אָוונטן,
אַז די משפחות קומען זיך צונויף,

פלעגט מען ביים גלעזל טיי און סיגארעט,
מיט קינדער אויף די הענט, צערײידן זיך,
אז אייגנטלאך וואלט גאר געווען א יושר,
א טראכט טאן וועגן אויפבויען א שול.
די קהלה, אן עין־הרע, איז געוואקסן,
די קינדער ווערן גרעסער, וואקסן פרעמד
פון אידישקייט און אידיש ווארט; און סתם,
ווי ווארפט מען זיך דאס אום ווי די ציגײנער
א יעדע פרייטאג־נאכטס און שבת־פרי
צו זוכן איטלאך מאל אן אנדער פלאץ
אוואו מען זאל מתפלל זיין בצבור.
דערהויפט פלעגט זיך דער שמועס וועגן שול
פארשטארקן ערב מורא׳דיגע טעג
ווען ס׳נעמט א מענטש פארטראכטן זיך פון תכלית.
האט מען גערעדט, גערעדט, און אפגעלייגט,
פארגעסן אויף א שטיקל צייט, און ווידער
גענומען ריידן וועגן דעם פון ס׳ניי,
און ווידער נאכגעלאזן אויף א צייט.

האט זיך די זאך אזוי געצויגן און געשלעפט —
ביז דזשאש האט זיך אין דעם ארײנגעלייגט.
די דייטשע ברידער וועלכע זיינען שוין
ביי יענער צייט געשטאנען אויף די פיס,
איז ווייט ניט אנגעשטאנען גיין צוזאמען
אט מיט די גרינע און צעדארטע שנארער;
זיי האבן אויך שוין אומגעטראגן זיך
מיט דעם געדאנק פון אויפבויען — א טעמפעל —
נאר גיין אליין איז נאך געווען פרי.
האט דזשאש גערעדט אהער, גערעדט אהין,
געצויגן דראטן צווישןביידע לאגערן,
ביז ער האט איינמאל זיי צונויפגעפירט
ביי זיך אין הויז. די דייטשן האבן זיך
צוערשט געבלאזן און געכמורעט שוויגנדיג

גערויכערט שווערע בייכיגע ציגאַרן
און זיך געקרימט; די לעבעדיגע ליטוואַקעס,
די האָבן זיך צוערשט געהאַט פאַרלוירן
נאָר שפּעטער זיינען זיי צו זיך געקומען:
געדרייט די סיגאַרעטלאַך פון׳ם טאַבאַק,
און אָנגעהויבן שמועסן געמיטלאַך.
צוערשט געלאַסן, אויפ׳ן האַלבן קול,
וואָס ווייטער אָבער האָט מען זיך צעוואָרימט,
נערוועז און פלינק געוואָרפן מיט די הענט;
ביז ס׳האָבן זיך די דייטשן אָנגעשטעקט,
ווי אויפגעלעבט פון שווערן הינערפלעט.
און אַז מען האָט דערלאַנגט דעם טיי צום טיש
איז שוין געוועזן היימיש אויפגעלעבט:
די דייטשן האָבן מיט׳ן פולן מויל
געלאַסן, ברייט און שווער גערעדט אויף ענגליש,
און ס׳האָבן זיך די ליטוואַקעס געפּלייסט
און פליסנדיג און פריי גערעדט אויף דייטש.
דער דייטש וואָס האָט געשניטן ס׳ראָזע חזיר
האָט זייער פיל געהאַט וואָס אויסצוזעצן,
און וועלנדיג אַ שטעכל טאָן די שנאָרער
האָט ער זיך אָנגערופן: „יאָ, אָבער די שול,
„די מוס זיין היבש מאַסיוו, געבויט פון שטיין,
„ווען ניכט וועט נאָך די שול אַוועקשווימען
„ווען עס וועט קומען — וואַרטן זי, ווי רופט מען עס —
„יאָ, יאָ ביי דעם עלינו...״ האָט זיך אויפגעהויבן
אַ גרויסער שטורם אינ׳ם גאַנצן הויז.
די ליטוואַקעס זיינען געוואָרן פול רציחה,
קאַפּאַבל אים צערייסן ווי אַ הערינג —
אַזוי אַז ס׳האָט דער דייטש זיך אַזש דערשראָקן.
דאָ איז דער פלינקער מעקס אַריינגעשפּרונגען:
„זאָל אינענ׳ס קאָפּ״, זאָגט ער, „ניכט שמערצן, מחמת,
„דאָס קאָן, יאָ וואָהל, גאַנץ לייכט געפיקסט ווערדן.

„ווען ס׳גאטעסדינסט וועט האלטן ביי עלינו —
„דאן ברויכן זי צעעפענען איר מונד“.
דא איז דער דייטש געווארן רויט און טויט,
זיך אנגעבלאזן ווי דער רויטער אינדיק
און מער שוין ניט גערעדט. האט מען זיך איינגעשטילט,
און ווידער צוגעטראטן צונ׳ם ענין
איז אויפגעקומען באלד א צווייטער דייטש
דאס ווארט גענומען, אנגעהויבן תמימות׳דיג
צוריק פון אלף: „יא, אבער ווי שיקט זיך דאס,
„איין טעמפל אן א מערכען־כאר און ארגל“ —
און דא זיינען די ליטוואקעס אין גאנצן
ארויסגעשפרונגען פון געדולד: מען האט
דעם דייטש נישט מער געלאזט צו עפענען דאס מויל.
און דאס מאל אין א קלארן פיינעם אידיש:
„— איר הערט אביסל ווערטער: ארגעל־גארגל“.
„— דעם הער־דייטש גלוסט זיך נאך איין מערכען“.
„— עט וויים איך וואס ער פלוידערט דארט דער קירע“.
מען האט געאמפערט זיך, געשריען און געליארעמט,
און ס׳איז אין גאנצן הויז ארומגעשוואומען
א שטיקנדיגער וואלקן טאבאק־רויך.
די קינדער זיינען אזש פון הויז צעלאפן
און מענשן זיינען הייזעריג געווארן.
דא האבן זיך די דייטשן שטארק באליידיגט,
זיך אויפגעהויבן גאר צו גיין אהיים;
און דא האבן די ליטוואקעס זיך אנגע־רוגז׳ט.
און דזשאש האט שווער געארבעט זיי צו האלטן,
און קונציג באלאנסירט מיט ביידע צדדים.
ערשט ווען ס׳איז שוין געווען א שטיק אין נאכט,
און אז די שווייגנדיגע בעל־הבית׳טע
האט עפעס שארפס און לייכטס דערלאנגט צום טיש —
איז דאן דער שטורם שוין געווען אריבער:
און פאר׳ן בעל־הבית איז שוין געלעגן

א לאנגער ברייטער בויגן וויס־פאפיר,
און ס'איז געשטאנען גרייט דאס טינט־און־פעדער.
מען האט געמאכט „לחיים“ אידישלאך,
די רויטע פנימ'ער האבן געשוויצט,
דאס נאסע האר האט זיך געקלעפט צום קאפ,
און ס'האבן זיך די אויגן איבערצויגן
מיט לייכטע וואלקנדלאך פון צער און פרייד.
די גלעזלאך האבן צונעקלונגען ווייך
און ס'איז ווי אפגעגאנגען פון די הערצער,
דער דייטש אפילו פון דער חזיר־יאטקע
האט מיט דעם פלינקן מעקס זיך צוגעקלונגען.
און אז דער עולם איז צום סוף צוגאנגען
איז דזשאש נאך לאנג געזעסן ביי דעם טיש
דעם קאפ געבויגן אויפ'ן גרויסן בויגן
פארשריבן מיט די ציפערן און נעמען.

IV

## די שול

עס איז געשטאנען אויף א שטילער גאס
א הויכע אלטע קירך פון רויטן ציגל,
מיט לאנגע שמאלע פענסטער פון קאלירטן גלאז,
וואס האבן זיך געענדיגט קיילאכדיג
גאר נאענט צום קארניז. ארום דער קירך
האט זיך געשטרעקט א ברייטע פיינע פלאך
פון קורצגעשוירן גראז, און ס'זיינען ברייט
און שאטנדיג געשטאנען אלטע בוימער
מיט ברייטע שווערע טיף־געקארבטע קאמלען,
מיט צווייגן דיקע ווי די יונגע בוימער,
וואס האבן אנגעשפארט ביז צום געזימס
און אנגעפילט דעם חלל פון די פענסטער.
די טירן הויך און שמאל און קיילעכדיג

און איבער זיי אַ פּלאַט פון שוואַרצן מאַרמאָר
מיט איינגעקריצטע בוכשטאַבן פון גאָלד
אין שריפט אין גאָטישער: „דו ביזט פּעטער
און אויף דעם פעלז וועל איך בויען מיין קירך".
און איז מען אינוויייניג אַריין — האָט עס
אַ הויך געטאָן מיט קעלט אין מיטן זומער,
ווי פון אַ קעלער. ס'האָבן זיך געצויגן טיף
די ביינק די שוואַרצפּאָלירטע ריי נאָך ריי,
ביז צו דער הויכער בימה פון דעם פּאַסטאָר;
און אין דער טיפער אויסגעהוילטער נישע
באַלויכטן מיט אַ רויטן לעמפּל אויל
האָט עלנד און געפּייניגט זיך געבלייכט
די ליידנדע פיגור פון בלאַסן ישו,
דער דערנער־קראַנץ אין קאָפּ אַריינגעשטאָכן
מיט רויטע טראָפּן בלוט ווי די קאָרעלן.
די רעכטע זייט פון וואַנט וואָס ביי דער הייליקייט
האָט אין האַלב־טונקלקייט געכוואַליעט זיך
מיט דיקע שוואַרצע רערן פון אַן אָרגל.
אויף דעם סופיט דעם קיילאַכדיגן גלאַטן
געפלוינן זיינען קינדער און מלאכים
מיט דורכזיכטיגע העמדער, ראָזע פליגל,
מיט געלע רייפלאַך שיין אַרום די קעפּ.

איז זיך די קירך געשטאַנען לאַנגע יאָר
פאַרטיפט און דרימלענדיג אין זיך אַליין,
פון אייביקייט אין אייביקייט גע'חלומ'ט.
ביז ס'האָט זיך אָנגעהויבן צו דערטראָגן
דער רעש פון פילדערדיגער שרייענדיגער גאַס:
געשעפט האָט ביז אַהין פאַרקליבן זיך
געשווירבלט און געגריבלט דאָרט מיט שוואַרצע.
אַן אירלענדער האָט אויפ'ן ראָג אַ שיינק געעפנט,
און אין די נעכט איז שוין געוואָרן היימלאָך
פון לוסטיגע געשרייען און פון באַנדושאַס.

דערנאָך זיינען באַלד נאָכגעקומען קרעמלאַך
פון פּלאַטערדיגע הויזן און צילינדער;
דערנאָך האָט זיך צעעפנט ראַשיג, טומלדיג,
אַ גרויסער לעבעדיגער הינערמאַרק;
און אין די נעכט האָט עס געשריען און געקרייט
מיט גאָר די הינער פון׳ם גאַנצן לאַנד,
די גענז און גאַנערס האָבן ביז געליאַרמט,
און שווערע אינדיקעס האָבן געכאָלדערט.
אַ פלינקער גריך האָט אויפגעעפנט באַלד
אַ שמעקעדיגן רעסטאָראַן; אַן איטאַליענער
האָט אויסגעלייגט די פיינסטע גרינס און פרוכטן;
און לי־הו־טשונג, מיט לאַנגע האַרטע צעפּ,
האָט אין זיין שוואַרצער בלוזע מיט די טראָלדן,
אַריינגעשטעלט זיך אין דעם ווייסן פענסטער
און טאָג ווי נאַכט געשטאַנען ביי דעם פּרעסל,
געגלעט דאָס וויסצייג. אמת, ס׳איז די קירך
דערוויל געשטאַנען אָפּגערוקט פון אַלעם,
פאַרטיפט אין זיך און שאָטן פון די בוימער —
דאָך האָט זיך יעדע וויל אַן אַנדער קלאַנג
זיך אָפּגעריסן פון דער דרויסנדיגער וועלט,
און ביז איר שטילן נעסט אַריינגעדרונגען,
און איר געשטערט צו טראַכטן.

האָבן די גבאים

פון קירך, זיך איינמאָל און אַ צווייטן מאָל בּאַראַטן,
געקלערט אַהער, געקלערט אַהין, פאַררופן
די רייכע בעלי־הבתים זוכן מיטלען —
די מיטלען אָבער האָט מען נישט געפונען.
ווי שטייט געשריבן אין׳ם אַלטן פּסוק:
„אַז די צעשטערער דיינע און פאַרניכטער
זיי נעמען זיך פון דיך אַליין”. וויל פיל
פון יענע בעלי בתים פון דער שכונה
זיינען די אייגנטימער פון דער שכונה

פון ליארמדיגן שרייענדיגן מסחר
וואס האט געשטערט די רואיקייט פון קירך,
זיך העלפן אבער האט מען נישט געקענט:
געשעפט איז זיך געשעפט, און קירך איז קירך.
און דא איז דזשאש געקומען אין דער צייט
צו דער צופרידנקייט פוןביידע צדדים:
די קירך געקויפט צו מאכן פאר א שול.

די שול האט דוקא יא געהאט חסרונות.
גענומען האט זיך עס דערפון: וואס בעת
מען האט די קירך מיט יארן לאנג צוריק
אוועקגעשטעלט, האט מען זיך נישט גערעכט
זי זאל מגולגל ווערן אין א שול.
דערפון איז זי ארויס מיט דריי חסרונות:
דער ערשטער פעלער איז געווען: אנשטאט
דער ארון־קודש זאל ארויסקומען צו מזרח,
ווי ס'איז דער דין, איז גאר געווען זיין פלאץ
אין צפון וואנט — און העלפן האט מען נישט געקאנט:
ווייל ס'איז דער בנין שמאל געווען און טיף,
אויך איז אין מיטן נישט געווען קיין בימה,
און ווען מען דארפן אויפגיין צו דער תורה
וועט מען באדארפן קומען צו דער נישע,
וואו ס'פלעגט דער גייסטלאכער דארט פריידיגן,
און צו הקפות וועט מען גיין ארום די ביינק.
דער דריטער פעלער איז געווען: ס'האט אויסגעפעלט
אן אפגעצאמטער פאליש פאר די ווייבער —
ביי זיי, די גויים, איז געווזן רעכט אזוי.

נאר אז די שול האט זיך צולעצט באנייט,
זיך אויסגעווייסט פון אויבן ביז אראפ
מיט פרישן קלארן שמעקעדיגן קאלך
און אין דער נישע פון נישט־לאנג געוועזענעם זון
האט זיך געטוליעט פייערלאך און שטיל

דעם פּאַטער׳ס תורה אין אַ סאַמעט־מענטל,
מיט אַ פּרוכת פון דעם פיינסטן סאַמעט
מיט אויסגענייטן גאָלד׳נעם מגן־דוד;
אַז ס׳האָט זיך אויפגעשטעלט ביים אָרון־קודש
אַ שווערע גרויסע זיבנרעריגע מנורה
פון שווערן מעש מיט לייבן און מיט הירשן —
דאַן האָט אין דער באַנייטער שול געגאָסן זיך
אַ שטילע וואַרמקייט און צנועה׳דיגער חן.

געווען איז עס דאָס ערשטע ליכטל חנוכה
ווען מען האָט פייערלאַך באַנייט די שול:
די קליינע עדה אידן, יונג און אַלט,
די ווייבער מיט די קינדער אויף די הענט,
איז זיך צונויפגעקומען אויף דער שמחה.
די שול האָט העל און יום־טוב׳דיג געלויכטן
אויף אַלע בליץ־לאָמפּן און אַלע מנורות.
צו אַלער ערשט האָט מען געדאַוונט מעריב,
און אויף די ווייסע ווענט האָבן געוויגט זיך
די שאָטנס פון התלהבות׳דיגע דאַוונער.
און אַז דער חזן פון דער גרויסער שטאָט
האָט זיך געשטעלט די חנוכה־ליכט בענטשן,
באַגלייט מיט פרישע יונגע קינדער־שטימען,
האָט דאָס געזאַנג אַ שלאָג געטאָן צום באַלקן,
און פייערלאַך און הויך צעשאָטן זיך
אַן קלאָרע ווייסע ווענט, אַ זילבער האָגל,
און אָנגעפילט דאָס הויז. ער האָט געזונגען
די פייערלאַכע חנוכה־פּזמונות —
„די ליכט די דאָזיגע“, און „שטאַרקער פעלז“.
דערנאָך האָט מען געזונגען „מזמור שיר חנוכת“ —
און דאַ האָט מען געמאַכט שוין אַ הפסקה,
און באַלד האָט מען אַריינגעבראַכט אַ טיש
מיט אַלעם גוטס אויף אָפּצוכאַפּן ס׳האַרץ:
די ווייבער האָבן זיך געגרייט צום יום־טוב

און אַנגעבאַקן שמעקעדיגן לעקאַך,
מיט כל המינים צוקערדיגע קיכלאַך,
מיט אייגנגעהאַקטן הערינג, אַנגעבראַקט
מיט געלב און ווייס פון אַפּגעקאַכטע אייער
און פרישע שמעקעדיגע לעבערלאַך.
און ס׳האָבן פריילאַך־פייערדיג געגלאַנצט
די פלעשער בראַנפן און די דינע כוסות.
די ווייבער האָבן באַלד גענומען סאַרווערן,
מען האָט געמאַכט דעם האַרציגן „שהכל״
און מ׳איז געוואָרן אויפגעראַמט, אַ חיות.
דאָס קליינוואַרג האָט זיך האַפּרדיג געשפּילט,
די ווייבער האָבן אויפ׳ן קול געפּלוידערט,
געטונקט דעם געלן לעקאַך אינ׳ם בראַנפן,
די דייטשן זיינען אויך אריין אין ראַל,
געטרונקען און פאַרביסן און געלויבט
די ליטווישע מאכלים. איבערגעכאַפּט ס׳האַרץ
איז מען צוריק געוואָרן ערנסטער —
נאָר פּנימ׳ער האָבן געשטראַלט פאַר פרייד,
און אויגן האָבן בליצנדיג געלויכט.

און אַז דער חזן איז אַרויף צוריק צום בימה,
און אַנגעהויבן זינגען ווי צום אויסנעמען —
איז ערשט געוואָרן שמחת־תורה׳דיג אין שול.
מען האָט געמאַכט הקפות מיט דער תורה
און ס׳האָט דער חזן איינגעטיילט כבודים.
און יעדעס מאָל ווען ס׳איז די ספר תורה
פאַרביי די ווייבער, האָבן זיי געבויגן זיך,
געקושט די ריינקייט מיט קינדער אויף די הענט.
די גלעקלאַך פון דעם כתר האָבן צוגעקלונגען,
און ס׳האָט זיך אויף דער גאַנצער שול געלייגט
אַ גרויסע פריילאַכקייט און חן און גדולה.
און נאָכדעם האָט דער חזן ווידער אַנגעהויבן:
„שומר ישראל, אוי שומר ישראל״ —

און דאָ איז שוין דער עולם מאַנסבילן
אַריינגעפאַלן מיט'ן חזן אין איין טאָן,
און ס'האָט איבער'ן גאַנצן הויז געשטראָמט
דער פריילאַך־אומעטיקער טראַצעדיגער נגון
מיט צובאַמקען און צוקנאַקן פון פינגער:
„ואַל יאבד ישראל — — — "
און פלוצים איז דער מעקס אַרויסגעשפּרונגען
מיט גרויס באַגייסטערונג און פלאַם אין שטים
אַרויפגעשפרונגען אויף דער נייער בימה,
און האָט פאַרצויגן דעם באַקאַנטן נגון:
„וואָס מיר זיינען זיינען מיר
„אָבער אידן זיינען מיר — — —"
און באַלד האָט זיך דער גאַנצער עולם אָנגערופן
מיט אַלט און יונג מיט ווייבער און מיט קינדער,
די קאַלטע דייטשן זיינען אויך געוואָרן
פון גרויסן און התלהבות'דיגן שטראָם פאַרשלעפּט.
און ס'האָט געשטראָמט עקשנות'דיג און שטאַרק
דאָס אידיש ליד מיט גלויבן און מיט כח,
עס האָבן זיך געוויגט די פלעמלאַך פון די ליכט
און איבער קעפּ האָט ווי אַ טיפער נעבל
געקרויזט זיך און געצויגן אין דער לופט,
און צו דעם הויך געוועלבטן, ביז איצט פרעמדן,
און איצטער נאָנטן און פאַרטרויטן, באַלקן —
האָט הויך און ברענענדיג און שטאַרק געקלונגען:
„וואָס מיר זיינען זיינען מיר —
„אָבער אידן זיינען מיר;
„וואָס מיר טוען טוען מיר —
„אָבער ליכטלאַך בענטשן מיר!"

## זעקסטער קאַפּיטל

### I

# דזשייקאָב

ריין, פעסט געבויט, אַטלעטיש בויגעדיג,
הויך, ברייט אין שולטערן און פעסט אין ברוסט;
די קליידער, נעט און ריין ווי אויסגעגאָסן
פון וועלכע ס׳צייכנען בולט זיך ארויס
די שטאַרקע שטייפע מוסקולדיגע גלידער,
מיט שוואַרצע ווייכע גלאַנצעדיגע האָר
וואָס פאַלן אין די רינגען אויפ׳ן שטערן.
די ליפּן פעסט און שאַרף און אָנגרייפנד.
די אויגן גרוי, מיט זייער פאָטער׳ס שאַרפקייט —
נאָר יונג און לאַכעדיג און פריי פון פּיין.
שטאָלץ, פול מיט אינערלאַכער זיכערקייט און ווערט.
די זיינען שוין געוועזן פרייע אויגן
פון הערשערישע, שטאַרקע כאַראַקטערן,
וואָס בויגן אַלעס צו דעם ווילן זייערן,
נישט דאַרפנדיג באַפעלן מיט׳ן מויל.

ער איז שוין אויסגעוואַקסן אין דער נייער לופט
און איז באַוויזט געוואָרן פון אַן אַנדער ווינט,
דער אַלטער קרעכץ האָט אים שוין אויסגעווייכט,
און ס׳האָט דער אַלטער טרויער אים געמיידט.
איז ער געוואַקסן פריי און פריש און שלאַנק
מיט אויגן אָפענע אין נייעם לעבן,

און אויערן, וואָס האָבן גיריג אויפגעכאַפּט,
און איינגעזאַפּט אין זיך די נייע קלאַנגען,
וואָס האָבן זיך געטראָגן שטראָמענווייז,
קאָלירט און שטאַרק און בונט און קלינגענדיג —
אָט צאַרט, באַרואיגנד און גלעטנדיג ווי זייד,
אָט שאַרף און רוי, ברוטאַל און שרייענדיג.
דער יונג האָט אויג אויף אויג דערזען דאָס לעבן:
דערזען דאָס רויע שפּיל פון ווילדער ליידנשאַפט,
געזען די גרויזאַם־וואונדערבאַרע פייערן —
דעם רויטן אויסדרוק פון דעם מענטשנ'ס האַס —
געהערט דאָס טראַמפּלען פון צערייצטע פערד,
דעם מורא'דיגן בראַזג פון וויטע ביקסן,
און נאַכטיג אויסגעצויגענעם געיאָמער
פון פרויען־שטימען, וועלכע שטעכן זיך אריין
ווי שאַרפע דינע שפּיזן אינ'ם הארצן.
געזען דעם אויסדרוק פון דעם ווילדן „מאַב"
אויף דעם פאַרשולדיגטן, דעם שווארצן מאַן:
די ווייסע שטריק ארום דעם שווארצן האַלז,
דאָס שווארצע פּנים — גרוי, דאָס מויל פאַרשטשירעט,
דער קערפּער קאַנוואולסירט אין אַנגסט פון טויט,
עס זשיפּעט געלב אַ פייערל צופוסנס,
עס שמעקט און טשאַדעט מיט געבראָטן פלייש
עס ראָלן זיך די געלע אויגן־ווייסלאַך;
די בלויע ליפּן יאָמערן: „אַ קויל, אַ קויל,
האָט מיטלייד, גוטע מענטשן, גיט אַ קויל!"
און אויך האָט ער געזען די רו און שלוה
פון זיכערן און שטאַרקן יונגן פאָלק:
די גרויסע פּראַכט פון זומערדיגן מאַרק,
וואָס טרינקט זיך אין אַ ים פון לעבעדיגע בלומען
און שפּריצט מיט שפע פונ'ם פעלד און גאָרטן.
די הייסע פערד פון הייסן דרום־לאַנד,
און הייסע פרויען־בליקן וועלכע ענגבערן

אדורך דעם דינעם דורכזיכטיגן שלייער
פון יונגשאפטלאכער צניעות: נעם מיך, נעם מיך.
און דורכ'ן אויער איז געגאנגען דאס גערויש
ווי ס'גייט דאס רויש אין וואכן מעער־קאפ —
פון קלאנג און פון געזאנג און פון געלעכטער,
פון פריינדלאכן געשמועס און פון בייזן ווארט,
דאס וואָרקן פון די טויבן איבער קעפ,
דאס קלימפערן פון בייכיגע באנדורעס,
דאס ציטערן פון צארטע מאנדאלינען,
עקסטאטישן געזאנג פון אלטע ניגערס —
וואס האבן נאך אויף זיך געהאט סמנים
פון בייטשן און פון צוואנג, מיט גרויע חתימות
אריינגעברענט אין שווארצע לייבער, ווי אויף פערד —
מיט לויב און רום צו דזשיזוס־לינקאלן.
דער יונג האט איינגעזאפט אין זיך די קלאנגען,
קאליר און ריח פון דעם ברייטן דרום־לאנד
מיט זיינע חיות, מענטשן, פעלד און וואלד:
דעם זיסן וויינינגן געשמאקן ריח
פון וואונדערבארן פעטן בלויען גראז,
דעם שווייסיגן געשמאק פון שעפסנוואל,
געפאקט אין שווערע באלן נאכ'ן שערן,
דעם הייסן ברען פון זומערדיגע טעג,
די נאכטיגע פון טוי באשפריצטע קילקייט;
דאס איבעררופן זיך פון פילע פויגלען,
און די ראז־פלאמיגע פרימארגן שטילקייט
אויף ווייטע אויסגעשנורטע פעלדער טאבאק.
די ווינטערדיגע פראסטיגע פרימארגנס
מיט צוגעפרירטע גרודעס גראבן אייז,
מיט גרויסע פלאכע וועגענער בעלאדן שווער
מיט געלבלאך גרינעם ברוינלאכן טאבעקא,
ווען ס'שטייט די גאנצע שטאט ווי איינגעטונקט
אין זיסלאך־ביטערלאכן שארפן ריח.

אַט די, און טויזנט אַנדערע קאָלירן
מיט קלאַנג, מיט ריח פון דעם נייעם פעלד —
זיי האָבן אין דעם אינגל'ס האַרץ און זעל
אַריינגעדרונגען מיט באַצויבערנדער מאַכט.
פאַרשווינדט די איינדרוקן פון פריסטער קינדהייט,
און פּלוצים, איבער נאַכט, איז אַלץ געוואָרן ניי,
ווי ס'וואָלט דאָס אַלטע קיינמאָל נישט געווען.
די פרישע איינדרוקן זיינען געוואַקסן,
די שול האָט זיי פאַרוואָרצלט און באַגרינדעט,
און ס'האָט דער נייער באָדן זיי באַפעסטיגט.
די שטוב האָט באַלד פאַרלוירן איר השפּעה —
צוערשט האָט נאָך דער פאָטער שטיל געקעמפט,
זיך איינגעשטעלט אַנטקעגן נייעם ווינט —
נאָר שפּעטער האָט דער פאָטער נאָכגעלאָזט, אַליין
געוואָרן גלייכגילטיג צו אַלץ, חוץ דעם געשעפט —
איז דזשייק געוואַקסן פריי און אָפּגעגעבן
צום אייגענעם אינסטינקט פון יונגן האַרצן.
האָט זייער וואויל זיך אויסגעצייכנט אין דער שול
אַרויסגעצייגט אַ שאַרפן קלאָרן שכל,
געווען ליב און זעל מיט די חברים,
פאַרקאַכט אין שפּיל פון קערפּערלאַכער איבונג,
געהאַט הנאה פון אַ קלוגן שפּיצל.
נאָר ווייטער פון דער שול איז ניט געגאַנגען —
די ביכער האָבן אים שוין ניט געצויגן,
ס'איז עפּעס דאָרט געווען צו טויט און גלייוועדיג —
אים האָט געצויגן מער צום לעבן און צו טאַט,
וואו ס'הערשן פיבעריש די הייסע ליידנשאַפטן
און קאָכיגער באַגער נאָך טעטיקייט און קראַפט.
און ווען די יונגע בלוטן פון חברים
עס האָבן אָנגעהויבן פיינלאַד־זיס צו קאָכן,
זיך אָנהיצן פון הייסער דרום'דיגער זון
מיט פיינלאַכע און גליענדע באַגערן —

גענומען טרעפן זיך פארשמאכטע, אין געהיים,
מיט ציטערדיגע זוניג־הארעדיגע שיקסלאך —
האט דזשייק'ן פון דעריין וואס אפגעהאלטן.
עס איז געווען דאס איינגעווארצלטע געפיל
פון דורות־לאנגע ריינע קייטן בלוט,
וואס האט דעם ברען פון יונגן בלוט געצאמט
און אים געקירעוועט זיך אויסצוגיסן
אויף אנדערע געביטן.

אז ער איז
באלד פון דער שול אריין אין טאטנ'ס הויף —
איז עס געווען מיט'ן פולן אימפעט
פון קאכעדיגן יונגן לייב־און־זעל.
געוואקסן און דערצויגן אויפ'ן הויף —
האט ער געוואוסט דעם ווערט פון יעדן פיצל
פון רויען לעדערווארג, און ווארצלען און מעטאל.
די פען האט אים געדינט, און ס'איז דער קאפ
געווען פלינק און שארף און אפן פאר געשעפט.
און דעם רעספעקט וואס ס'האט זיין פאטער זיך דערווארבן
נאך לאנגע שווערע אנגעשטרייינגטע יארן —
איז אים, דעם זון, געקומען גרינג און לייכט,
אזוי נאטירלאך, גלייך ווי איינגעבוירן.
די שכנים האבן שוין פון אים געהאלטן,
גערופן אים ביים ערשטן נאמען, אויפמערקזאם
זיך צוגעהערט צום יונגן דזשייקאב'ס ווארט,
און שטילערהייט געמאכט פארגלייכונגען
צווישן אים און זייערע יונגע זין —
און עפעס איז געווען זיי פארדראסיג.
עס איז געווען דאס טונקעלע געפיל,
דאס שווער און נעבלדיג געפיל פון איינעם
וואס ווייסט אליין נישט וואו און ווי אזוי
ער האט זיך אפגענארט, און האט פארדרוס,
און קען דאך נישט צו קיינעם האבן טענות,
די ניגערס ווידער, סעם און טאם און האמפערי,

און אַלע אַנדערע וואָס האָבן אויפ׳ן הויף
געאַרבעט, שלעפנדיג און פּאַקנדיג,
סאָרטירנדיג פון פרי ביז שפּעט אין נאַכט —
זיי האָבן אָנגענומען דזשייק׳ס ממשלה
אָן קשיות און אָן פאַרגעפילן — נאָר
זיי האָבן שוין אין אים דערקאַנט דעם מייסטער.
און ס׳איז גענוג געווען איין דזשייקאָב׳ס קוק ,
איין וואָרט, געלאַסן, קיל, אַרויסגערעדט,
אַז זיי זאָלן צופאַלן אין די ווינקלען
אין סאַמע מיט פון קוויטשיגן געלעכטער;
און סעם, אַ מזיק אויף צו גיין אַ דזשיג,
פלעגט בלייבן שטיין פאַרגליווערט אין דער מיט
פון ברענענדיגן דזשיג, פלעגט שמייכלען שולדיג,
מיט גרויסע אויסגעפּרווירענע און ווייסע אויגן
ווען דזשייק פלעגט אים דערטאַפּן דזשיגענדיג
אין מיטן אַרבעט.

אין דער היים, האָט מען

אויף דזשייקאָבן געקוקט ווי אויפן פירער:
אַ שטילער, קאַרג אויף איבעריגע ווערטער,
נור מיט אַ פריינדלאַך־פּאַטערלאַכן שמייכל—
אַזוי פיל עלטער פון די איבעריגע קינדער.
האָבן די קינדער צונ׳ם ברודער זיך געבויגן,
געהאַט פאַר אים גרויס בושה, און געפאָלגט
זיין איטלאַך וואָרט, און זיך געפילט געשמייכלט
ווען זיי האָבן ביים ברודער אויסגענומען.
אין זונטאַגדיגע אָוונטן, ווען ס׳פלעגט
דאָס יונגוואַרג זיך צונויפקומען אין הויז—
פלעגט דזשייקאָב גוטמוטיג און פריינטלאַך אויפנעמען
די שוועסטער׳ס חבר׳טעס און זיינע פריינט.
זיין צונג פלעגט ווערן לויז און אויפגעמונטערט,
די גרויע אויגן ווערן בלוי און בליציג,
און ס׳ברוינע פּנים האָט געברענט מיט פייער.

ווען ער פלעגט ווארעם־היימיש צוטולען צו זיך
א שוועסטער'ס חבר'טע צופלאמט און בויגיג.
דער פאטער, מיטן שווארצן דופטנדן ציגאר,
פלעגט נאכפאלגן דעם זון פון ווינקל־אויג
דורך שמעקעדיגע רינגענדיגע נעבלען —
מיט שטאלץ און גאוה אויפן יונגן זון.
אמאל פלעגט ער פארטראכטן זיך: ס'איז צייט
פאר אים, דעם זון, צו בויען זיך א היים;
פלעגט דורכווארפן אין זין די אלע דייטשן
וואס וואלטן גליקלאך זיין צו האבן דזשייקאבן.
אנומלט מאכט צו אים דער רייכער היימאן:
„איין טיכטיג־בראווער קערל איז דער דזשייק"—
און האט דערביי אים צוגעוואונקען מיטן אויג.
און ווען דער טאטע האט מיט פאטערלאכן שטאלץ
אויף דעם פארשווייגן—האט דער גראבער היימאן
א שטורך געגעבן דזשאשן מיטן עלענבויגן,
און לאכנדיג, מיט ממזר'ישע אויגן,
נים נאכגעלאזט: „נו יא, אבער וואס דענקען זי
„פאן פלאסי'ן מיינער, זי איזט היבש געוואקסן,
„איזט יא איינ' גראסע ווירטין אונד פערנינפטיג,
„הע־הע... וואס דענקען זי צומאל?..."

אזוי
איז דזשייקאב אויסגעוואקסן, און געווארן רייף
נאר ס'איז זיין הארץ נאך אלץ געוועזן פריי
און נישט באַרירט פון פרויענטלאכן פייער—
ביז וויוויאן איז אויפגעקומען אין זיין לעבן.

II

## וויוויאן

די ערשטע פיאנערן וועלכע האבן
אדורכגעשניטן זייער שוידערלאכן וועג
דורך מערב־זייט ווירדזשיניא, און דערגרייכט

דעם פּרוכטבאַרן רעגיאָן פון בלויען גראָז —
די זיינען אמת'ריג געווען העלדן.
עס איז געווען דער דראַנג פון מענשלאַכער נאַטור,
די נייגיר צו אַנטפּלעקן נייעם לאַנד.
וואָס האָט די פּיאָנערן אָנגעטריבן
צו דורכשניידן די ריזיגע ספּיראַלע בערג,
וואָס ציען זיך אויף מיילן הונדערטער, באַדעקט
מיט טרוקענע צודאַרטע בוימלאַך־קאַרליקעס. —
די פּיאָנערן האָבן נישט געוואוסט
אויף וואָס פאַר רייכטימער עס טרעטן זייערע פיס,
אַז אין די נירן פון די געלע בערג
באַהאַלטן זיך אַזוי פיל רייכע אוצרות
פון שווערן האַרטן גלאַנצענדיגן קויל
און רייכע אָדערן פון שוואַרצן אייזן:
זיי האָבן גראָז געזוכט פאַר זייערע בהמות,
און פּלאַכלאַנד אויף צו אַקערן און זייען.

אַז דעניעל בון, דער מעכטיגער געוואַגטער יעגער, —
דער ערשטער צו דערזען פאַר זיך דאָס לאַנד
פון בלויען גראָז—אַז בון האָט אויסגעפונען
דעם פעטן באָדן פון קענטאַקי־לאַנד,
האָט ער געשיקט באַלד אַ שליח צו זיין ברודער
און אַלע זיינע קרובים מיט די ווערטער:
„כ'האָב לאַנד אַנדעקט, דאָס גראָז איז גרין און פעט,
„די פּלאַך איז ברייט און ווייט, דאָס וואַסער זיס.
„קומט, לאָמיר דאָ באַזעצן דעם גן־עדן."
און ס'האָבן זיך גענומען ציען קאַראַוואַנען,
מיט אָקסן איינגעשפּאַנט צו ביידלאַך־וועגענער:
און אין די ביידלאַך האָבן זיך געהוידעט
די קינדער מיט צודאַרטע דינע פּנים'ער,
מיט אָפענע און נייגעריגע אויגלאַך:
מיט מוסקולדיגע מרה־שחורה'דיגע ווייבער,
פאַרהאַרטעוועט אין קאַמף, ווי האַלבע מאַנסביל.

זײ האָבן זיך געשניטן דורך די בערג,
מאָנאַטן לאַנג געשלעפּט זיך, אױסגעזעצט
צום װינט און קעלט, צו הונגער און צו דאַרשט.
און ערגער נאָך פון אַלץ, צום װילדן צאָרן
פון קריגערישע שבטים אינדיאַנער.
װאָס האָבן װי די װעלף אױף זײ געלױערט.
דער רױטער מאַן האָט זיך געשטעלט אין װעג,
דערשפּירט דעם אָנהײב פון זײן אונטערגאַנג—
האָט ער, אין צאָרן, קײנעם ניט געשױנט:
זיך אױסגעפּוצט מיט סקאַלפּן פון די מענער,
פון פרױ און קינד. די גליקלאַכע װאָס האָבן
צום סוף דערשלעפּט זיך צו דעם גוטן לאַנד—
די האָבן אױסגעטראָגן אױף די פּלײצעס
די נױט און די געפאַר פון נײעם ישוב,
ניט אײנגעגעבענע גערעטעטעניששן.
די אַפּטע איבערפאַלן פון׳ם שונא
מיט פײלנבױגן, טאָמאַהאָק, און פײער.

דער צװײטער דור האָט אָפּגעאָטעמט פרײער—
עס האָבן אױפגעהערט די בלוטיגע מלחמות,
און מענטשן האָבן פרידלאַך, פרײ געאַרבעט.
עס האָבן זיך געמערט די סטאַדעס שאָף
און ס׳האָט געגלאַנצט דער אַקער אױף דער זון.
די װײבער האָבן נאָך געאַרבעט װי די מענער
אַרומגעגאַנגען אַרום פעלד און שאָף,
געטראָגן און געזױגן און באַגראָבן.
און אױף די פּנים געשטעלט אַ נײעם דור.
זײ האָבן אַלץ נאָך אױסגעזען װי מאַנסביל
מיט ברײטע הענט און פיס און רױטע פּנים׳ער—
נאָר די עקשנות׳דיקע מרה־שחורה
איז שױן געװען אַװעק; און ס׳פלעגט צומאָל
אַ שמײכל אױפשפּאַלטן די ברײטע מײלער.
די פרױען פון די שפּעטערדיקע דורות

די זיינען שוין געווען פארצערטלט, ווייך,
מיט פייערן פון ווייבלאכקייט און לוסט אין בלוט
און אין די קלארע אויסגערוטע אויגן,
מיט זארגלאזן געלעכטער אויף די ליפן —
ווייל אויף די פעלדער פון די מאגנאן־הארן
האט שוין דער שווארצער מאן פון הייסער אפריקע —
געטריבן מיט דער בייטש פון ווייסן הערשער —
געגאסן מיט זיין שוויים אין פעטער ערד.
עס האט זיך אויפגעבויט א נייער אדל
פון מעכטיגע און רייכע גוטבאזיצער
אין וואונדערהבארע שלעסער און פאלאצן
מיט צענדליגער און הונדערטער באדינער.
און אין די וואונדערבארע שלעסער און פאלאצן
האט עס געהאלטן אין איין שטראמען
מיט גאר דעם לוקסוס פון דער גאנצער וועלט:
אלאסקא און סיביר מיט פוטערווארג,
פאריז מיט זעלטענע און וואונדערלאכע קליידער
פון סאמעט און פון זייד; די פיינסטע צירונג
געהאמערט און געפיילט פון קינסטלער־שמידן,
מיט אלטן פערלדיגן וויין שאמפאניער,
האוואנא מיט די טייערסטע ציגארן,
און אפריקע מיט ווייסע פעדערן פון שטרויסן.
די מענער זיינען דורך דער צייט געווארן
פאראיידלט און פארצערטלט ווי די ווייבער,
די הענט און פנימער — פארבלאסט און איידל,
די ליפן אויסגעכאליעט בלויז צום קושן,
פארקליידט אין קינסטלערישע אנצוגן,
מיט פלאטערדיגע האלדזטיכער און הילעס,
און ווי פאטריציער פון געבורט, זיך אפגעגעבן
צו קונסט, געזאנג, צו באקכוס און אמאר.

אז דער פלעבייער לינקאלן איז אויפגעשטאנען —
צופאכט זיך מיט זיין ברייטע שארפע האק

מיט וועלכע ער האט אינגלוויז געשפּאַלטן האָלץ
אין די געצווייגטע וועלדער פון קענטאַקי־היים—
און אַז זיין שאַרפע האַק האט אפּגעשניטן
די וואָרצלען פון דעם בוים פון זייער לעבן—
און אַז די ווילדע און צויאַגטע שקלאַפן
זיי האבן זיך באַזויפט מיטן שאַמפּאַניער
פון זייער הערשער'ס קאַלטע קעלערן,
און פאַראַדירט מיט בּאַרוועסע און שוואַרצע פיס
אין זייער באַלעבאַסטע'ס סייבל־פוטער,
מיט ווייסע שטרויס־פעדער אויף שוואַרצע קעפּ—
האבן די אינגערע, די שטאַרקערע, ערוואַכט
און זיך גענומען צופּאַסן צום נייעם לעבן
און נייע אומשטענדן; די שוואַכערע
זיי האבן אין דער היץ די קעפּ פאַרלוירן,
און אויספאַרקויפט די שלעסער און די גיטער,
פאַרשאַנקען רייכע פרוכטבאַרע פּלאַנטאַציעס
פאַר וויפל נאָר מען האט געגעבן, זיך געלאָזט
וואוהין די אייגן האבן זיי געטראָגן.
נאָר פילע האבן צוגעמאַכט די אויגן
אין אָרעמע און שמוציגע קוואַרטאַלן
פון לאָנדאָן און פּאַריז; געשטאָרבן בעטלענדיג,
פאַר'שכור'ט מיטן ביליגן אַבסינט.
פיל האבן זיך דערשלעפּט מיט יאָרן שפּעטער
צוריק אַ היים, די אויסגעשעפּטע גלידער
צו לעגן אין דער היימישער און טרייער ערד.

פון איינער פון די דאַזיגע משפּחות
איז וויוויאַן געקומען אויף דער ערד:
די עלטערן האָט זי שוין קוים געדיינקט,
ווי אין אַ וויטן אויסגעוועפּטן חלום.
נאָר עפּעס איז אַ ליכטיקייט געבליבן
ווי פון אַ גאָלדיג בלאַסן שטראַל אין מח.
דאָס קינד איז אויסגעוואַקסן ביי איר אַנקל—

א יחוס'דיגן קליינעם בעל־הבית —
האט זי געהויבן זיך—א יונגע שפּראָצלינג—
מיט אויגן ליכטיגע ווי קאָרן־בלומען,
מיט גאָלדיג־רויטע רינגען ווייכע האָר,
מיט לייכטע בויגיג־גראַציעזע גלידער.
און עפּעס איז געווען אין דעם מיידל
אַ אויסמיש און סינטעז פון אַלע דורות:
די קראַפט און ווילן פון די פּיאָנערן
און זוניקייט און צערטלאַכקייט און לוסט
פון דורות איינגעוואָרצלטע אין שלוה.
און אַז דאָס מיידל האָט גענומען איינגיין
ביים אידן אין'ם הויז, באַפריינדעט זיך
מיט זיינע מיידלאַך, איז דאָס גאַנצע הויז
געוואָרן פול און פול מיט וויוויאַן.
די מיידלאַך זיינען ווי געווען באַצויבערט,
דער אַלטער דזשאָש פלעגט שטאַרק הנאה האָבן
און ווערן יינגער פון דעם פרישן שטראָם
פון זילבערדיגן שפּריציגן געלעכטער.
די אַלטע פלעגט אפילו זיך צושמייכלען
די קנייטשן אויף איר פּנים פלעגן גוטמוטיג
זיך אויסגלעטן — און דזשייקאָב פלעגט באַהאַלטן
די אויגן ניט אַראָפּנעמען פון מיידל.
ער האָט צום ערשטן ניט געוואָגט, זיך נעגטער
מיט וויוויאַן צונויפצוגיין — נאָר שפּעטער
איז ער געוואָרן היימישער מיט איר:
זי איינגעלאַדן צו די זונטאָג־אָוונט טענץ,
און ס'האַרץ האָט פּייגלאַד־זיס געקלאַפּט, געקלאַפּט
ווען ער פלעגט ציטערלאַך זי צוטוליען צו זיך,
און אונטער דער פאַרברוינטער הויט פון פּנים
האָט היים און לעכצענדיג געברויזט דאָס בלוט.

וואָס ווייטער האָט די פריינטשאַפט זיך צעוואַקסן:
די פרעמדקייט פון די ראַסן האָט געצויגן,

געווען עפּעס נייַ און פֿריש און אַנרעגנד,
און ווי די פֿרישע פֿרילינגדיקע ערד זאַפּט איין
דעם ערשטן שמעקעדיקן פֿרילינג־רעגן,
אַזוי האָבן די יונגע לעכצנדיקע הערצער
אַרייַנגעזאַפּט אין זיך דעם פֿרישן שטראָם
פֿון קאָכיקן בּאַרוישענדן געפֿיל.
און איידער נאָך דער אימפּולס פֿון די הערצער
האָט קלאָר געפֿילט וואוהין ער ווערט געשטויסן—
איז האָבּן שוין די צוויי פּאָר זיך געַחלומ׳ט,
געטראָגן אויף אַ פֿלום פֿון ראָזע כוואַליעס,
פֿאַרוויגט, אַנטציקט פֿון ליכטיקן געפֿיל
וואָס האָט פֿאַרנומען און פֿאַרשפּונען זייער לעבן.

אַזוי האָט זיך אַ שטיקל צייט געצויגן —
ביז ס׳איז דאָס פּאָרל אין אַ פֿיינעם טאָג
אַוועק צום אַלטן גוטמוטיקן פּאַסטאָר,
און זיך פֿאַרהייראַט.

III

## מחותנים

דער אַלטער דזשאַש מיט׳ן ציגאַר אין מויל
איז זיך געזעסן שטיל און אייַנגעהאַלטן.
די אויגן שטאַרק פֿאַרזשמורעט פֿונ׳ם רויך,
דער גרויער קאָפּ פֿאַרזונקען אין די פּלייצעס:
געהערט און ניט געהערט דעם אַלטן שכן
מיט׳ן פֿאַרשפּיצטן טרייסלדיקן בערדל
און קליינע שפּיציגע און בלויע אויגן.
דער שכן האָט גערעדט געלאַסן, שטיל,
געבּלאָזן קנוילן רויך פֿון שוואַרצער ליולקע,
געפּרוּאווט אַרייַנקוקן אין אידנ׳ס אויגן.
נאָר ס׳האָט דער איד געזשמורעט זיי פֿון רויך,
און ס׳איז געווען אומעגלאַך פּאַר׳ן שכן

צו זען און צו פארשטיין דעם אידנ'ס מיין,
פון וואס דער שכן האט זיך שטארק געערגערט:
די „אנקל סעם בארד" האט נערוועז געטרייסלט זיך,
און ס'האבן זיך די שיטערע און גרויע האר
פון אלטן קאפ געבלאזן און געפלאטערט;
די אלטע אינ'ם קלייד פון שווארצן זייד,
איז שטייף און גראד געזעסן אין איר שטול,
אין אייז און זעלבער פאזע, ווי פארשטארט.
מיט מוטנע לעבלאזע און שווערע אויגן.
דער לאמפ איבער'ן טיש האט העל געברענט,
געשפיגלט זיך מיט קלארע דינע פייערלאך
אין גלעזער שטארקן טיי וואס קיינער האט
צומאל אפילו זיך ניט צוגערירט צו זיי.
און ס'האט דער טיי פארשעמט געקילט זיך,
געבלאזט מיט דינע קרייזלדיגע רויכלאך.
און ס'האט דער וואנט-זייגער געקלאפט, געקלאפט
און אנגעיאגט אן אומעט אינ'ם הויז.

ביז ס'איז דער שכן פון געדולד ארויס,
און פון דעם ווייכן פארמאסקירטן טאן
איז ער ארויס מיט ביטערניש און גאל:
דער האס האט אים געבלעזלט אין די אויגן,
און ס'ביסל אלט דין בלוט האט אנגעשפארט
צום אלטן שארבן מיט די דינע האר
און זיך געגאסן מיט א טריבער רויטקייט
פון אונטער דער צעקנייטשטער פארמעט-הויט.
א פאטש געטאן אין טיש מיט אלע כוחות,
אז ס'האט די אלטע אזש א שפרונג געטאן.
דאס קול איז אים געווארן שארף און שניידנדיג,
און קוקנדיג דעם אידן הארט אין פנים
געערדט פארביסן: „דזשאש" — האט ער געערדט —
„אז ס'מיידל איז געקומען און געזאגט
„אז זי האט זיך פארהייראט מיט דיין זון

„האָב איך גלויבן ניט געקענט מיינע אויערן.
„מיין ברודער'ס טאָכטער — און דער איך? אַ פיינע פּאָר.
„ווען ס'וואָלט מיין ברודער האָוואַרד איצט געלעבט
„וואָלט עס מסתמא ניט דערצו געקומען.
„איך גיי אַרום די לעצטע פּאָר מאָנאַטן דול
„איך שעם זיך אויפצוהייבן מיינע אויגן.
„דערוויים איך זיך, אַז דו ביזט גאָר פלאַם־פייער,
„אַרויסגעטריבן פון געשעפט דעם זון,
„און גיי האָב טענות. נו, דערלעבט זיך צייטן..."
— „און איך, האָב גאָר דעם יחוס ניט געזוכט" —
האָט שטיל און קיל דער איך אַריינגעשטעלט.
— „אַזוי?" — האָט זיך דער שכן מער נאָך אָנגעצונדן —
„איך האָב אפילו נישט געוואָלט דאָ קומען,
„קיין כבוד האָב איך ניט פון דיר צו וואַרטן,
„נאָר מיר געפעלט, ווי דו, דזשאָש, ברעקלסט זיך,
„איך וואָלט נאָר, דזשאָש, געוואָלט דערגיין דעם סוד
„פון דיין געוואַלדיגן און גרויסן יחוס.
„צי שטעקט'ס אין דעם, וואָס דיינע אַלטע אבות
„זיי האָבן ניינצן הונדערט יאָר צוריק
געקרייציגט דזשיזוסן?"

דער איך האָט ניט געענטפערט:
ס'איז דער ציגאַר אין האַנט געווען טויט.
האָט מיט דער צווייטער האַנט זיך צוגעדעקט
די מידע אויגן, ווי ער וואָלט געשלאָפן;
די אויפגערעגטע האַרבע שווערע רייד
זיי האָבן אים געשלאָגן ווי מיט שטיינער.
און ס'האָט זיין לייב געקאַרטשעט זיך פון פיין —
האָט ער פאַרלוירן און געפייניגט זיך געדריקט
אין טיפן גרויסן שטול און שטיל געשוויגן.

דער שכן האָט געוואָרט צו הערן ענטפער —
געריבן שוועבעלאַך צו אָנצינדן די ליולקע,
נאָר ס'האָבן זיך די שוועבעלאַך געבראָכן.

האַט ער מיט כעס די ליולקע אָפּגעלייגט —
נאָר אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרמען,
האָט ער גענומען רעדן פון דאָס ניי:
„נו, דזשאַש" — האָט ער געזאָגט — „אַ וועלט, אַ וועלט.
„געדיינקסט כאָטש ווי דו ביזט אַהער געקומען?
„אַ בעטלער, אַ ציגיינער, אָפּגעריסן,
„וואָס האָט זיך אומגעשלעפּט אויף אַלע וועגן
„צודאַרט, צוקוואַרט, מיט משא אויף די פּלייצעס.
„איצט ביזטו פעט געוואָרן, דזשאַש, און גלאַט
„מיט הייזער און מיט ברייזער און מזומן —
(באַטראַכט דאָס הויז מיט שטעכעדיגע בליקן,
צעפּירט די הענט, און האָגלט פון דאָס ניי:)
„אביסל זיך פאַרפונדעוועט, מיט זייד און סאַמעט,
„מיט זילבער און מיט גאָלד, מיט אַלעם גוטן.
„אַ האַלבע שטאָט געהערט דאָך שוין צו דיר.
„איך וואָלט געזאָגט כאָטש, אַז דו שאַצט עס אָפּ,
„אַז דו ביזט דאַנקבאַר פאַר דיין גוטן מזל —
„איז ניין — דו ברעקלסט זיך און שליידערסט זיך,
„און דיר שטייט נאָך ניט אָן מיין ברודער'ס טאָכטער.
„ווי שטייט דאָרט אין דיין אַלטן טעסטאַמענט:
„אַז ס'ווערט ישורון פעט, איז בריקעט ער."

די אַלטע איז געזעסן דורך דער צייט,
געזעסן שטייף און שטיל און ווי פאַרשטאַרט.
נאָר פון די רויטע אויגן האָט געפלאָסן
מיט ווייסע שטומע שווייגעדיגע טרערן.
עס האָט געפלאָסן אויפ'ן בלאַסן פּנים,
אַרומגעקרייזט די נאָז און טויטע ליפּן,
און פון די ליפּן אויף איר האַרץ געפאַלן.
און זי האָט דורך דער צייט זיך ניט באַוועגט,
ניט אָפּגעווישט די רינענדיגע אויגן.
האָט ניט גערעדט, האָט ניט געשלוכצט, זיך ניט באַוועגט,
האָט בלויז באַגאָסן זיך מיט טויטע טרערן.

נאר אז דער שכן האט צום סוף געענדיגט
האט דזשאש אראפגענומען זיין האנט פון פנים —
(זיין פנים איז געווען צעקרימט פאר צער
און זיינע אויגן האבן בייז געלויכטן)
זיך אויסגעגלייכט אין שטול, און האט געזאגט:
„האסט אלץ געהערט וואס ס'דריקט דיך, שכן?
„ווען דו וואלסט ניט געווען מיין שנור'ס אן אנקל
„וואלט איך פון דיר דיין גראבקייט ניט גענומען,
„דאס האב איך פון איר כבוד וועגן דיך געשווינט.
„דו ווארפסט מיר אויף מיין עלענד פון אמאל,
„און האסט פון מיר קיין נחת ניט אויך היינט —
„מסתמא איז עס גרויס דיר אין די אויגן.
„נאר ארימקייט, זאגט מען, איז ניט קיין שאנד,
„און אויב אצינד געהערט א האלבע שטאט צו מיר,
„ווי דו ווילסט האבן — איז האב איך אויף דעם
„געוויטאגט און געארבייט יארן לאנג.
„ניט דאס אבער וויל איך דא אויסברייגנגען:
„האסט פריער דא פארבייגייענד דערמאנט
„דעם אלטן חטא פון מיינע עלטער־אבות,
„וואס זיי האבן דיין גאט געקרייציגט — דאס
„איז אפשר גאר געווען די ערשטע סבה
„פארוואס כ'האב נישט געוואלט דיין ברודער'ס טאכטער.
„קען זיין, מיט יארן שפעטער, אז עס וועט
„דער פלאם פון יונגן בלוט זיך אפקילן,
„וועט ער, מיין זון, דאס אייגענע דערהערן
„פון מויל פון אייגן ווייב, זיין פלייש און בלוט,
„און דאס וואלט זיין צו שרעקליך. ווייטער אבער
„זאלסטו זיך וועגן דזשייקאבן ניט זארגן:
„ער וועט שוין, דזשייק, אליין באשטיין זיין שטעטל.
„א גוטע נאכט דיר, שכן."

## זיבעטער קאַפּיטל

### I

# קינדער

און דאָס זיינען די נעמען פון די קינדער
פון אַלטן דזשאָש, און סערע, זיין ווייב :
דזשייקאָב, לייאָנעל, עדווין און ווילאַרד—די זין,
דאָראָטי, דייאַנאַ און עטעל— די טעכטער.
די אַלע, אויסער דזשייקאָבן דעם פּרעמדגעבאָרענעם
זיי האָבן שוין אין גאַנצן נישט באַדאַרפט
זיך אויסגרינען : זיי זיינען שוין געקומען
אין נייער וועלט אַלס שטאָלצע פרייִע בירגער,
און אַלס אַזעלכע האָבן זיי געווירקט :

לייאָנעל :

איז אויסגעוואַקסן אַ געזונט־ליבענדער מאַן,
אַ שווערער, אַ געלאַסענער, אַ רוהיגער,
מיט שווערקייט אַדורכגעשטופּט די שול—
האָט אים דער טאַטע באַלד אָוועקגעשטעלט
אין גרויסן רויטן הויז ביים אַלטן וואַג :
איז ער געשטאַנען און געהיט ס׳געוויכט,
דאָס צינגל זאָל נישט ציען נישט אַהער
און נישט אַהין ; האָט ער געוואויגן קאָרער,
און באַלן וואָל און פעדערן און פערדנביין,
און זשאַווערדיגן אַלטן גרויען אייזן,
און פרישע הייסע בלוטנדיגע פעלן.

דער לייאָנעל האָט זיך גענאָגט בארימען,
אַז ער האָט קיינמאָל נישט געמאַכט קיין טעות.
איז ער אַזוי געשטאַנען ביי דער וואַג
ביז ער איז אויסגעוואַקסן אין אַ יונגן מאַן
מיט ברייטע עפּעס איינגעבויגענע פּלייצעס
פון פילן בויגן זיך און נויגן זיך צום וואָג.
דערנאָך, אַז דזשייקאָב האָט ביי קיינעם ניט געפרעגט
און האָט אַליין פאַר׳שדכנ׳ט זיך מיט וויוויאַן—
איז דזשאָש געגאַנגען, און צונויפגעפירט
דעם לייאָנעל מיט פלאָסי׳ן, הייםאַנ׳ס מיידל.
דאָס פּאָרל איז אַביסל „אויסגעגאַנגען.“
דערנאָך האָט מען געמאַכט אַ גרויסע האָכצייט
מיט גרויס פּאַראַד: דער רייכער קאַרגער הייםאַן
האָט נעבעך שטאַרק געקרעכצט, געדונגען זיך.
נאָר ס׳האָבן אים קיין קונצן ניט געהאָלפן:
האָט אויסגעשטאַט אַ הויז כיד המלך
מיט מעבל און מיט טעפּיכער און מיט אַ פּיאַנאָ.
צו מאָרגנס נאָך דער חתונה, באַגינען,
איז לייאָנעל געקומען אויפ׳ן הויף
און זיך אַוועקגעשטעלט צוריק ביים וואָג.

## עדווין:

נאָך לייאָנעלן קומט דער ברודער עדווין.
דער עדווין איז געווען אַ יונג אַ ברען:
אַ שיינער, אַ געראָטענער, נערוועז און פלינק.
נאָר עפּעס איז געלעגן אין נאַטור זיינער
וואָס ער האָט ניט געקאָנט זיך צופּאַסן
צו עפּעס ניצליכעס. דאָס איז געווען אַ מזיק,
פלעגט אָנפירן דעם באָל־שפּיל פייערדיג
מיט הויכער האַנט; אַ אינגל נאָך, און שוין
זיך אומגעפירט מיט לעבעדיגע שיקסלאַך
יעדע גאַנצע נעכט. דער טאַטע האָט געשטראָפט.

די מאַמע האָט געבעטן און געוויינט—
נאָר ס׳האָבן אַלע טענות נישט געהאָלפן:
דער מזיק האָט געברענט אַ וועלט — דאָס גאָר.
ער איז געוואָרן אַ פּאַרקאַכטער שפּילער:
געשפּילט אין קאָרטן, און געשפּילט אין ווערפּלאַך,
געשפּילט אויף פערדלאַך אין די קאָכעדיגע רייסעס.
און אַז די פערדלאַך פלעגן אָפּפאָרן פון שטאָדט
פלעגט ערדווין זיך ניט פוילן נאָכפאָרן
וואו נאָר דאָס גרויסע פיינע שפּיל פלעגט אַנגיין,
נאָך לואיסוויל, אַטלאַנטאַ, ניו־אָרלינס.
האָט אים די מאַמע אַנגערופן: קוועקזילבער,
און ס׳האָט דער אַלטער אים גערופן: נאָך ערגער.
ביז איינמאָל, זייענדיג ניט־פאַרזיכטיג גענוג,
האָט ערדווין זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט
צו לייגן אויף אַ היבשע סומע געלט זיין האַנט —
און מער האָט מען שוין ערדווינען ניט אַנגעזען.
נאָר זעלטן ווען פלעגט צוקומען אַ גרוס,
אַ ווייטער גרוס פון ווייטע שפּיל־טישן
פון זוניגער פאַרבליטער פלאָרידאַ,
נאָך שפּעטער, פון דעם ווייטן סאַן־פראַנציסקאָ.
דאָס לעצטע וואָס מען האָט פון אים געהערט
געקומען איז פון ווייסער שנייאיגער אַלאַסקאַ,
וואו ערדווין האָט געלאָזט זיך מיטן שטראָם פון זוכער
צו זוכן גאָלד צווישן אייז און שניי.

## ווילאַרד

דעם ברודער ווילאַרד האָט שוין ניט געצויגן
צום ברוכוואַרג און צום האַנדל. ווילאַרד איז געווען
צוריקגעצויגן, שטיל פון דער נאַטור.
האָט פלייסיג דורכגעמאַכט די שול און הויכשול,
דערנאָך האָט אים דער אַלטער פאָטער דזשאָש
געלאָזט שטודירן אין דער גרויסער שטאָט.

האט ווילארד אויסגעשטודירט מעדיצין
און איז צוריקגעקומען אין דער היים.
האט ער געהאט גרויס אנזען ביי די שכנים.
זיי פלעגן שווין דעם „גוטן מארגן, דאק !"
אים טראגן פון דערווייטן. קראנקע זיינע
צו'ן אים געקומען גערן זיך קורירן.
די שכנים האבן זיך געהאט א ווערטל:
„אזוי ווי ס'איז דער פאטער מזל'דיג,
אזוי איז אויך דער זון." דערנאך האט ער
אראפגעבראכט פון ווייטער שטאט א ווייב.
האט זי געלעבט מיט אלעמען פון ווייטן,
מיט קיינעם ניט געפריינדלט זיך צו שטארק,
ווי ס'פאסט זיך פאר א יונגן דאקטאר'ס ווייב.
איינמאל איז זי געקומען אויפן ברוכווארג:
האט זי דער אלטער אומגעפירט אין הויף,
געפרופט איר ווייזן און דערקלערן זאכן —
נור זי האט זיך געקרימט, געהאלטן פעסט צום נאז
א פארפומירטן טיכל. מער וואלט מען
דאס ווייבל נישט געקאנט אהין פארנארן.

## דאראטי

די עלטסטע פון די טעכטער: הויך און שלאנק.
האט גוט געלערנט זיך, ווי אלע טעכטער,
האט פיל געלייענט און געשפילט די פיאנא.
באזעסן מוט און פלינקייט פון געדאנק,
געוועזן די נשמה פון איר קרייז.
ווען ס'האט מיט דזשייקאבן געמאכט זיך די געשיכטע
האט זי דער אלטער דזשאש אוועקגעשיקט
צו זיינעם א פארוואנדטן אין שיקאגא:
דאס מיידל זאל פארקערן דארט מיט אידן.
האט זי געהייראט אין שיקאגא מיט א מאן,
און ווי מען האט דערציילט ביי אונז אין שטאט

האָט זיך געלעבט איר דאָרט ווי אַ פּרינצעסין.
מיט אייניגע יאָר שפּעטער, האָט זיך דאָראָטי
צוריקגעקערט צום טאַטן אינ'ם הויז
אין שוואַרצן און געדיכטן טרויער, הויך און שלאַנק.
דאָס פּנים בלאַס און דורכזיכטיג, ווי ביי מאַדאָנאָס,
מיט רינגען בלוי אַרום די טיפע אויגן.
געבראַכט האָט זי מיט זיך דעם קליינעם דייוויד,
מיט דינע און געשניצטע הענט און פּיס
מיט שטראַלנדיגן בליק פון גרויסע אויגן.
אין שטאָט האָט מען גערעט. דערציילט זיך מעשות
פון גרויסע ספּעקולאַציעס אין דעם גרויסן כרך.
און פון דעם ענדלאָכן געטרייען קויל אין קאָפּ —
נאָר קלאָר איז מען עס קיינמאָל ניט דערגאַנגען.
נאָר זי האָט אָפּגעהיט אַלמנה'שאַפט געטריי,
פאַר יאָרן זיך נישט צוגערירט צום פּיאַנאָ;
געוואָרן רעליגיעז געשטימט, און פרייטאָג־נאַכט'ס
פלעגט ברענען איר פאַר ליכט אַנטקעגן מאַמע'ס.
עס האָבן אינ'ם הויז פון אַלטן דזשאָש
אריינקומען גענומען נייע ביכער
פון אידישער געשיכטע, רעליגיאָן.
די לידער פון דער צאַרטער עמאַ לאַזאַרוס.
און אַנדערע. אין שטאָט האָט מען גערעט,
אַז דאָראָטין האָט זיך פאַרגלוסט צו זיין אַ רב:
זי לערנט לשון־קודש פון דעם חומש.

## דייאַנאַ

ווען דאָראָטי האָט זיך צוריקגעקערט אַ היים —
איז זי, דייאַנאַ, פון דער היים אַוועק:
האָט זיך פאַרהייראַט צו אַ רייכן סוחר
פון אַ דערנעבנדיגן נייעם ישוב.
האָט זיך געלעבט איר זאַט און שטיל און רוהיג
און איטלאַך מאָל ווען זי פלעגט קומען אין דער היים

האָט זי געהאַט וואָס נייעס צו באַווייזן:
אַ דימענט־רינג, אַ לאַוועליר, צי אוירינגען.
דאָס פּנים האָט געלאַנצירט פון פּעטס און וואוילטאָג,
און איז ניט מיד געוואָרן צו דערציילן
פון הערמאַן׳ס גוטסקייט און זיין איידלקייט,
און ווי אַזוי איר הערמאַן וואָלט פאַר איר
דאָס לעבן איינגעשטעלט.

## עטעל

קאַפּריזנע, ווי אַ קליין פאַרצערטלט קינד,
מיט לאַנגע, דינע און נערוועזע פינגער,
פלעגט זי פאַר׳חלומ׳ען איר טאָג ביים פּיאַנאָ.
אַז ס׳רויהע לעבן האָט זי איינמאָל אַנגערירט
האָט זיך איר יונגעס וועזן איינגעשרומפּט
ווי ס׳שליסט זיך אויף די שלאָפעדיגע בלום
ווען ס׳פאַלט אויף איר די אָנקומענדע נאַכט.
אין שטאָט האָט מען גערעט פון אומגליקלאַכער ליבע.
דאָס גאַנצע הויז איז אומגעגאַנגען אַרום איר
ווי מען גייט אַרום אַ צערטלאַך קריינקלאַך קינד:
דערפילט איר קלענסטן וואונש, איר מינדסט באַגער.
זי פלעגט ארויספאָרן אין ראַזיגע פאַרנאַכטן
שפּאַצירן אויסן שטאָט אין קערבל־וועגל
געשפּאַנט צום טאַנצנדיגן פּאָני־פערדל.
און אַז זי פלעגט צוריקקומען אַהיים
פלעגט שמעקן פון דעם גאַנצן יונגן וועזן
מיט ווילדע פעלד־בלומען און טוי און זומערנאַכט.
און אינ׳ם פייכטן בלאַנדזשעדיגן בליק
איז עפּעס אומגעשוואומען פרעמדס און ווייטס
און אומפאַרשטענדלאַכס, פון אַן אַנדער וועלט.
ווען דאַראַטי האָט זיך צוריקגעקערט
און מיטגעבראַכט איר זון, דעם קליינעם דייוויד —
האָט עטל ווי פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט:

ס'האט אנגעהויבן קלינגען אינ'ם הויז
מעלאדיש, שיין און שטארק איר יונגע שטים.
זי האט שוין מער פון קינד נישט אפגעטראטן
און איז צו'ן אים געווארן ווי א מאמע.
און ביידע שוועסטער, הויך און דין און שלאנק,
אין שווארצן טרויער די, און ווייס די צווייטע,
זיי פלעגן אומגיין ווי צוויי מאמעס ארום קינד.

II

## טויט

דאס לעבן איז דערוויילע געגאנגען פארווערטס
ווי ס'גייט דער אלטער-זייגער אויפ'ן וואנט.
און יעדער איז געווען מיט זיך פארנומען
מיט זיינע דאגות, איבערלעבונגען, חלומות.
עס האבן זיך געהויבן יונגע אייניקלאך —
און אין א יום-טוב'דיגן טאג פון רו
איז פול געווען דאס הויז מיט זין און טעכטער,
מיט אויסגעפוצטע אינגלאך און מיט מיידלאך
מיט ברוינע און מיט בלאנדע און מיט שווארצע קעפלאך
מיט אנגעכמורעטע און שווערע פנימ'לאך,
מיט לוסטיגע און ממזרישע פנימ'לאך.
די אלטע פלעגט שוין אפט אליין נישט וויסן
וועד וועמעס קינד סע פלאנטערט זיך ארום
צווישן אירע פיס, און וואס זיין נאמען איז.
דאס האט די עלטער זי גענומען בויגן:
זי פלעגט זיי טיילן צוקערלאך און קיכלאך,
און זעלטן ווען א פיר טאן מיט דער האנט
אריבער ווייכן האר פון יונגע קעפלאך.

זי איז געשטארבן ווי זי האט געלעבט:
א שטילע, א בארואיגטע, זיך נישט געקלאגט.

עס האָבן זי אַרומגערינגעלט זין און טעכטער.
נאָר אין דעם לעצטן ציטער פון איר גסיסה
האָט זי איר טריבן בליק אַוועקגעשטעלט
אויף אים, דעם מאַן, און מער נישט אָפּגעווענדט.
און לאַנג נאָכדעם ווי זי האָט אויסגעהויכט איר אָטעם
איז ער נאָך אַלץ געווען אונטער דער משא
פון שווערן טריבן און פאַרגלאָזטן בליק.

דערנאָך איז פול געוואָרן ס'הויז מיט שטילקייט,
מיט ריחות פון'ם טויט און געלע ליכט,
און שווערע איבערפליסיגע בוקעטן־בלומען.
די אַלטע איז געלעגן אין דעם אָרון,
פאַרפּוצט אין שוואַרצן ברייטן זיידנקלייד;
פון אונטער דעם געדיכטן שוואַרצן שלייער
האָט זיך דאָס גרויע האָר פון קאָפּ געזילבערט.
און אויף דער געלער שווערער טויטער האַנט
האָט זיך דאָס געלבע טויטנליכט געשפּיגלט
אין גאָלדענעם און אַלטן חופּה־רינג.
די גאַנצע שטאָט האָט זיך אין הויז געקערט:
די אַלטע גרויע שכנים, וועלכע האָבן נאָך
געקענט דעם דזשאָש פון יענע אַלטע צייטן.
די אינגערע, וואָס האָבן שוין פאַרקערט
מיט אים אין די געשעפטן און די ביינק.
די שוועסטער'ס חבר'טעס און די באַקאַנטע.
דער אַלטער פּאַסטאָר מיטן מילדן פּנים.
די איילענדיגע און צעיאָגטע לימוזינען
מיט ווייב און קינד, וואָס האָבן נישט געוואוסט
ווי צו באַגיין זיך מיט די היטלען זייערע:
אַראָפּנעמען דאָס היטל, אָדער ניט?
און ס'איז זיי אויסגעקומען מאָדנע פרעמד
די גאַנצע צערעמאָניע פון דער גאָטעסדינסט:
דער יונגער דינער ראַביי שוואַרץ געקליידט,
פאַרשפּילעט שטייף אויף אַלע קנעפּ צום האַלז,

דאָס פּנים גלאַט ראַזירט, מיט בלויזן קאָפּ,
מיט גלימצערדיגע גלעזער אויף די אויגן.
ער האָט געלייענט אין אַ גראָבן טאָן,
געצויגן די געשליפענע געפיילטע ווערטער
אַרויס פון דינעם שוואַרצגעבונדענעם תהילים.
עס זיינען פּערלדיג געפאַלן ווערטער,
באַקאַנטע ווערטער, נאָר אין נייעם לשון,
וואָס האָבן אָנגעשלאָגן אַלע הערצער:
„גאָט, אונזער האַר, ווי גרויס איז דיין נאָמען
„איבער דער וועלט!
„וואָס דו האָסט געטאָן דיין פּראַכט
„אויף די הימלען.
„ווען איך זע דיינע הימלען,
„די אַרבעט פון דיינע פינגער,
„לבנה און שטערן וואָס דו האָסט פעסטגעזעצט.
„...וואָס איז דער מענש, דו זאָלסט אים דערמאָנען,
„און דער זון פון דער ערד, דו זאָלסט אים געדיינקען? ..."
זיך אָפּגעשטעלט אויף איניגע מינוטן שטיל, —
אין שטילן אָנגעשטריינגטן הויז האָט זיך געהערט
דאָס איבערמישן פון די דינע בלעטלאַך, —
און אָנגעהויבן זאָגן פון דאָס ניי:
„דאָס געבעט פון משה דעם געטלאַכן מאַן:
„...נאָך איידער די בערג זיינען געוועזן געבוירן,
„און איידער דו האָסט באַשאַפן ערד און וועלט —
„ביזטו פון אייביג און פון אייביג שוין געווען גאָט".
און ווייטער:
„ווי וועלקעס גראָז... וואָס שפּראָצט אויס באַגינען
„און ווערט צוטריקנט און פאַרוועלקט אין אָוונט.
„דען אַלע אונזערע טעג שווינדן אין דיין צאָרן"...

דער אַלטער האָט געהערט און נישט געהערט:
עס האָט זיך אָפּגעשטעלט די צייט און די באַוועגונג
ווי אין אַ נעבלדיגן פלאַנטערדיגן חלום.

און אַלץ האָט זיך געמישט אין טריבן בליק:
די זין און טעכטער און דאָס טויטע פּנים
דער ניט־רעאַלער שיין פון געלע ליכט,
דער שווערער ריח פון די בלומענקרענץ,
דאָס פּנים פון דעם פרעמדן יונגן ראַביי
וואָס האָט געצויגן מאַנאָטאָן און באַנג.
מינוטן האָבן זיך געשפּרייט אין אייביקייטן,
און ס'גאַנצע לעבן האָט געדויערט איין מינוט.
אין צווייטער רגע איז דאָס פריערינע
פאַרשוואונדן און צערונען ווי אַ רויך —
האָט ער געפּרופט זיך צוהערן צום קול
האָט ער יאָ אויפגעכאַפּט באַקאַנטע ווערטער,
באַקאַנטע אָבער דאָך פאַרפרעמדטע ווערטער,
איז ער אַריבער צו דאָס פריהריגע
צו דעם געדאַנק וואָס האָט נישט נאָכגעלאָזט,
וואָס איז שוין אַלט דאָך ניי זינט וועלט איז וועלט.
און זינט דער ערשטער מענטש האָט אָנגעהויבן טראַכטן:
וואו איז דער תּכלית און דער זין פון אַלעם?

דערנאָך האָט ווידער זיך געצויגן דער קאַשמאַר:
די גאַסן די באַקאַנטע פון דער שטאָט
זיי זיינען דאָס מאָל אומבאַקאַנט און פרעמד,
דאָס פרייע פעלד, דאָס גראָז, דערנאָך מצבות,
און פרישע קברים צוגעדעקט מיט בלומען.
אַזוי פיל ווייסע מאַרמאָרנע פיגורן —
און צלמים, צלמים, צלמים איבעראַל.
עס איז געשטאַנען אינ'ם הימל אומבאַוועגלאַך
אַ גרויסע רויטע טייערדיגע זון.
ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ביים ראַנד פון גרוב
וואָס האָט געשמעקט מיט פרישער קילער ערד,
און האָט זיך אויסגעניכטערט ווי פון חלום:
דער אָרון איז געווען אַראָפּגעלאָזט אין גרוב
און ס'האָט דער ראַביי זיך געבויגן אויפן גרוב.

געלייענט ווידער פון׳ם שוואַרצן ביכל
נאָר דאָ, אין אָפענעם און פרייען פעלד,
אין אַנגעזיכט פון אייביג־שטילן לעבן
האָט ס׳קול געקלונגען ליידנדיג, פאַרלוירן.
ער האָט געשאָטן ווייסע בלומען אין דער גרוב,
געבויגן זיך אַריבער און גערעט:
„דען ערד ביזטו, און צו דער ערד קערסטו זיך צוריק“.
און אַז די ערד האָט אָנגעהויבן פאַלן
מיט דומפּן שווערן קלאַנג אַז דעק פון אָרון,
האָט ער דערמאָנט זיך יענעם טאָג אין ווינטער,
ווען ער און זי, די איצט פאַרשאָטענע אין גרוב,
זיי האָבן אויפגעהאַקט דעם קאַלטן קבר
פאַר זייער קליין און אומגעקומען קינד.
האָט ער אַ פאַל געטאָן צום קליינעם בערגל,
וואָס האָט גערוט איצט אַזוי גרין און פרידלאַך
באַדעקט מיט גראָז און ווילדע פעלד־בלומען.
ער האָט געוואָלט אַריינשרייען צום קינד
אַז זי, די מאַמע, איז צו אים געקומען —
נור ריידן האָט ער נישט געקאָנט — האָט ער
געבויגן זיך צום קבר, און דער קוואַל
פון הייסע טרערן האָט זיך אים געעפנט,
האָט ער געכליפּעט אויפן הויכן קול,
ווי ס׳וויינט אַ קליין און אומבאַהאָלפן קינד.

III

# אָונט-שאָטנס

ביים מוטער׳ס קראַנקנבעט זיינען דער פאָטער
און זון געוואָרן שלום. ס׳האָרץ האָט אים
געצויגן צו׳ם זון פון ערשטן טאָג —
צו שטאָלץ אָבער צו צייגן זיין געפיל

האָט ער געשוויגן. ס'איינגענע דער זון.
ביים מוטער'ס בעט — דערנאָך ביי דער לויה
איז לייכט געווען צו ריידן גוטע רייד
וואָס זיינען אמת'דיק געקומען פונ'ם האַרצן.
ס'געשעפט האָט שוין געפאָדערט יונגעם בלוט:
ס'איז אויסגעוואַקסן שטאַרקע קאָנקורענץ.
און ס'האָט דער אַלטער דזשאָש געשפּירט, אַז ס'איז
צו שווער פאַר אים, און ניט פאַר זיינע כּחות
אַליין, אויף זיך, די משא אויסצוטראָגן.
מיט לייאָנעלן האָט ער גוט געוואוסט,
אַז ווייט וועט ער ניט גיין: איז גוט צום וואָג,
און ווייטער איז ניטאָ זיך צו פאַרלאָזן.
האָט ער איין טאָג, אַן זייטיגע הקדמות,
געבעטן דזשייקאָבן צוריק־קומען אין פלאַץ.
און דזשייקאָב האָט זיך אויך נישט לאַנג געקנייטשט.
און אָנגענומען באַלד דעם טאַטנס פאָרשלאָג.
און אויפן שילד פון אַלטן גרויסן הויז
איז צוגעקומען נאָך איין וואָרט: „און זון".

דאָס לעבן האָט גענומען ווידער גיין
זיין אָנגעצייכנטן טאָג־טעגלאַכן מאַרשרוט,
פאַרנומען פון דער פרי ביז שפּעט אין נאַכט
מיט האַנדל און מיט סחורה און מיט לאַרעניש.
פאַרדינסטן און פאַרלוסטן — און דעם אַלטן
איז אָפּטמאָל שוין די זאַך געפאַלן שווער.
און איבערדרייסיק. ער האָט שטיל געגאַרט
צוריק זיך ציען פון דער גאַנצער משא.
און חלומ'ען וואו ערגעץ שטילערהייט —
ער האָט געפּרובט צו אויסנבלייבן אין דער היים.
נאָר ס'איז די רו פון היים נישט איינגעגאַנגען.
ער האָט אפילו איינמאָל אויסגעזוכט
דעם אַלטן רב בחיי פון זיין שטעטל —

נור רב בחיי האָט אים שוין געלאָזן קאַלט:
נישט דאָס. האָט ער זיך אומגעקערט צום פּלאַץ
און האָט זיך איינגעשפּאַנט צוריק אין יאָך,
הגם ער האָט געוואוסט, אַז ס'איז נישט נויטיק,
אַז דזשייקאָב וועט גאַנץ גוט באַגיין זיך אָן אים.
נאָר זיין אַן איבעריגער אויף גאָט'ס וועלט,
איז נישט געווען אין זיין נאַטור. האָט ער
זיך ווידער מיטן לייב און זעל אַריינגעטאָן
אין זיין געשעפט — און איז אַזוי פאַרבליבן
פאַרטאָן, פאַר'דאגה'ט. נור איין איינציק שטראַל
האָט איצט באַלויכטן אים זיין שווערן אומעט:
דאָס איז געווען וויוויאַן זיין שנור,
די אומעטיגע טעכטער אין דער היים,
און דער פאַרצערטלטער, דער קליינער דייוויד.

די וויוויאַן פלעגט אָפט אַראָפּקומען אין פּלאַץ
און מיטפירן מיט זיך איר קליינע טאָכטער:
אַ הויבע און אַ שלאַנקע און אַ צערטלאַכע,
מיט לאַכעדיגע חן־גריבלאַך אין פּנים,
פלעגט זי אַריינטראָגן אַ נייעם רופט אין פּלאַץ
און אים באַשטראַלן מיט איר פרישער יוגנט.
זי פלעגט דעם אַלטן קושן אויפן שטערן,
אין זאַרגלאָז־קינדעריש גלעטן זיך צו'ן אים.
ער האָט געליבט זי אומפירן אין פּלאַץ,
באַווייזן איר און אויסדערציילן זאַכן —
און זי פלעגט ערנסט צוהערן צו'ן אים,
און פּלוידערן און ריידן ווי אַ קינד
מיט גרויסע בלויע לאַכעדיגע אויגן.
און נאָכדעם ווי זי פלעגט פון פּלאַץ אַוועקגיין,
פלעגט לאַנג נאָך בלייבן עפּעס פון איר פרישקייט:
אַ בינטל פרישן בלוי פיאַלעטן ליילאַקס,
צי שטייפע ווילדע רויזן אין סוף זומער.

זיין טאָג האָט דאָן גענויגט זיך שוין צום אונט:
ס'איז נאָך געווען קראַפט אין זיינע לענדן,
זיין אויג איז נאָך געווען שאַרף און בליציג,
און ס'פלעגט צומאָל אַ לוסטיג פייערל
אין זיי זיך צינדן. נור די אונט־שאָטנס
זיי האָבן שוין אַרומגעכאַפּט זיין האַרץ.
נאָך שפּעטער, אַז דער אַלטער'ס קבר האָט גענומען
באַוואַקסן ווערן מיט אַ טיפן גראָז —
פלעגט ער אין זוניגע און פרייע טעג
איר קומען צו באַזוך: עס האָט זיך העל
און פריידלאַך־זוניג זיך געשפּרייט דאָס פעלד.
עס האָבן צלמים און מצבות העל געגלאַנצט,
געגלימצערט פריידלאַך אין דער הייסער זון.
און ס'איז די שטילקייט גרויס געווען און טיף,
אַזוי אַז ס'האָט די שטילקייט אַזש גערעט,
געטריפט מיט שטילער פרייד אין מידן האַרצן.
איין האַלבער שטיין פון אַלטער ביים צוקאָפּנס
איז שוין געווען פאַרשריבן, אויסגעהאַקט
מיט אותיות גאָלדענע; די צווייטע העלפט
איז גלאַט געווען און גלאַנציג און פּאָלירט.
און פריילאַך זיך געביטן מיט קאָליר
פון גראָז און בוים און זונען־ליכט און שאָטן.
און האָט געוואַרט אויף יענעם אומבאַוואוסטן טאָג
ווען ס'וועלן די מצבה קריצער קומען
און אויסהאַקן אין שטיין אַ נייעם נאָמען.
און ס'איז געווען מאָדנע ליב און טרויעריג
צו זעלבער צייט, צו וויסן זיכער און באַשטימט,
אַז ווייטער פון דעם קען מען ניט אַוועקגיין,
אַז דאָ, פּונקט דאָ, אונטערן בערגל, איז:
די ענד פון יעדן אַנהויב, סוף פון אַלע סופן.

IV

# לעבן

די יוגנט האָט געלעבט איר פולן לעבן:
עס האָבן זיך געביטן טעג און וואָכן,
מאָנאַטן האָבן זיך געקייטלט אין די יאָרן;
און טאָג און וואָך און מאָנאַט זיינען געווען פול
מיט סודות׳דיגע צוזאָגן אויף שפּעטער;
און איטלאַך יאָר האָט מיטגעבראַכט אַ נייעס,
אַ ניי דערוואַרטונג און אַ נייע פרייד,
אין ערשטן ציטער פון דער מוטער׳ס לייב,
אין ערשטן אומבאַהאָלפענעם געשריי פון קינד,
אין ערשטן אומשולדיגן זיסן שמייכל,
און אין דעם ערשטן שטעל זיך אויף די פיס
פון יונגע עופ׳עלאַך.
צוערשט זיינען אַוועק
די יאָרן שלעכט און מאָגער. ס׳האָט געפעלט אין הויז
און דזשייק האָט נישט געקאָנט זיך צופּאַסן צו עפּעס:
ס׳איז שווער געווען פאַר אים, מיט זיין נאַטור,
זיך צופּאַסן אין אַרבעט פאַר אַ צווייטן.
נאָר נויט ברעכט אייזן. שפּעטער מיט דער צייט
האָט ער זיך ווי ניט איז צו דעם געוואוינט
און האָט געשלאָסן שלום מיט זיין צושטאַנד.
נאָו וויוויאַן האָט מיט איר חוש פאַרשטאַנען
ווי נאָך די אָרימקייט צו מאַכן ליב,
ווי צו פאַרשיינען איטלאַך ווינקל פונ׳ם הויז.
און ס׳איז דאָס קליינע הויז געווען פול
מיט וואָרימקייט פון יוגנטלאַכער ליבע.
אַמאָל פלעגן די מיידלאַך, דזשייקאָב׳ס שוועסטער,
זיי קומען צו באַזוך, און ס׳פלעגט דאָס הויז
פאַרקלונגען ווערן פון דער פרישער פריילאַכקייט.

פֿון יונגן שטראָם פֿון האַרציגן געלעכטער.
אַז ס'ערשטע קינד איז אין'ם הויז געקומען —
איז פֿול געוואָרן ס'הויז מיט נייעם גליק,
מיט קינדערשן געוויין און זאַטן ברומען,
און מיטן יונגן מוטערלאַכן קול
וואָס פֿלעגט דאָס קינד פֿאַרשלעפֿערן אין רו.
איז זומער האָט דאָס קליינע הויז געגרינט
צווישן אַלטע בוימער, הונדערטיעריגע,
געשמעקט מיט ווילדע פֿעלד־בלומען און ליילאַקס
אין פֿריען פֿרילינג. שפּעטער האָבן זיך צובליט
די ווילדע שמעקעדיגע יוני־רויזן,
געקלעטערט אויף די ווענט, אויף דער וועראַנדע,
און ביז צום אַלטן דאַך אַרויף. די זון בלומען
אויף גראָבע גרינע שטאָקן האָבן העל געבליט,
געטרייסלט פֿון די קעפּ די געלע בליאונג,
און אָפּגעדעקט געדיכטע שוואַרצע רייען
פֿון צייטיג־ווערנדיגע קערנער. ווינטער
האָט יעדער אויוון אין'ם הויז געברענט
און דורך די קליינע פֿענסטער האָט געשטרעקט זיך
דאָס גרויסע ברייטע פֿעלד פֿאַרדעקט מיט שניי,
מיט בוימער בליענדע אין מאַטן זילבער.
ס'איז ליב געווען צו הערן אין די נעכט
דאָס אומעטיגע קלינגען פֿון די צווייגן,
און דעם ביינאַכטיגן געשריי פֿון ווינד
ווען אין'ם הויז איז ליב געווען און וואַרים,
און פֿונ'ם ווינקל, פֿון דער ווייכער וויג
האָט אַ צופֿרידענע, אין וואַרימקייט און זעט,
דאָס קליינע עופּ'עלע געפֿלאַפּלט און גערעט.

זי איז געוועזן רעליגיעז געשטימט,
און יעדן זונטאָג פֿרי פֿלעגט זי אַוועק
אין קירך אַריין — און קומענדיג צוריק
מיט פֿייכטע גרויסע גלאַנצנדיגע אויגן

פלעגט זי אים איבערגעבן שנעל, באגייסטערט,
דעם פאסטאר'ס פרישע רעדע אין דער קירך,
און ווי זי איז גערירט געווען פון א געדאנק.
זי פלעגט אים מוסר'ן גאנץ אפט, למאי
ער איז אזוי צום גלויבן גלייכגילטיג:
ווי קען א מענטש דען לעבן אן א גאט?
נאך שפעטער האט זי ערגעץ וואו געקראגן
צוויי אלטע לייכטער מעשענע, און פרייטאג
ווען דזשייקאב פלעגט צריקקומען אהיים,
פלעגט ער געפינען ברענענדיג צוויי ליכט,
מיט פרישע חלות און מיט רויטן וויין.
אליין פלעגט זי ארומגיין אנגעטאן אין ווייס
און ס'האט דער שבת זיך געשפירט אין הויז.
זי האט געבעטן, אז ער זאל זי אויסלערנען
די ברכות וואס מען זאגט ביים צינדן ליכט —
נאר דזשייקאב האט געמוזט זיך מודה זיין,
אז ער האט קיינמאל נישט געוואוסט. זינט דאן
איז זי אים ליבער נאך געווען ווי פריער.

דערנאך, אז דזשייקאב איז צוריקגעגאנגען
צום אלטן פאטער — זיינען אנגעקומען
די זאטע יארן. ניט פארשווענדעריש,
צוריקגעהאלטן, אבער פול דאס הויז,
און ס'איז דער קאפ געווען פריי פון זארגן.
די וויוויאן האט זיך געגלעט צום אלטן,
און איז צו'ן אים געווארן ווי א טאכטער.
און אפטמאל פלעגט דער אלטער וויצלען זיך,
אז זי, די וויוויאן, איז מערער אידיש קינד
פון זיינע טעכטער, אז איר ציט צו אידישקייט.
זי פלעגט טאקע קיין זונטאג נישט פארפעלן
צו גיין אין קירך, האט אפגעהיט דאס קינד
זאל זונטאג גיין אין שול צום אלטן פאסטאר —
נאר פרייטאג־נאכטס האט זי געצונדן ליכט.

און ראש השנה און יום כפור פלעגט זי קומען
צוזאמען מיטן אלטן דזשאַש און מאַן
און יונגן קינד אין סינאַגאָג אַריין.
און ס'האבן זיך די ליטוואַקעס גע'הדוש'ט.
מען האט זיך שטיל גע'סוד'עט אויפן אויער —
ס'איז שווער געוועז אזוינס גאר צו באַנעמען.
ביז ס'האט אים, דזשייקאבן, די זאַך דערעסן.
און האט גענומען פּלאַנעווען: אַ טעמפּל —
אַ טעמפּל, מיט אַן אָרגל, מיט אַ ראַביי.
די דייטשן האבן באַלד זיך אָפּגערופן.
דער אַלטער דזשאַש איז מיטגעשלעפּט געוואָרן.
און ס'האט זיך די געמיינדע דאַן צושפּאַלטן.
עס האט זיך אויפגעשטעלט דער נייער טעמפּל.
און יעדן פרייטאָג, מיטן זון־פאַרגאַנג
האט ערנסט־פייערלאַך געברומט דער אָרגל.
און ס'האט דער כאָר פון יונגע פרישע שיקסלאַך.
געפלאַסן אין באַלויכטענעם און הויכן חלל
און ביז אין פרייער ווייטער גאַס אַרויס
דעם פייערלאַכן שפּרוך: שמאַ־יִיס־ראַ־על!

## אַכטער קאַפּיטל

I

# יאָרן שפּעטער

אַז דייוו איז אויסגעוואַקסן און געוואָרן גרויס,
איז שוין דער זיידע דזשאַש געווען אַלט.
איז שוין דער אַלטער דזשאַש געוואַקסן אויף צוריק,
איז קליין געוואָרן, שטיל און איינגעשרומפּן,
צוקנייטשט און געל איז שוין געווען זיין פּנים,
די אויגן מוטנע, לעבלאָזע און קאַלטע,
דאָס האָר פון קאָפּ און באָרד פאַרגעלט פון אַלטקייט.
דער ניגער אין דעם גוטן לימוזין
פלעגט טעגלאַך, אין די מאָרגנס און די אוונטס,
דעם אַלטן ברענגען און אַוועקפירן פון פּלאַץ.
און ס'איז געווען אַ צער און אַ רחמנות
צו זען דעם קליינעם איינגעשרומפּטן אַלטן,
זיך טוליענדיג, אַ שטילער, אַ פאַרלוירענער,
אין טיפן זיץ פון גרויסן לימוזין.

דער אַלטער פלעגט נאָך האַלב אין ערנסט, האַלב אין וויץ,
אַזוי זאָגן: דער טאָג וואָס כ'וועל זיך נישט באַווייזן
אין פּלאַץ אריין — וועט זיין פאַר מיר דער לעצטער.
פלעגט ער נאָך קומען אין די שטורמדיגע טעג
פון קאַלטן ווינטער, ווען די ערד און הימל
זיי מישן זיך און דרייען זיך ביינאַנד;
אין גרויסע היצן פון דעם ליבן זומער.

ווען ס׳שטייט און ברענט אין גליענדיגן הימל
א פייערדיגע זון און באקט די ערד:
אין ליכטיגע און קלארע טעג פון פרילינג,
און אין פארשווארצטע וויינענדיגע הערבסט־טעג.
עס האט געהייסן, אז ער קומט נאך ארבעטן:
פלעגט ער אין ווינטער אפשלאפן דעם טאג
ביים ווארימען פון קויל צוגליטן אויוון.
און זומער־לעב, ווען ס׳ברענט די דרום׳דיגע זון,
פלעגט ער זיך באקן ביי דער דרום־וואנט
פון גרויסן רויטן בניז, קרעכצן אויפן קול,
און פיפקען פון א שווארצער אלטער ליולקע.
דער אלטער האט אין הארצן גוט געוואוסט,
אז אייגענטלאך באדארף ער מער ניט קומען:
ניט מער, ער פלאנטערט זיך צווישן די פיס,
און גלייכער וואלט געווען צו גיין אהיים,
זיך אויסשלאפן, זיך אויסרוען, און אפשר
ארייגקוקן א מאל גאר אין א ספר —
נאר ס׳האט דער רויטער בניז אים געשלעפט,
געהאט די פולע שליטה איבער אים.
און ווי דער אלטער אויסגעדינטער הונט
קומט לייגן זיך ביים שוועל פון בעל־הבית —
אזוי האט ער די צווייטע קינדער יארן
געצויגן אין דעם שאטן פון זיין בניז.

די צייט איז זיך געלאפן איינטאניג און שטיל:
ס׳איז אייגנטלאך קיין חלוק ניט געווען
ווי נאך דאס שטיקל צייט צו פטרן:
אז זומער איז אים ווארעם אויף דער זון,
און ווינטער גליט דער ברענענדיגער אויוון.
וואס דען? אין זומער איז א מענטש דאך פרייער:
א מענטש קאן זיך באהאלטן אויסן שטוב
און רויכערן זיין ליולקע ביחידות.
דארט אינווייניג, אין גרויסן רויטן הויז,

האט ער זיך אויפגעהערט צו שפירן פריי:
איז עפעס איבעריק. אין דרויסן טרעפט אמאל,
קומט צו אן אלטער אויסגעדינטער שכן.
צוזעצט מען זיך באקוועם אין הייסער זון.
צורעט מען זיך פון גוטע אלטע צייטן.
ווען ס'איז די וועלט געווען א בעסערע.
די זון האט עפעס ווארעמער געלויכטן.
דאס לעבן האט געהאט אן אנדער טעם.
און קומט קיין שכן נישט — איז אויבעט רעכט:
איז אלעמאל פאראן דער אלטער סעם.
דער ערשטער ניגער וואס האט אנגעהויבן
מיט אים צו ארבעטן אין יענע יארן.
איז סעם שוין אויסגעדינט. נאר הייסן הייסט עס.
אז אנקל סעם פארדינט נאך אלץ זיין ברויט.
דער אנקל סעם איז רירעוודיג און בייניג.
דאס פנים שווארץ מיט לעבעדיגן גלאנץ
און איינגעפאסט ווי אין א ווייסער ראם
מיט א געדיכטער גרייזלדיגער ווייסער בארד —
פון וואס דאס שווארצע פנים זעט אויס אינגער.
ווי סעם וואלט אפגעטאן א קונדס־שפיצל.
געגאנגען און זיך אפגעקאלכט די בארד,
צי ווי ער וואלט ארויסגעקראכן פון א זאק
מיט פרישער ווייסער מעל. — איז זיצט מען טעג
און מען דערציילט זיך מעשות פון דער וועלט.
אז סעם איז אויפגעלייגט, צוזינגט ער זיך,
די פייערדיגע לידער פון דער קירך.
פארציילט אים מעשות פון דער שקלאפעריי.
און בבא מעשות, טויזנט און איין נאכט;
דער אלטער שאקלט נאך אומצוטרויאך דעם קאפ,
ער פילט נאך, אז ניט אלץ וואס סעם פארציילט
באדארף מען אננעמען פאר ריינעם אמת,
ער שפירט בחוש, אז דא האט ניגער־סעם

מיט ברייטער האנט געזאלצן און געפעפערט —
צושמייכלט ער זיך ברייט און האט הנאה
און פאלט אליין אריין אין טאן פון אנקל סעם:
פארזשמורעט כיטרע מיט איין אויג, דאס צווייטע גלאנצט
מיט עלטערלאכן שכל, אויפגעלייגט,
און גלעט די אלטע געלבלאד־ווייסע בארד,
און נעמט הנאה'דיג אליין דערציילן.
נור אנקל־סעם'ען קען מען אויך ניט נארן:
אויך סעם פארשטייט, דער אלטער דזשאש פארציילט
אים מעשות ניט געשטויגן, ניט געפלויגן:
די שדים זיינען ניט קיין שדים,
די רוחות זיינען ניט קיין רוחות —
נאר סתם אזוי זיך, ס'וויל דער אלטער בעל־הבית
הנאה האבן פון א פיינער מעשה —
איז זאל ער, וועמען גייט עס אן? — פארשטעלט זיך סעם
אז ער איז טויט צושראקן פון דער מעשה,
און שטשירעט אויס די יונגע גרויסע אויגן,
און צלם'ט זיך אין א געמאכטער שרעק —
ביז ס'פלאצט דער אלטער דזשאש צולעצט ארויס
אין א צופרידענעם און עלטערלאכן לאכן —
און סעם פארשטעלט זיך, אז ער איז באליידיגט.

אמאל וואכט אויף אין אים דער אלטער בעל־הבית:
צובייזערט ער זיך פלוצים אויפן ניגער,
און טרייבט דעם אלטן סעם'ען צו דער ארבעט.
פון העלער הויט דערוויסט ער זיך, אז דאס געשעפט
לויפט קאפ אראפ, אן אימיצנס השגחה:
און ווייס דאס גוטע יאר, וואו נעמען זיך
צום איינגעדרייטן קליינעם דארן זקן
אזוי פיל כחות: לויפט מיט שנעלע קליינע טריט
פון איין ברעג גרויסן הויז און ביז דעם צווייטן,
איז פול אין איטלאך ווינקל, גריבלט זיך אין וואל,
און קלימפערט צווישן געלע ביינער, אייזענס.

און קייט א שטיקל דזשינסענג מיט די ליפּן,
דערזעט ער פעדערן צופלויגענע איז גאַס
וואָס האָבן זיך צושאָטן פון א זאַק —
צולויפט ער זיך אַרום זיי ווי א הון,
צולאָזט זיך אויף א דין און קוויטשיג קול'כל,
און קלייבט די פעדערן די איינצעלנע צונויף.
די ניגערס גייען אים אַרויס צו הילף,
פאַרוואַרפן אַלע אַרבעט, גייען אויף געיעג,
און האָבן מורא לאַכן אויפן קול.
און לייאַנעל, וואָס איז שוין גראָב און גרוי,
לויפט איז קאָנטאָר אַריין, דערציילן דזשייקאָבן
וואָס ס'טוט זיך אויפן הויף. אז דזשייקאָב קומט,
געפינט ער אויפ'ן הויף דאָס איבערקערעניש:
די ניגערס דרייען זיך ווי אין א טאַנץ.
דער פאָטער בייזערט זיך אין דינעם קוויטש.
און דזשייקאָב שמייכלט, רעט צום פאָטער שטיל,
באַרואיגט אים און פירט אים אין קאָנטאָר.
דער אַלטער אָבער לאָזט זיך לאַנג ניט שטילן:
ער שליידערט זיך און וואַרפט זיך ווי א קינד,
פאַר'עקשנ'ט זיך, ביז דזשייקאָב מוז אַנטלויפן.
ער זעצט זיך צו דיקטירן בריוו צו קונדן,
דאָס מיידל נעמט דאָס ביכל מיט'ן בליישטיפט,
און קוקט אים אָן פאַר'חידוש'ט מיט א שמייכל.
דער אַלטער קוקט אויף איר מיט בייזע אויגן,
פאַרגינט זיך איר אַריינוואַרפן א שטאַד־וואָרט,
אַז מעל, איר פודער, הייסט עס, איז מסתּם
געפאַלן פונ'ם פּרייז אין לאַנד. דאָס מיידל
פאַרבייסט די רויטע אָנגעפאַרבטע ליפּן.
דער אַלטער נעמט דיקטירן, הויבט אָן שטיל,
דערשפּירט זיך בעל־הבית, נעמט ריידן העכער,
באַגייסטערט זיך, און קלאַפּט אין טיש זיין פויסט.
א רגע שפּעטער ווערט ער אויסגעלאָשן.

פארגעסט זיך וואו ער האלט, זיין בליק ווערט שטאר.
דאס מיידל גענעצט ווארטנדיג געדולדיג,
און ווינקט זיך איבער מיט א חברטע געשייט.
דער אלטער כאפט זיך אויף פון פוסטן חלום,
און קוים וואס ס'קלעקט געדולד צו ענדיגן —
און שפעטער, אז דאס מיידל טראגט אים אונטער
דעם בריוו, און אפגעקלאפטן אויף דעם שרייבמאשין —
איז זאטלט ער די ברילן אויף דער נאז
און צייכנט מיט א שוואכער האנט זיין נאמען.
נאך שפעטער ווערט דער בריוו געבראכט צום זון
און דזשייקאב ווארפט דעם אלטנ'ס בריוו אריין
אין קארב אונטערן טיש. דער אלטער סעם
וואס זעט עס צו פון אנהויב ביז'ן סוף
באווייזט ארוים זיין ערגערניש דערפון
און שאקלט מיטן אלטן ווייסן קאפ,
און בלינצלט מיט די טרייע אלטע אויגן:
ניט שיין אזוי צו טאן אן אלטן בעל־הבית.

דאס לעבן זיינס איז איינגעטלאד באשטאנען
פון איין א קייט א לאנגע פון געוואוינהייטן
און פיצל־קלייניקייטן. עס איז ניט געווען
פאראויס, אין צוקונפט, עפעס וואס זאל ציען,
קיין ליכטיגער מיראזש וואס זאל פארבלענדן
און כשוף'ן די אפגעלעבטע אויגן.
ער האט געלעבט מיט דער מינוט. געקומען
אין אלטן פלאץ טאג־טעגלאך, דורכגעשטופט דעם טאג,
צוריקגעקומען אין זיין שטילן ווינקל,
וואו ער האט זיך געפילט א גרויסער חשוב.
האט אנגענומען גלייכגילטיג, פאסיוו,
די אויפפאסונג און קליינע צערטלאכקייטן
פון זיינע ביידע שוין פארוועלקטע טעכטער.
און ס'איז געווען א צער, ווי זיין נשמה
האט זיך ווי אויסגעטריקנט מיט זיין גוף:

פון פריהעריגן סוחר מיטן קלאָרן קוק,
און ברייטער אומפּאַסונג פון זאַכן און ענינים,
איז איצט געוועזן אַ גייציג־קאַרגער זקן
וואָס האָט געטרייסלט זיך אויף יעדן סענט.
און גאָט ווייסט וואו ער האָט צוריק דערטאַפּט
דעם אָפּגעקראַכענעם און שימלדיגן בייטל
וואָס איז געהאַנגען אַרום האַלז אויף שטריקלאַך.
און פלעגט ער אין אַ מאַרקטאָג זיך אַרויסלאָזן
צו איינהאַנדלען פּראָוויזיע פאַרן הויז —
האָט אים דער מאַרק געקענט: דער בייזער שילינגער.
ער פלעגט זיך אומדרייען צווישן פורן,
זיך דינגען מיט די פּוערים פאַרצווייפלט,
דערנאָך פלעגט ער מיט ציטערדיגע הענט
די אונגעהאַרכזאַמע מטבעות ציילן
צום ערשטן און צום צווייטן און צום דריטן מאָל.
און ס'האָט די גייציקייט און אומצוטרוי געשפּראָצט
פון קליינע, שאַרפע, אויפגעלעבטע אויגן.

אַזוי האָט אויסגעזען דער אַלטער דזשאָש
ווען ער איז שוין געשטאַנען מיט איין פוס
אין וואַרטנדיגן קבר ביי זיין ווייב.

II

## קינד'ס־קינדער

„אַ בוים“ — פילאָזאָפירט דער אַנקל סעם —
„פאַרמאָגט מיליאָנען בלעטער: איטלאַך בלאַט
„איז אַנדערש און פאַרשידען פון'ם צווייטן.
„און אויב מען וועט אים אויפוויזן פאַרקערט —
„איז ער, סעם, מוכן זיי צו עסן.“
אַזוי זאָגט סעם. און ריידן רעט ער עס

אנטקעגן קינדער. און דערצו ברייננט סעם
א ראיה פון א פסוק פון דער ביבל:
„דער מענטש איז ווי דער בוים אין פעלד.“
דער אלטער דזשאש מיינט אבער אנדערש:
ער מיינט, אז אלע האבן זיי איין פנים,
און אלע זיינען אויסן די „מאזומא“.
ער האט שוין איינגעטלאד די צאל פארגעסן
פון זיינע אייניקלאך. אז דזשייקאב האט
אזויפיל און אזויפיל, לייאנעל אזויפיל;
דער דאקטאר און די גלאטע פעטע טאכטער
זיי שטייען אויך ניט אפ, און נעמט ער ציילן,
איז קלעקן ניט קיין פינגער אויף די הענט.
און בלייבט אין מיט. דערצו נאך, דאכט זיך אים,
אז אט די אלע „האוז־פרעסער“ האבן בלויז
איין זאך אין זינען: ספארט און אטאמאביל.
און עפעס וואקסן זיי גאר ווי אויף הייוון
און יעדע רגע איז א נייע שמחה,
אן אייניקל פאר׳קנס׳ט זיך און האט חתונה,
און שוין האט זיך אויף אים פארקוקט א צווייטער.
און אים קומט אויס גאר, אז דער גאנצער צוועק
פון אט די אפטע שמחות, איז כדי
צו בלוטן אים, דעם בלומרשט־רייכן זיידן.
מען מאכט עס מיט א כיון: זאל דער גרויספאטער
ארויסקומען מיט טייערע פרעזענטן.
פרעזענטן — טענה׳ט ער, דער אלטער דזשאש —
איז גאר אן איבעריגע זאך. אין זיינע צייטן
ווער האט זיך אומגעקוקט אויף גאלד און זילבער?
וואס פיאנע און ווער פיאנע? ס׳ווילט זיך הייראטן —
גיי קויף א הילצערנע, א פראסטע בעט,
א צוויי־דריי שטולן, מיט א טישל, מיט א פענדל,
און פארטיג מיט אן עסק. נאר אז ס׳קומט צו וואס,
איז העלפן ניט די טענות און די מענות —

איז קרעכצט ער נעבאַך און ער גיט — ווי דען ?

דערפֿאַר האָט ער הנאה אויף אַ שמחה:
אַ וועלט, אַ וועלט, אַן אויסגעפּוצטע וועלט
פֿון זיין און טעכטער, שניר און איידעמער,
און אייניקלאַך פֿון כל המינים עלטער
מיט נייעם וואַקסנדיקן צאַנקעדיקן קליינוואַרג.
עס שעמערירט און שאַרכט מיט זייד און סאַמעט,
עס בלישצען אוירינגען און פּערל אויף די העלזער,
דימאַנטן שפּילן אויף די פֿינגער און אויף האָר.
אַ יום־טוב'דיגע וועלט. און דזשאַש פֿאַרגעסט זיך.
ער זיצט אַוועקגעזעצט גאָר אויבנאַן ביים טיש
און אַלע פֿאַדיען אום און גרויסן זיך מיט אים.
דער בעסטער חלק ווערט געבראַכט צו אים.
און אַז דער ראַביי הויבט זיך אויף צום וואָרט
האָט נישט פּאַסירט נאָך, ער זאָל ניט אַריינפֿאַלן
איז גרויס התפּעלות פֿאַר'ן אַלטן דזשאַש,
דעם הויך־פֿאַרנינפטיגן און קלוגן פּאַטריאַרך.
דער אַלטער ווערט גערירט ביז אַלטע טרערן
באַרוישט פֿון ביסל וויין און לויבגעזאַנג.
נור מאַרגנס וועפּט זיך אוים דער וויין און לויבגעזאַנג
און ס'קערט זיך אום זיין אומצוטרוי צו אים.
ער שרייבט אַריין מיט ציטערדיגע הענט
אין אַ געוויסן ביכל וואָס ער האָט דערפֿאַר
וויפֿיל די נייע שמחה האָט אים אָפּגעקאָסט.

דער ניגער אָבער האַלט זיך ביי דאָס זייניגע:
ער זאָגט, אַז זיכער ווי ס'האָט גאָט געמאַכט
די קליינע גרינע עפּעלאַך — אַזוי איז זיכער
אַז יעדער איינער איז אַ וועלט פֿאַר זיך,
מיט זיינע מעלות און חסרונות און נטיות,
און אויב דער משל מיטן בוים איז ווייניג
איז ברייננגט ער נאָך אַ ראיה פֿון די הינט:
(דער אַלטער סעם, איז ווי זיין גאַנצע ראַסע

א גרויסער קענער, ליבהאָבער פון הינט.)
ער טענה'ט: מה דאָך יעדער הונט איז אַנדערש
און אונטערשיידט זיך אין נאַטור פון צווייטן —
אַ פשיטא מענטש וואָס גייט אום אויף צוויי פיס.
און אַז דער אַלטער דזשאַש פאַרטראַכט זיך טיפער
איז ער זיך מודה אַז דער ניגער איז גערעכט.
(פאַרשטייט זיך, אַז ער זאָגט דאָס אים ניט אויס.)
אין קומען קומט ער צו דעם גאַנצן
ווען ער פאַרטראַכט זיך מיט אַ קלאָרן קאָפּ
מכח זיינע צוויי באַליבטע אייניקלאַך.

די ערשטע איז זיין דזשייקאָב'ס טאָכטער פלאָראַ:
דער בעסטער סימן איז, אַז ווי דער אַלטער
זאָל ניט געוועז זיין אומעטיג געשטימט —
פלעגט ער זי נאָר דערזען, האָט באַלד זיין פּנים
באַקומען גאָר אַן אַנדער לעבעדיגן אויסזען,
און ס'פלעגן זיינע אויגן אויפלויכטן.
זי האָט פאַרמאָגט אַ סך איר פאָטער'ס שטאַרקייט,
און פילעס פון איר מוטער'ס ווייבלאַכקייט און חן.
געוואַקסן איז זי רעליגיעז און שטיל
ווי ס'איז דער שטייגער ביי באַהאַרצטע קינדער
פון אידיש־קריסטלאַכע געמישטע הייראַטן.
פלעגט רעגלמעסיג גיין אין קירך אַרייַן,
פלעגט אָבער אויך די סינאַגאָג באַזוכן
אין פרייטאָגס און אין אידישע ימים־טובים.
און ביידע רעליגיאָנען זיינען גוט געוועזן
און איינע האָט דער צווייטער ניט געשטערט.
געוויס האָט די לעגענדע גאָר צוערשט
געהאַט אַ גרעסערע השפעה אויף דער מיידל —
נאָר שפּעטער איז דעם אַלטן גאָט דזשעהאָוואַ
דער יונגער ראַביי שטאַרק צו הילף געקומען.
דער יונגער ראַביי מיטן בלאַסן פּנים
האָט אמת'דיג און פייערדיג געגלויבט

אין איזראַעל'ס מיטיאַן צווישן פעלקער.
האָט איר געלערנט אידישע געשיכטע,
און ריינע עיקרים פון דעם אַלטן גלויבן:
ער האָט אַריינגעלייגט נשמה אין זיין גלויבן,
געלייענט איר די מיסטיש־רעליגיעזע לידער
פון פלאַמענדן און לעכצנדן בן־גבירול,
און ס'האָבן זיינע פייעריגע ווערטער
געמאַכט איר יונגן האַרצן ציטערן.
יעהאָוואַ האָט געזיגט, מיט אים דער ראַביי:
די פריינטשאַפט איז צעוואַקסן אין אַ ליבע,
וואָס האָט פאַרענדיגט זיך דערנאָך מיט הייראַט.
דער אַלטער ווי ער איז געווען שוין גלייכגילטיג,
האָט זיך געפרייט און זיך באַגייסטערט ווי אַ קינד.
און אויף דער חתונה איז דזשאַש געווען
דער גליקלאַכסטער פון אַלע מחותנים
די אַלטע אויגן האָבן אויפגעלויכט
מיט אמת יוגנטלאַכן קלאָרן ליכט,
די צונג האָט זיך באַוועגט מיט שאַרפן וויץ.
ער האָט גערעט פון גרויסן גליק פון בלוט
וואָס ווערט ניט אָפּגעפרעמט פון אייגן שורש,
געפּרופט צו ברייגען ראיות פון אַ פסוק —
געגלעט די וויוויאַן, און דזשייקאָב'ן דעם זון,
און עלטערלאַכע שטילע גוטע טרערן
געפאַלן זיינען פון די אַלטע אויגן.

זי, פלאָראַ מעי, איז דאָס געווען איינע
פון זיינע צוויי באַליבטע אייניקלאַך.
דער צווייטער איז געווען דער יונגער דייוויד,
דער זון פון דאָראַטי'ן. נאָר וועגן אים באַזונדער.

III

## דייוויד

דאס צערטלאך אינגל מיט די ברוינע אויגן
מיט דעם געלאקטן פיינעם קאפ קאשטאנען־האר —
האט ניט געלאזן זיך פארוויינערן
אונטער די ווארעמע און ווייכע פליגל
פון זיינע צוויי אין אים פארליבטע מאמעס.
די מאמעס האבן זיך פון דעם געערגערט,
געפאדערט פון אים פול געהארכזאמקייט,
א טריט ניט שטעלן אן דעם וויסן זייערן —
און ווי אויף צו להכעיס, פלעגט דאס אינגל
זיך אויסגליטשן פון אונטער זייערע הענט,
פארפאלן ווערן אויף א טאג, און שפעט
צוריקקומען אהיים, און ווען די מאמעס
צושראקענע און וויינענדיגע פלעגן
דאס קינד מיט שטראף און צערטלאכקייט באפאלן —
פלעגט ער זיך מיט געלעכטער אפווערן,
און שטאלץ און פריי מיט זעלבסטשטענדיגן ווערט
דערציילן זיי וואו ער איז אויסגעווען,
און וואס ער האט געזען, און וואס ער טראכט.
אמאל פלעגט ער פארשווינדן אויסן שטאט
אין פרייען פעלד און וואלד, צוריקקומען
אן אויסגעשמירטער, א צוקרעלטער, א צוריסענער
פון צווייג און דארן, מיט ווייסן שפינוועבס
אריינגעפלאכטן אין די ברוינע לאקן —
נאר מער האט אים געצויגן צווישן מענטשן,
אין די געדיכטע גאסן פון דער שטאט.
עס איז געווען אן אויסטערלישע פלאנץ
וואס האט מיט אלע זיינע פיינע חושים
געשמעקט די לופט, און ביז פארגעסנהייט זיך אנגעשטעקט
מיט אימלאך מינדסטן ווינטל. אינסטינקטיוו

געשפּירט דעם ווייטאַג און דעם פּיין פון שוואַכן,
און הילפלאָזיגן אָנמאַכט פון באַליידיגטן.
איין טאָג האָט ער זיך אומגעקערט צוריק פון גאַס,
און ס'האָט זיין פּנים קאַנוואולסירט פון פּיין,
די ברויגע אויגן זיינען גרויס געווען,
און פיבערדיג געברענט מיט בייזן גלאַנץ.
ס'איז שווער געווען צוערשט דערגיין פון אינגל
וואָס ס'האָט מיט אים פּאַסירט. נאָר שפּעטער,
אַז ער איז ווי עס איז צו זיך געקומען —
האָט ס'גאַנצע הויז פאַר זיך דערזען דעם מאַרק,
דעם שיינק האַרט אויפ'ן ראָג, דער שכור'לאַכן ניגער,
וואָס האָט זיך אומגערן פאַרטשעפּעט מיטן ווייסן.
דאָס מערדערלאַכע פּנים פון'ם ווייסן
מיט דער פאַרהויבענער פלאַש בראַנפן אין דער לופט:
עס האָט געבראַזגעט אין די אויערן דאָס גלאָז,
און פאַר די אויגן איז געשטאַנען קלאָר דער ניגער
וואָס האָט זיך אָנגעשפּאַרט אַז וואַנט, און בּיסלאַכווייז
אַראָפּגעלאָזט זיך אויפן טראָטואַר.
דאָס שוואַרצע פּנים בלוי פון פּיין און ווייטאָג,
מיט ריטשקעלאַך פון בלוט, וואָס מישן זיך
מיט ריטשקעלאַך פון בראַנפן. לעבן אים
דער אַלטער האַרטער קאַפּעליוש, צובראַכן,
צוטראָטן און באַשפּיגן פון'ם ווייסן,
די גרויסע אויגן פלוצים אויסגעניכטערט
מיט די יסורים פון פאַרפאַלגטן הונט —
און אַלע האָבן קלאָר געהערט דעם ווייגעשריי
פון ניגער'ס בלויע ליפּן: „דזשיזוס, דזשיזוס".
דער מאַמען האָט געוואָרפן ווי אין פיבער,
דער טאַטע עטל האָט פאַרכאַפּט ביים האַרצן —
אוןביידע האָבן אין איין קול געשריען,
אַז ס'איז געפערלאַך פאַרן יונגן קינד
זיך צו געפינען אונטער דער השפעה

פון שעדלאַכער און גיפטענדיגער גאַס.
דער אַלטער דזשאַש אַבער, וואָס איז נאָך דאַן
געווען אינגער, און באַגריפן זאַכן,
ער האָט זיך פאַרן אינגל אײַנגעשטעלט:
ער האָט גע'טענה'ט, אַז דאָס שלעכטס פון גאַס
וועט זיך ניט אַנקלעפּן צום יונגן אינגל,
פאַרקערט, ער מיינט גאָר, אַז דאָס רויִע לעבן
וועט אויף דער איידעלער נאַטור פון אינגל
אַן אַנדער ווירקונג, אַ פאַרקערטע, אויסאיבן:
וועט וויסן אָפּצוטיילן שלעכטס פון גוטס,
און וועט אים לערנען קוקן אויפ'ן לעבן
מיט ניכטערע און זעלבסטשטענדיגע אויגן.

און איז'ן איז געווען גערעכט דער אַלטער:
דאָס אינגל איז געוואַקסן פריי און בראַוו,
האָט מיט זײַן חוש געוואוסט ווי אָפּצוטיילן
די פּסולת פון'ם קאָרן.אײַנגעבוירן שטאָלץ
האָט ניט דערלאָזן אים צו זײַן געמיין
און נידעריג אין האַנדלונגען. די שפּע פון'ם הויז
האָט אים געמאַכט אומאָפּהענגיג, ניט גייציג,
זײַן אויפפאַסונג פון זאַכן און ענינים,
איז קלאָר געווען און שאַרף, נישט נאָך די יאָרן,
ווייל אַלע זײַנע מעשים און געפילן
זײַנען דיקטירט געווען פון איין באַגריף: פון יושר.
און שפּעטער, אַז דאָס אינגל איז דערוואַקסן,
זײַנען די לערן און געדאַנקען פון די דײַנקער
קיין איבעראַשונג ניט געווען פאַר אים —
זיי האָבן בלויז מיט זייער וואָרט באַשטעטיגט
דעם אינערלאַכן קול פון יונגן האַרצן
וואָס האָט געלעכצט נאָך גוטס. די ביכער האָבן
געהאָלפן אים אַרויסברײַנגען דאָס בעסטע
און ליכטיגסטע פון יונגן וועזן זײַנעם.
און ווייל דאָס האַרץ זײַנס איז געווען אָפן

און זיין באַגריף איז קינדיש־אַרנטלאַך געווען —
האָט זיך דאָס לערנען אים געגעבן לייכט און קלאָר.
און פלעגט גאַנץ אָפט די לערער איבעראַשן
מיט זיינע פשוט׳ע און טיפע קלאָרע רייד.
עס איז געווען, ווי ס׳וואָלט די קוואַל פון תורה,
וואָס האָט זיך מיט זיין זיידן אָפּגעשלאָסן —
צוריק געעפנט מיטן יונגן שפּראָצלינג.
און אָנגעהויבן פליסן זיכער, קלאָר
מיט עלטערלאַכער גוטער שטילער חכמה
פון דורות זקנים, וועמעס לעבן איז פאַרפלאָסן
אין דעם געצעלט פון תורה.
די מאַמע האָט געגאַרט
דער זון זאָל ווערן ראַביי, און דער זון
האָט ניט געקלערט איז גאַנצן פון אַ תכלית.
געלערנט אין דער ווייטער גרויסער שטאָט
באַליבט פון די ראַביים־פּראָפעסאָרן און חברים.
און אַז ער פלעגט אַראָפּקומען אַהיים,
פלעגט ער אַריינברענגען אַ גרויסע ליכט אין הויז.
דער אַנקל דזשייקאָב, מיטן גרויען קאָפּ,
פלעגט גוטמוטיג זיך וואונדערן אַמאָל
צו וואָס די צוועקלאָזע למודים וועלן פירן,
און האָט געהאַט פאַר אים אַ זידל־ווערטל: „טרוימער“.
דער אַלטער זיידע אָבער האָט דעם איייניקל
פאַרשטאַנען בעסער ווי דער זון, מיט ליבשאַפט
און גרוים רעספּעקט אים נאָכגעקוקט און נאָכגעפאָלגט.

אַז דייוו האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים —
און די משפּחה איז אַמאָל צונויפגעקומען,
און ס׳איז צוריד געקומען פון אַ תכלית —
האָט אַנקל דזשייק געזאָגט: דער יונג זאָל איצט
אַרויסשלאָגן פון קאָפּ די אַלע נאַרעשקייט,
און אַלע זיינע ביזאַהעריגע חלומות,
פאַרקאַשערן די אַרבל, און אַריין

צו ארבעטן אין פלאץ; דער קאפ איז גוט,
און וויפיל איז דער שיער זיך שפילן?
דער דאקטאר ווילארד האט געמיינט, דאס גלייכסטע איז,
מען זאל דעם קערל קויפן אן אפטייק.
און ער, דער דאקטאר, איז בטוח אין ערפאלג.
און ווי נשתומם איז דאס הויז געווארן
ווען דייוו איז שטיל און זיכער און געלאסן
ארויס מיט פעסטע ווערטער, אז ער וועט
ניט אננעמען דעם אנקל דזשייקאב׳ס פארשלאג,
וועט אויך ניט פאלגן דאקטאר ווילארד׳ס עצה.
ער האט גאר עפעס אנדערש אין׳ם זין.
און נעמלאך: ער האט פעסט ביי זיך באשלאסן,
זיך אפגעבן מיט ערד־ארבעט און פיה־צוכט.
די מאמע איז געבליבן ווי פארשטיינערט,
זי האט גע׳חלום׳ט עפעס אנדערש פאר איר זון,
דאס אייגן איז געווען מיט טאנטע עטל.
דער אנקל ווילארד האט געכאפט זיין הוט,
אנטלאפן אן א „זיי געזונט" פון הויז.
דער אנקל דזשייקאב איז געבליבן ווי געפלעפט —
נור באלד צו זיך געקומען מיט א שמייכל.
דער זיידע דזשאש, געזעסן ווי ער איז, אין ווייגשטול
האט אנגעשטעלט די אלטע האנט צום אויער,
ווי ער וואלט זיינע אויערן ניט גלויבן,
די ליולקע איז ארויסגעפליגן פון די ציין,
האט זיך ארויסגעהויבן פון זיין שטול,
א לעבעדיגער פראגעצייכן: א?
געווען איז טאנטע וויוויאן די איינציגע
וואס האט מיט דייווויד׳ס ווערטער זיך דערפרייט:
ארומגעכאפט דעם יונג באלד אויפן שטעל,
אים צוגעדריקט צום הארצן און געקושט.

פון וואנען איז דער גייסט געקומען אויפן יונג
דעם זון פון דורות און פון דורות הענדלער

וואס זיינע ווייט און פרעמד געווען פון ערד
און אפגעריסן פון איר זאפט און קראפט און ריח ?
קען זיין, ס'האט זיך גענומען פון אינסטינקט,
גאר אומבאוואוסטזיניג פאר אים אליין
צו אפפרישן מיט ערד די שוואכע קרעפטן ?
קען זיין, עס איז געקומען פון דער איינפאכקייט
פון שטאלצער, פרישער און ענערגישער נאטור
וואס האט ניט צוגעלאזט דעם יונגן אינגל
צו גיין אין וועג פון טאטעס און פון זיידעס ?
און ס'האבן אויך געווים די גרויסע דיינקער
זייער השפעה אויסגעאיבט אויף אים,
וואס ער האט ניט געקענט זיך איינפאסן
אין די באקוועמע לייכטע לעבנס־פארמען ?
נור ווי עס איז, דער יונג האט אויסגעפירט.
דער אנקל דזשייקאב האט געזאגט, אז וואויל
האט מען געקענט פון אים אזוינס דערווארטן,
ער האט פון אימער אז געוואוסט, דער טרוימער
וועט זיך ארייננעמען א משוגעת אין קאפ.
נור וויוויאזו, און שפעטער אויך דער אלטער דזשאש,
זיי האבן זיך געהאלטן שטאל און אייזן.
און אז דער אלטער האט דעם טשעק געשריבן,
דעם פרייז פאר דער געקויפטער גוטער פארם,
האט ער געשריבן אים כמעט מיט פארגעניגן:
געקרעכצט, געציטערט מיט דער האנט, געבלאזן,
און אין די אלטע אפגעלעבטע אויגן
האט עפעס וואס געשימערט ווי דורך טרערן.
דער ריח פון דער ערד האט אים פאר'שכור'ט,
האט ער געפאטשט דעם אייניקל אין פלייצע,
געוואונקען צו'ן אים מיט א כיטרען שמייכל,
און זיך די הענט געריבן פון התפעלות:
אך, וועלן מיר דאס עסן גוטע עפל.

נור ביז די גוטע עפל האט גענומען לאנג:

אַ פֿריִער זײַנען ערשט געגאַנגען צײַטן
פֿון פּאַקן און פֿון מאַזלען. ס'האָט גענומען
די שטאַרקע פֿײַערדיקע נאַטור פֿון יונג
דאָס אַלץ אַדורכצוקריכן. דורך דער צײַט
האָט ער זיך אָפּגעזונדערט פֿון דער וועלט,
קיין צײַט געהאַט אַרײַנצוקוקן אין אַ בוך,
פֿאַרנומען מיט די בהמות און די הינער,
מיט האָדעווען דעם טאַבאַק און דעם קאָרן.
די מאַמעס האָבן זיך געהאַלטן אין באַקלאָגן,
אַז אים איז ליזי, מאַלי, אָדער רעדי,
(אַלץ דײַװיד'ס האַלשטײַנס) טײַערער פֿון זײ —
אויף וואָס דער זון פֿלעגט שמײכלען ברייט און פֿריי
מיט גלימצערדיקע ציין און הייסע אויגן.
און האָבן זיי פֿאַרבײַנקט זיך אים צו זען,
איז האָבן זיי באַדאַרפֿט אים זוכן אויף דער פֿאַרם.
זיי פֿלעגן קומען אומערוואַרט אין לימוזין,
פֿאַרזאַמען זיך אַביסל, אויפֿראַמען דאָס הויז,
און אָנברײַנגען אַ טיש מיט נאַשערײַ.
צוערשט פֿלעגן די ווײַבער זיך באַקלאָגן
און דאַגה'נען אויף זײַנע צאַרטע פֿײַנע הענט
וואָס זײַנען האַרט און רוי און רויט געוואָרן,
און שטעכן ווי אַ ריב־אײַזן, פֿאַרגרעבט.
נאָר שפּעטער, קוקנדיק אויף אים פֿון נאָענט,
ווי ס'איז דאָס אינגל מענעריש געוואָרן,
ווי ס'האָט די קראַפֿט און ענערגיִ געשפּריצט
פֿון דעם עלאַסטיש־מוסקלדיקן קערפּער,
פֿון אָפֿענעם פֿאַרברױנטן מילדן פּנים —
איז זײַנען זיי, די מאַמעס, געווען גליקלאַך,
די פּנים'ער האָבן ביי זיי געלויכטן,
און ווי די קינדער זיך צו'ן אים געגלעט.

נאָר דאָן ווען עפּעס האָט שוין צוגעדריקט
פֿלעגט דײַװיד זיך אַראָפּלאָזן אין שטאָט:

דער זיידע ־דזשאַש האָט שוין געוואוסט וואָס ס׳מיינט,
און אַנגעצויגן באַלד אַ שטרייענגן פּנים,
צו גאָר אַרייַנגעפּאַלן איז אַ מעלאַנכאָליע
פֿון וועלכער עס איז שווער געווען אים אויפֿוועקן.
נאָר אַז דאָס אייניקל דערמינטערט אים
קומט פֿאָר אַזאַ מין שמועס אומגעפֿער:

ד ז ש אַ ש :

אַ גאַסט, אַראָפּגעפֿאַלן ווי פֿון הימל —
מ׳עט דאַרפֿן שטעלן כּבוד. סעם, וואו ביסטו?
(ער מאַכט זיך זוכנדיק דעם שוואַרצן סעם,
און גריבלט כּלומרשט זיך אין קעשענע.)

ד ײ װ ו י ד :

(מיט אַ שמייכל)
אַ דאַנק. זאָל זיך דער גרויספֿאָטער ניט מיהען.

ד ז ש אַ ש :

דאָך, אָבער, יע, מחשבות׳ען, ווי קומט עס
וואָס ער האָט זיך פֿאַרגונען אַפּרייסן פֿון פֿאַרם?
די קי דאָרט וועלן אויסווייַנען די אויגן,
און ווער וועט היינט זיי נעמען אויף שפּאַציר?

ד ײ ו ו י ד :

(צולאַכט זיך הויך און קלינגענדיק פֿאַרנאַנדער,
אַזוי אַז ס׳מוז דער זיידע נאָכהאַלטן
מיט עלטערלאָכן הייזעריקן קייכן.)
עס טרעפֿט אַמאָל מען מוז, זאָל עס ניט טרעפֿן,—
און דאַ ווערט דייוויד ערנסט און נעמט ריידן
ווי צו אַן אַלטן טרייען גוטן ברודער:
אַזוי און אַזוי, אַזוי און אַזוי:
דאַ דאַרף מען אויפֿשטעלן אַ שטאַל, דאַ דאַרף מען דאָס,
ס׳איז נויטיק אומבאַדינגט. דער גרויספֿאָטער
קען אייַנזען דאָס אַליין.

ד ז ש א ש :
(זייער מעלאנכאליש)

איז הייסט עס ?

ד י י ו ו י ד :
(זייער מרויעריג)

טויזנט טאלער.
דער אלטער טוט א שפרונג ווי אפגעבריט,
צועפנט ברייט א מויל, א ווייסטע פעלד,
איין צאן א געלבער דא, א צווייטער דארט,
צופירט די ציטערדיגע הענט מיט אימפעט,
און קרעכצט ארויס תחנונים : טויזנט טאלער !

ד י י ו ו י ד :
(מיט ערנסטער הכנעה'דיגער מינע)

טויזנט טאלער.

ד ז ש א ש :
(מיט א ביטרער מינע)

איין קליינישקייט, בלויז טויזנט טאלער ?
און ווייניגער וועסטו ניט נעמען ?

ד י י ו ו י ד :
(מיט ענטשלאסענער זיכערקייט)

ניין.

ד ז ש א ש :
(געלאסן)

און מערער ווילסטו אויך ניט ?

ד י י ו ו י ד :

מערער אויך ניט.
אצונדערט, דיינקט ער, וועט אים זיין גענוג,
לויט אלע רעכענונגען וואס ער האט
וועט טויזנט טאלער זיין גענוג, גענוג.

ד ז ש אַ ש:
(ער רעט שוין מיט תחנונים)

נישטאָ, ער האָט נישט אַזויפיל מזומן.

ד י י וו י ד:
(געשעפטלאַך)

נו, זאָל דער גרויספּאַטער דאָ צייכנען אַ פּאַפּיר,
מ'עט געבן אויף זיין אונטערשריפט.

ד ז ש אַ ש:
(דערשראָקן)

אַ פּאַפּיר ?
און ווער וועט צאָלן די פּראָצענט דאַרויף ?

ד י י וו י ד:
(שמייכלענדיג)

נו, איך וועל צאָלן.

ד ז ש אַ ש:
(כמעט וויינענדיג)

יע, מיט מיינע געלט.
נאָר שפּעטער, אַז עס ווערט געשעפט ערליידיגט,
און דייוויד קושט דעם זיידנס געלע האַנט —
איז שוין דער אַלטער גלייכגילטיג צום געלט,
און הויבט זיך אויף דעם איניקל באַגלייטן.
ער שפּאַרט זיך אָן אין דייוויד'ס שטאַרקן אָרעם,
דאָס אַלט־צוקנייטשטע פּנים ווערט באַלעבט,
און ס'איז אים שאַד, דאָס אינגל גייט אַוועק.
ער האַלט זיך אָן די לאַצן פון זיין בגד,
און טרייסלט מיט אַ פינגער אין זיין פּנים
און רעט האַלב־ערנסט און האַלב־שטיפעריש,
און קוקט צי דזשייקאַב איז ניטאָ אַרום —
ער זאָל אַקאַרשט ניט פאַלן פאַר אַ שיקסל.
ס'הייסט, איינגעטלאַך, איז אים די וויוויאַן

אַזוי פּונקט טײַער װי אַן אײגן קינד —
נאָר אײנע אין משפּחה איז געגנוג, געגנוג...
און דײַװיד לאַכט און גליטשט זיך קוים אַרױס
פון זײַדנס אַלטע בײַנערדיקע הענט.

IV

## דער טאָג

עד, די ליכטיקע און װאונדערבאַרע טעג,
פון אונזער רײַכן, גאָלדיק־זאַטן הערבסט!
ס'איז אײגנטלאַך קײן הערבסט ניט, נאָר אַ זומער,
אַ צװײטער זומער, ליכטיק, גאָלדיק, רױט,
געמישט מיט טיפן גרין, און בראַנז, און קופּער,
און װערמילאַן, און טיפן בלוי פון הימל.—

עס שטײען טעג װי פולע ליכטיקע חלומות
אין אומגעהױער זעט, און װאַרעמקײט, און שפע:
די ערד האָט זיך צולײגט און אָפּגעלאָזט פאַרצערטלט,
אַ מידע פון איר זעטיק־שװערן איבערפלוס,
און שלאָגט פון זיך מיט היץ, און שטראָמט פון זיך
מיט רײַפער פולער פולקײט, װי אַ זאַטע מאַמע
װאָס האָט נאָר װאָס דעם קינד געגעבן זױגן;
דאָס קינד איז זאַט, האָט אָפּגענױגט דאָס קעפּל,
און ס'טריפן נאָך מיט מילך די פולע ברוסטן.—

עס װײען פולע װאַרעמלאַכע װינטן,
עס גײט די קלאָרע שטראָמענדיקע לופט
װי אַלטער קלאָרער שמעקעדיקער װײַן,
מיט יעדן שטראָם דערקומען נײַע ריחות,
און שפּאַרן אַן צו די געהירן, און באַר'שכור'ן.—

נאר פולער פון דעם טאג איז דער פרימארגן —
ווען פון דער בלויער ווייכער פינסטערניש
שווימט ארויס רויט־פייערדיג די ראד פון זון,
און אלץ באקומט א נישט־רעאלן אויסזען,
אן אויסזען פון א נישט־געזעהענער וועלט,
מיט אומבאקאנטע לופטיגע קאלירן,
און מאדנע, ביז־היינט נישט־דערבליקטע פארמען —

צוערשט שווימען ארויס די גרויע בוימער —
און פלוצים ווערן זייערע קעפ פארפלאמט,
און ס׳גליטשט דער פלאם אראפ זיך נידעריגער,
און ס׳ברענט א בוים — קאלירן קארנאוואל,—
מיט זיינע רויטע צונטערדיגע בלעטער,
מיט זיינע געלבע בלעטער, מיט די זאפטיגע
נאך טיפע גרינע בלעטער, אלץ באהויכט
מיט זילבער־גרויען הויך פון טוי פון נאכט.
דער טוי צורינט, צופליסט, ווערט אויסגעוועפט,
און ס׳ברענט דער בוים פילפארביג, ריין און קלאר.
דערנאך קומט צו דאם ליכט צום בלויען גרונט —
און, גרויסער גאט, וואס פאר א וואונדער פארן אויג:
געוויקלטע קעפ קרויט פארפלאכטן הארט
און זאפטיג־פריש און שווער און שטייף און פייכט.
און לאנגע שווארצלאך־גרינע קאווענעם
מיט געלע לאנגע פלעקן אויף די בייכער
פארוויקלטע אין נעצן געלע בלעטער.
און אומגעהויער שווערע רויטע פאמידארן
וואס האבן זייער פלאנץ אראפגעצויגן
און ליגן אויף דער ערד מיט זייער מאמען.
און שפאלטן זיך פון איבערפלוס און זאפט.
און איבעראל די שפע פון די טרויבן
וואס שיטן זיך אראפ פון אלע פלויטן
אין שווערע איבערפליסיגע געדיכטע הייגגלאך,
באהויכט מיט גרויען טוי, מאסיוו און שווער.

עס דראַפּען זיך די פיבערן פון ווייז
און קריכן איבעראַל, און פילן אַן די לופט
מיט זייער טערפּקן, זיסן, הייסן ריח.
און פויגל, פויגל, פויגל — איבעראַל
מיט רויטע ברוסטן און מיט בלויע פליגל,
מיט שוואַרצע פּיסלאַך און מיט רויטע פּיסלאַך.
און איטלאַך זינגט אַן אַנדערן געזאַנג
און פלוידערט און פאַרגייט זיך אויף זיין שטייגער.

אַ מענטש קען אָפּלעבן זיין וועלט — פאַרנומען,
פאַרטראָגן און פאַרשלעפּט מיט זיינע דאגות,
מיט זיינע טעגלאַכע פאַרשקלאַפטע אַרבעטן —
און קיינמאָל גאָר די וואונדער ניט באַמערקן.
נאָר ס'טרעפט אַמאָל דער זעלבער מענטש דערזעט
דאָס אַלץ פון נייעם ווינקל — דאָס געוויינלאַכע
ווערט פלוצים ניי און פריש און אומגעוויינלאַך.
אַן אומבאַקאַנטע וועלט. דאָס אויג ווערט לויטער.
דערזעט אַזוינס וואָס ער האָט נישט געזען ביז דאַן —
און ס'בלייבט דער מענטש פאַרגאַפט, באַרוישט, דערציטערט.

אין יענעם טאָג האָט אויך דער אַלטער דזשאַש
אַ שפּראַץ אויף טאָג זיך אויפגעהויבן, ווי זיין שטייגער,
געבורטשעט אויף דער אַלטער שוואַרצער דינסט.
למאַי איר פרישטיק האָט קיין טעם און ריח,
פונקט ווי געוויינלאַך. האָט פאַררויכט זיין ליולקע
און האָט זיך שטיל אַרויסגעשלייכט אין גאָרטן:
דאָס אַלט געביין האָט זיך געדרייט אין דרייען,
מיט אָנשטריינגונג אַראָפּגעקרעכצט די טרעפּ,
האָט אָפּגעכאַפּט מיט שווערקייט דעם אָטעם,
אַראָפּגעזעצט זיך אין דעם אַלטן ווינקל,
האָט אויפגעהויבן די פאַרגלאָצטע אויגן —
און פלוצים איז געשען מיט אים דער וואונדער:

עס איז געווען, ווי ס'וואָלט אַ דיקע הויט
זיך אָפּגעשיילט פֿון אַלטנ'ס אויגן, און זיין בליק
איז קלאָר און שאַרף און ליכטיג־העל געוואָרן ;
און זיינע אויערן וואָס זיינען שווער געווען,
זיי האָבן פּלוצים אָנגעהויבן לעבן,
געציטערט און וויברירט אין דינער לופֿט :
עס האָט געפֿלאָסן שטראָם נאָך שטראָם פֿון לופֿט,
און יעדער שטראָם מיט זיין באַזונדער אַראָמאַט.
אַט גייט דער ריח פֿון געבענטשטן וויין,
אַט פּליסט דער דופֿט פֿון קילע ווינטער־עפּל,
אַט יאָגט אים נאָך די זיסע קילע מענטע,
עס ווייט דער ביטערלאַכער שאַרפֿער ריח
פֿון צוגעטריקנטן פֿאַרגעלבטן טאַבאַק.
דעם אַלטנ'ס נאָזפֿליגל האָבן געצוקט,
און גיריג נאָכגעשפּירט די שטראָמען לופֿט.
די אויגן האָבן זעהעריש אַריינגעזאַפּט
דעם גרויסן שטח פֿון אַרום : איז אַלץ
געשטאַנען אָפֿן, ברייט און ווייט און אָפּגעדעקט
מיט איטלאַך שטיינדל, גרעזל, קוסט און בלום,
מיט איטלאַך פֿרענזל פֿון די נאָנטע פֿאַרהאַנגלאַך
מיט איטלאַך פֿרענזל פֿון די נאָנטע פֿאַרהאַנלאַך
פֿון ראָזע פֿענסטער. ס'איז געווען וואונדערלאַך,
ווי ס'האָט קאַליר זיך אויסגעמישט מיט קלאַנג,
אין איין האַרמאָנישן און קלאָרן אויסגוס.

דעם אַלטן איז געוואָרן גוט. האָט ניט געטראַכט.
האָט בלויז געפֿילט אוממיטלבאַר, ספּאָנטאַן.
און ס'האַרץ האָט פֿיבעריש און שנעל געקלאַפּט,
ווי ביי פֿאַרליבטער יוגנט. האָט זיך אָפּגעלאָזט,
און אָפּגעגעבן זיך אין גאַנצן צום געפֿיל.
האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום סאַמע גרונט
פֿון דעם געפֿיל, און האָט דערשפּירט דאָס גליק

און ליידנשאפטלאד גרויסן צער פון אויפלייזונג —
און גליקזעליג פארמאכט די מידע אויגן.

פון איצט איז דאס ממשות׳דיגע לעבן
געווארן נישט רעאל און פרעמד, ניט נויטיג.
דער שווארצער האט אים שטיל געוועקט פון שלאף,
אז די מאשין שטייט גרייט אין פלאץ צו פארן —
האט ער אים אפגעטריבן מיט דער האנט,
און ווידער באלד זיך אפגעגעבן צום געפיל.
. . . דארט ערגעץ אין דער טומלדיגער שטאט
איז דא דאס הויז וואס ער האט אויסגעבויט,
און סחורה, קונדן, וועקסלען, געלט... צו וואס ?...
ער האט אזש אויפגעדריקט די אלטע פלייצעס.
און דא איז גוט, און פאר די אלטע אויגן
האט בלענדנדיג געשיינט א גרויסע זון ;
ער האט געזען פאר זיך באקאנטע פנים׳ער,
נאר ווייטע, פרעמדע, ווי פון ווייטע וועלטן.
געשפירט, ער ווערט געטראגן אין דער לופט,
ווי איבער טיפע ווייטע אפגרונטן ;
ווי דורך א וואנט זיינען צו׳ן אים דערגאנגען
באקאנטע אבער דאך פארפרעמטע שטימען.
די צייט האט זיך געשטעלט, ס׳איז ראז געווען —
א טיפער חלל מיט א גרויסן דיסק
פון א פאנטאסטיש גרויסער רויטער זון.
און אין דעם גרויסן רויטן דיסק, איז עמיץ
געגאנגען מיט א פאק אויף זיינע פלייצעס —
געגאנגען און געגאנגען און געגאנגען.
האט ער זיך אנגעשטריינגט מיט אלע כחות, —
האט ער זיך ברייט און גליקזעליג צושמייכלט,
און אזש א מאך געטאן די געלע האנט.
די ראזקייט איז געשטאנען — און אין קאפ
זיינען געשוואומען זעאונגען און בילדער
און אנגענומען וואונדערבארע פארמען.

עס האָבן זיך געפּלאָנטערט שטיקלאַך תהילים
און אָפּגעריסענע געדאַנקען און געפילן
אַז אַנהויב און אַז סוף — און ס'איז ניט אָפּגעשטאַנען
אַ קינדער־לידל, וואָס די קליינע מיידלאַך זינגען,
וואָס האָט זיך אומבאַוואוסטזיניג פאַרקריצט
אין אַלטנ'ס מח מיטן וואָרט און נגון :
„פאַרוויג מיך צום שלאָף אין מיין אַלט־קענטאַקי היים,
„און דעק מיך צו מיט דיקסי'ס בלויען הימל...“

.1921—1922

# דזשאַן.

# דזשאַן

.1

איז זכות פון דריי זאַכן האַלט זיך קענטאַקי :
אויף פרויען, פערד און בראַנפן —
און דזשאָן וואָלט מיט זיין בלוט דעם כּלל פאַרטיידיקט.
דער דזשאָן איז יונג געווען און הויך און שטאַרק
אַ זעקספוסיקער ריז מיט מוסקולן ווי שטריק,
מיט בלויע שטראַלנדיקע קינדערישע אויגן.
זיין פּנים אויבן ברויז־פאַרברוינט און לאַכעדיק.
דאָס ברוינע האָר פון קאָפּ געלאָקט וואָוויליונגעריש.
און לאַכט זיך דזשאָני הויך פאַרנאַנדער אויפן קול
אין אַ חברותא גוטע יונגען אין׳ם שיינק —
דאַן הויבן זיך די פולע גלעזלאַך אויף די טישלאַך,
באַוועגן זיך און ציטערן און קלינגען,
און ס׳טרייסלט זיך דעם שיינקער׳ס שווערער בויך.

דער דזשאָני, דאַרפט איר וויסן, ציט זיין יחוס
ביז העט די ערשטע דורות פּיאָנירן
ווען ס׳איז קענטאַקי נאָך געווען איין גרויסער וואַלד,
געפלאָנטערט און געצווייגט משׁשת ימי בראשית —
ווי גאָט האָט זי פון האַנט אַרויסגעלאָזט.
און דזשאַני׳ס זיידעס האָבן אין די ווילדע בערג
די ערשטע שטעגלאַך אויסגעלייגט מיט האַק און זעג
און תּמיד מיטן ביקס געלאָדן נאָנט ביים האַנט
כּדי עס זאָלן די רויטהויטיקע טייוואָלים
ניט איבעראַשן זיי ; פאַר׳עקשנ׳ט האָבן זיי

גערעמפּט פאַר זייער סקאַלפּ מיט ווייב און קינד.
און דזשאָני'ס באַבעס האָבן וואויל געוואוסט
ווי אומצוגיין מיט ביקס, צוגלייך מיט זייערע מענער,
צו שיסן ווילדע ענטלאַד, ענדיקעס און האָזן;
צו שפּרייטן נעצן פאַרן גאָלדיג־רויטן פוקס,
דעם שוואַרצן טכויר און ברוינלאַד וויכן מינק.

קיין וואונדער ניט, אַז דזשאָן טראָגט אין זיין בלוט
דעם פייערבערען פון אומגעצאַמטע קרעפטן,
די פלינקייט און דעם שפּרונג פון ווילדן הירש,
דאָס אויג פון אָדלער, און די האַנט פון אייזן.
די צייט האָט בלויז פון דזשאָני'ס פּנים אָפּגעווישט
אַ צוויי דריי שטריכן פון די עלטער זיידעס:
די אייביגע עקשנות פון'ם קאַמף,
די אייביגע פאַרביטערטקייט פון שטרייכגן אויג
און די פאַרשלאָסענע צונויפגעפּרעסטע ליפּן.
און דזשאָני'ס אויגן לויכטן קלאָר און זיכער
און לאַכן בלאָענדיג; און דזשאָני'ס ליפּן
זיי צוקן תמיד אין אַ גוטמוטיגן שמייכל
אַנטפּלעקנדיג אַ מויל מיט פרישע ווייסע ציין.

דערפאַר איז אויך זיין בלוט געווען אומרואיג:
שוין נאָך אַלס קינד אין די קענטאַקער בערג
האָט דזשאָן דעם וואַלד געליבט ווי אַ בוד.
געגראָבן מאַי־עפּל אין פריען פרילינג
און דזשינסענג וואָרצל וואָס קוקט אויס ווי אינגבער;
ארויסגערויבערט בינען פון די ביימער
און טעפּ מיט האָניג אין דער היים געבראַכט.
געוואוסט אין וועלכן פּלאַץ אויף וועלכע ביימער
עס קומען נעכטיגן די ווילדע אינדיקעס.
און ווען ער פלעגט פאַרשווינדן פון דעם קעבין
אויף לאַנגע טעג, זיך לאָזנדיג נאָך רויב,
האָט ער געוואוסט שוין וואו צו קריגן אייער

און וואו אַ ווילדע הון, און וואו צו פאַנגען פיש.
און שפּעטער, ווען דער שניי פלעגט אין די בערג
אראָפּגלידערן שטיל און צוטרווילאַד און זיס,
און צודעקן דעם גרונט ווי מיט אַ ווייסן לײַלאַך —
פלעגט דזשאַני לײַענען אין שניי אַ נײַעם בלאַט :
ער האָט געוואוסט אַ יעדן שפּור און טראָט
פון פוקס, פון טכויר, פון ווילדן ראַץ און האָז.
און מיט דעם פײַנעם, שאַרפן חוש פון בלוטהונט
פלעגט ער שוין מיט דער נאָז די חיה'לאַך דערשמעקן
און וויסן ווי אַזוי די נעצן צו באַהאַלטן.
און אוונטצײַט פלעגט דזשאַני אָנקומען אַהיים,
אַן אָנגעלאָדענער מיט רויב, און אַנבריינגען אין שטוב
דעם גרינעם וואַלד־געשמאַק און דופט פון שניי
געמישט מיט בלוט פון אָפּגעצוויגענע פעלכלאַך.

עס האָט ניט לאַנג גענומען, און דער יונג
איז אויסגעוואַקסן הויך און קרעפטיג ווי אַ בוים.
האָט אויסגעפונען אין די בערג אַ ברייזל
וואו ס'ווערט דער ווייסער „לבנה־שיין“ געטריבן.
און זאָגן מוז מען : אַז ער האָט געמאַכט
די שעריפס כשר צו פאַרדינען זייער ברויט.
ווייל קיין פאַרבאַרגענעס פאַר דזשאַנ'ען איז אין וואַלד ניטאָ
און לערנען האָט ער זיך געלערנט פונ'ם פוקס און טכויר —
און ס'ברייזל איז אַזוי געווען באַהאַלטן,
פאַרשטעקט וואו ערגעץ אין אַ פעלז, אַזוי
נאַטירלאַך צוגעדעקט מיט בוימלאַך און מיט גראָז,
אַז ס'וואָלט געפאָדערט זיך אַן אויג ווי דזשאַני'ס
דאָס צו אַנטפּלעקן : דערצו האָט מען באַדאַרפט
נאָך האָבן דזשאַני'ס מוט און פעסטע האַנט.
און קאָנען צילן מיטן ביקס אַזוי ווי דזשאַני.
און גייט, איך בעט אײַך, מיט געזונטן קאָפּ
אין קראַנקן בעט. דען דזשאַני האָט געקאָנט
אַליין, הינטער אַ בוים, זיך אָפּווערן פון צען.

און אויסרינען צווישן זייערע פינגער.
אַזוי האָט דזשאַני'ס רום פאַרשפּרייט זיך ברייט און ווייט
און פון קענטאַקי ביז די בערג פון טענעסי
האָט מיט דעם יונג געקלונגען. און אַז דער יונג
פלעגט פון די בערג אַראָפּנידערן אין שטאָט
מיט לאַנגע האָר און לאַכעדיגע אויגן
איז דזשאַני שוין באַטראַכט געווען אַלס העלד.
ניט ווילנדיג פלעגט מען פאַר דזשאַני'ן מאַכן וועג,
און טרעפט ער זיך מיט אַ באַקאַנטן שעריף
פאַרגוויגט ער זיך פאַר אים און ציט דעם הוט,
און שמייכלט פּיפּיג מיט איין בלויעם אויג,
און מיידלאַך קוקן נאָך דעם דזשאַן פאַר'גנבה'ט
און רויטלען זיך געגלעט פון בלויעם פייער.

אַזוי האָט זיך געצויגן דזשאַני'ס לעבן —
פון באַרג אין שטאָט, פון שטאָט אין ברייזל,
פון ברייזל אין די שוואַרצע שטורמדיגע נעכט
באַלאָדן מיט „לבנה־שיין" נאָך טענעסי
וואו דזשאַני האָט געהאַט שוין זיינע קונדן.
ניט איינמאָל איז דעם יונג שוין אויסגעקומען
צו טראָגן זיין נשמה אין די הענט;
ס'האָט ניט איין קויל מיט מיאוס'ן געפייף
פאַרביי דזשאַנ'ס אויערן זיך דורכגעטראָגן;
און ס'טראָגט זיין לייב די גוטע טרייע שפּורן
פון יענע נעכט, ווען ער האָט ווי דער ווינט
געטראָגן זיך, ווי צוגעוואַקסן צו זיין פערד.
נאָר האָט מען יאָרן — לאַכט מען אויס פון אַלעם.
און דזשאַני האָט געלאַכט, ווי ס'לאַכט אַ מענש
אין וועמען ס'שטראָמט אַ קוואַל פון רויטן לעבן
וואָס שטורמט ברויזנדיג און קאָכט און זיט.
און ווען ער פלעגט צוריקקומען אין שטאָט
ניט וויסנדיג אַליין קיין חשבון פון זיין געלט —
פלעגט דזשאַני זיך באַרואיגן בלויז דאַן

ווען ער האָט זיך אין גאַנצן אויסגעליידיקט.
ווייל געלט ביי דזשאַני'ן איז געווען ביליק —
ער האָט געוואוסט וואו נייע צו באַקומען.
און פלעגט אים טרעפן ווען זיך איינרייסן.
אַ שטייגער, מאַכן אַ געשלעג אין שיינק
און אַפּשלאָגן אַ ניגער רוק און לענד —
פלעגט מען שוין דזשאַנ'ען אַפּפירן אין קאָורט.
דער דזשאַדזש, אַ קלוגער דורכגעמאַכטער אַלטער,
מיט יונגע גרויע אויגן הינטערברילן,
באַטראַכט אים שמייכלענדיק, און הייסט געלאַסן
אַ בעט צו מאַכן פאַרן יונג אויף זיבן טעג.
די גוטע ברידער פלעגן יעדן טאָג
אים קומען צו באַזוך, און אַנברייגגען מיט זיך
די פיינע פלאַטשיגע און רויטע פלעשלאַך.
און קעשענעס מיט סיגאַרעטלאַך און מיט פּירות.
און דזשאַני שלאָפט זיך טאַקע אויס געהעריק
און כראָפּעט אין דער נאַרע ווי דער בער אין וואַלד.
נעמט צו געוויכט, און נאָך די זיבן טעג —
צוריק צום ברייזל אין די ווילדע בערג.

.2

נאָר דזשאַני'ן האָט גענומען ציען מער צום שטאָט:
ס'האָט אים פאַרשמעקט דער טומל און הו־האַ.
דער קינעמאַטאָגראַף האָט אים פאַר'כשופ'ט
און ווי אַ קינד וואָס שטייט פאַר אַ טשיקאַווע שפּילצייג,
אַזוי איז ער פאַרגאַפט געזעסן פאַרן לײלאַך.
דערצו איז אַנגעקומען אים זיין צייט פון ליבע:
אודאי פלעגט דזשאַן אומבלאָנדזשען אין גאַס
מיט אויגן ברייט צעעפנטע, באַרוישט,
פאַר'שכור'ט פון די הייסע פרויען בליקן,
מיט קלאַפּעדיגן האַרץ, פאַרשטיקטן אָטעם.
דאָס שאַרכן פון אַ פרויען־קלייד האָט אים צונומען

די היפטן פון די איינג־געשנורטע קליידער.
די שלאַנקע פיין געשניצטע פיס אין זיידנס
זיי האָבן אין זיין בלוט געצונדן פייערן.
איז דזשאָן געוואָרן היימיש אין דעם טאַנץ־זאַל,
ביז ס'האָט קיין טאַנץ אָן אים זיך ניט געבונדן.
די מיידלאַך האָבן זיך צו אים געקלעפּט
ווי בינען אַרום האָניג ; ס'איז געווען
אַ גלאַרי־רייכע צייט פאַר אונזער דזשאָן.
דער מעשענער טראָמפּייט האָט אים געשפּילט צום טאַקט,
און ס'האָט דער פּויק געקלאַפּט צום ריטם פון זיין בלוט
ווייל קיינער איז זיינס גלייכן ניט געווען,
און קיינער ניט געשיקט אַזוי ווי ער
אין די באַרימטע בויגעדיגע ניגער־טענץ,
דעם פיינעם בויד־טאַנץ, און דעם הוטשי־קוטשי טאַנץ.
עס האָט געפלאַמט די ערד אונטער די פיס
און מיידלאַך האָבן ווי מלאכים זיך געהוידעט.
און דזשאָני'ס האַרץ און בלוט געבריט מיט הייסע
מיט שוואַרצע, ברוינע, בלויע פייערלאַך.

און דזשאָן איז פון דעם אַלץ געווען באַגרונקען ·
ער האָט מיט יעדן נערוו און טראָפּן בלוט
אריינגעזאַפּט דעם רויטן שטראָם פון לעבן.
ער האָט זיך אָפּגעגעבן זיינע טעג צום רויש
און זיינע נעכט צו ליבע. ס'האָט געדאַכט
דער יונג גייט ווי אויף פליגל, טרעט עלאַסטיש.
די ברייטע ברוסט פאַראויס, דער קאָפּ פאַרוואָרפן
די קירצע רויכנדיגע ליולקע אין דעם ווינקל מויל,
און בולט צייכנען זיך אַרום די שטאַרקע גלידער
פון בלויען העמד און ברוינע סאַמעט־הויזן.

אַז רויזן האָבן דערנער איז אַן אַלטער כלל,
און דזשאָני האָט דעם כלל געלערנט אויף זיין פעל.
ניט איינמאָל האָט מען דזשאָני'ן איבערראַשט

איז אַפּגעלייגטע געטלאַך פונ׳ם שטאָט.
מיט שטעקענער, מיט פרענטלאַך אייזן, און מיט שטיינער
אין קורץ, מיט וואָס נאָר ס׳לאָזט אַ ביין זיך ברעכן
און אים באַארבייט ווי ס׳געהער צו זיין.
ניט איינמאָל האָט דער אַמבולאַנס פאַר אים געקלונגען,
און דזשאַני האָט געמאָגט צו בענטשן גומל
וואָס ער האָט אַפּגעשניטן מיטן לעבן.
דאָס האָבן מאַנען און חתנים־ליבהאָבער
דעם דזשאַן געגעבן אַנצוהערעניש :
ער זאָל אין פרעמדע גערטענער ניט קריכן.
אַ וואָך צי צוויי פלעגט דזשאַן אַרומגיין אויסגעפּוצט
מיט רויטעביילן ווי די אייער אונטערן אויג,
צי מיט אַ שוואַרצן שלייף אַרום זיין האַלז,
אין וועלכן ס׳האָט זיין האַנט זיך אויסגערוט.
נאָר דזשאַן האָט די יסורים אָנגענומען ליב,
און האָט אויף זיי קיין שנאה ניט געטראָגן.
ס׳איז אַלץ געווען אַ חלק פונ׳ם שפּיל:
דען גייסטן נעמען האָניג ביי דער בין,
טאָ נעם פאַר אומגוט ניט איר ביין שטאָך.

און נאָך איין ליידנשאַפט האָט דזשאַן געהאַט
וואָס האָט אפשר די אַנדערע איבערוואַויגן : פערד.
דען ניט אומזיסט נעמט זיך „קענטאַקי איבער
מיט אירע וואונדערבאַרע שטאַרקע פערד.
דאָס בלויע גראָז אין אירע ברייטע פלאַכן
איז ווייך און שמעקעדיג און שפּריצט מיט זאַפט.
דאָס וואַסער פליסט אין קאַלטע קלאָרע שטראָמען —
קיין וואונדער אַז דאָס פערד געדייט און שפּילט און טאַנצט.
דערצו ווערט עס געוואַשן און געבאַרשטן,
געקעמט און אַפּגעהיט ווי ס׳אויג אין קאָפּ,
אין שוואַרצע און אין בלאַנדע צעפּ דער עק פאַרפלאָכטן.
און פירט מען אים פון שטאַל אַרויס צום לויפטערן
דאַן וויגט די ערד זיך אונטער זיינע פיס.

איז ניט צו הויך און ניט צו קליין, די ברוסט איז ברייט.
דער בויך איז שמאָל, דער קאָפּ איז לייַנגלאַך קליין.
די פּייטשע אויגן גרויס און ברוין און קלוג
און ס'ציטערן נערוועז די פּיינע אויערן.
די פּיס געטאָקט און דין און מוסקולדיג
און ווי אַ שפּיגל גלאַנצט אויף אים די פעל,
אין וועלכער ס'טאַנצט ווי לעבעדיג אַ יעדער נערוו.

3.

אַזוי אַרום פון טאַנצזאָל צו דער שטאַל
האָט דזשאָן געלעבט זיין שטורמדיגן לעבן.
צו קליין געוועזן דער טאָג, די נאַכט צו קורץ —
ער האָט געלעבט — און גאָר. ער ווייס אַליין ניט
ווי נאָך עס איז דערצו געקומען, וואָס ער איז
מיט מאַרגאַרעט געוואָרן נענטער, היימישער,
ווי מיט די אַלע איבעריגע מיידלאַך.
און מאַרגאַרעט איז טאַקע געווען שיין :
איז שלאַנק און בלאָנד, מיט רונדע ווייכע גלידער
מיט גרויע מילדע שטיפערישע אויגן
פון אונטער גאָלדיג גלאַנצענדיגע ברעמען.
און אַז זי גייט אַרוים מיט אים אין גאַס
אין די געשנורטע רויטע הויכע שטיוועלאַך
אויף וועלכע ס'פאַלט דער זוים פון ווייסן קלייד.
מיט בלויע שלייפלאַך אַרום דינעם האַלז
און מיט דעם ברייטן ווייסן שטרוי־הוט אויפן קעפל
פון וועלכן ס'ראַנגלען זיך אַרוים אַ צוויי־דריי לאָקן —
פלעגט דזשאָנ'ען איבערגיין דאָס האַרץ פון גדולה.
און מענער פלעגן טאַקע אומדרייען די קעפ
און נאָכקוקן דער קליינער מאַרגאַרעט
וואָס וויגט זיך קעציש־בויגיג און גראַציעז
ביים זייט פון הויכן ברייטן דזשאָן.

און מאַרגאַרעט האָט וואויל געליבט דעם דזשאַן
מיט יעדן גליד פֿון צאַרטן בויגעגדיגן קערפּער.
דער יונג האָט אין איר האַרצן זיך פֿאַרקליבן
און איר משפּחה האָט אים ניט געקענט.
מיט ביימשן און מיט פֿויסטן ניט געקענט,
פֿון דאָרט אַרויסיאָגן. דער אמת איז,
אַז די משפּחה איז געווען גערעכט :
יאָ, אמת, ס'איז דער דזשאַן אַ פֿיינער יונג,
אַ יונג אַ ברען, וואָס טויג זיך אויס צו אַלעם —
וואָס העלפֿט עס אָבער, אַז ער איז אַ מזיק,
וואָס האָט צו טאָן מיט פֿיל נאָר ווייבער ס'איז פֿאַראַן,
און וועט שוין מיט זיין טויט ניט ענדיגן ;
היינט איז ער דאָ, און מאָרגן איז ער דאָרט,
און זיי אַ בריה, כאַפּ דעם ווינט אין פֿעלד.
די קליינע ברידערלאַך האָבן אויף דעם
געזונגען לאַנגע טעג אַ פֿיין געזאַנג,
וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער :
„דזשאַני דאָ און דזשאַני דאָרט,
דזשאַן איז דאָ אין יעדן אָרט."
נאָר טענה היינט, און טענה מאָרגן, אַז די מויד
וויל גאָר ניט הערן און געדיינקען — און דאָס גאָר.
זיי האָבן אַזוי לאַנג און ברייט גע'טענה'ט
ביז ס'האָט זיך זיי דער עסק צוגעגעסן,
זיך אויסגעשפּיגן, מיטן האַנט אָוועקגעמאַכט.
זאָל זיך די מויד איר אייגן קאָפּ פֿאַרדרייען —
קיין גוטס דערפֿון וועט נישט אַרויסקומען.

און מאַרגאַרעט האָט אויסגעפֿירט דאָס איריגע :
זי האָט דעם דזשאַן מיט מזל און מיט גליק
געפֿירט אין קירך אַריין. ס'איז שווער אפילו
דער עסק צוגעגאַנגען, ווייל דזשאַני האָט
געפֿילט זיך גאָר ניט היימלאַך אין דער קירך,
פֿלעגט קיינמאָל ניט אַריינשמעקן אַהין.

און האָט געוויכט פון דאָרטן, ווי אַ שטייגער
עס וויכט דער טייוול פון דעם ווירוויד ריח.
נאָר דאָס מאָל האָבן אים קיין קונצן ניט געהאָלפן.
און אויף צופוקעניש פון אַלע ווייבער
וואָס האָבן אַלע אַרבעטן געוואָרפן
און אָנקוקן געקומען דאָס שיין פּאָרל —
איז דזשאָני גראָד געקומען צו דער צייט,
דעם פּסוק אָפּגעזאָגט ווי ס'דאַרף צו זיין,
און האָט אַהיים געפירט דער מאַרגאַרעט —
אַ פיינער יונגער און שטאָטקאָוונער באַלעבאָס.

דאָ פּאָדערט זיך צו זיין גערעכט צו דזשאָנ'ען.
און זאָגן, אַז ער איז אַ גוטער מאַן.
ווייל אייגענטלאַד איז ער בטבע גוט,
און מאַרגאַרעט איז אים געטריי און גינציג.
דער יונג האָט אויפגעגעבן זיינע בערג
און אַרבעט היינט מיט לייטן גלייך צופרידן.
קיין דאגות פון פּרנסה איז ניטאָ,
אויף זייער אויסקומען איז דאָ בשפע:
דאָס שטיבל זייערס שטייט אויסערן שטאָט
און טונקט זיך זומער אין אַ ים פון גרינסן,
וואָס נאָר אַ באַלעבאַטעשקייט דאַרף האָבן.
די קו גיט מילך, די הינער גיבן אייער,
און קוילעט מען דעם חזיר — גיט ער פלייש.
און כאַפּט זיך דזשאָן באַגינען אויף פון שלאָף
איז מאַרגאַרעט פון לאַנג שוין אויף די פיס:
דער טיש איז גרייט, די קאַווע מורמלט פונ'ם קאַן
און צופּט ביים נאָז, די הייסע „ביסקוויטס" שמעקן.
און מאַרגאַרעט, אַרומגעכאַפּט פון ווייסן שירץ,
ראַמט צו דאָס הויז, צי פּאַדיעט אום אין הויף
און גיט די בהמות און געפליגל עסן.
און קומט דזשאָן אוונטצייט צוריק אַהיים
איז ציכטיג, ריין אין אַלע ווינקעלאַך.

דאָס עסן שמעקט, און מאַרגאַרעט איז אויסגעפּוצט,
און תמיד מיט אַ גוטן ליבן שמייכל.
יאָ, אמת, ס'טרעפט דער יונג ווערט אָפט פאַרפאַלן
פאַרשוואונדן אויף אַ גאַנצע נאַכט, ניטאָ אים,
באַווייזט זיך ערשט צוריק אַ שפּראָץ אויף טאָג,
און אָפטמאָל קומט ער מיט צוריסענע מלבושים,
צעביילט, צעקיילט, אַ צער אויף אים צו קוקן.
נו וואָס איז דאָ צו טאָן ? זי וואַשט אים אָפּ
און העלפט אים אויסטאָן זיך, און לייגט אים שלאָפן.
און שפּעטער, ווען ער שלאָפט שוין איין באַרואיגט
און שמייכלט קינדיש אין געזונטן שלאָף,
קאָן זי אַליין ניט איינהאַלטן אַ שמייכל :
נו טאַקע, קאָן מען זיין אויף אים ברוגז ?
ס'וועט גאָר ניט העלפן, צי זי וויל צי ניט,
אַז דזשאַני מוז „זיין שלעכטע זריעה זייען".
נאָך אַלעמען, איז דזשאַן אין גאַנצן אירער,
ער וועט זיך דורכלויפן, זיך דורכשפּילן — און גאָר.
היינט וואָס נאָך מאַכן פון איר היים אַ גיהנם ?

און מאַרגאַרעט האָט געבוירן אַ זון,
און מען האָט גערופן זיין נאָמען דזשאַן,
דזשאַן דער אינגערער.

אַז ס'האָט דער קליינער דזשאַן גענומען וואַקסן
און ברייטער אויפגעפּראַלט די בלויע אויגן ;
און פּאַטשט מיט זיינע ווייכע קליינע הענטלאַך,
און לאַכט אויף אַלע חן־גריבלאַך פון פּנים —
איז דזשאַן געוואָרן מער אַ היים־זיצער,
און אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן זעלטענער.
די גוטע ברידער פּלעגן טאַקע חוזק'ן,
באַדויערן וואָס פון אַ מאַן ווי דזשאַן קאָן ווערן,
און דזשאַן פּלעגט שמייכלען מיט אַ שולדיג שמייכל —

נאר וואס האט ער געקאנט זיך העלפן ?
אז מארגארעט איז ליב און זיס — און בליט.
און דזשאן דער אינגערער ער וואקסט און לאכט
און אַז ער קומט פארנאכטלאך אין דער היים
איז ציט אים שויז זייז הארץ אין ערגעץ ניט.
אין קורצן, דזשאן איז גאר אַן אנדער מענש,
און די משפחה איז געקומען צום באשלוס :
אז מארגארעט האט גאר ניט שלעכט געטאן,
וואס זי האט פארן יונג זיך ניט געשראקן.
און אירע ברידער קלאפן אים אין פלייצע,
און קומען אפטער מיטן דזשאן פארברייננגען.
מען זיצט געמיטלאך אויפןברייטן גאניק
אין ראז־קאלירטע ווארימע פארנאכטן,
מען וויצלט זיך, און מען דערציילט זיך נייעס,
און ס'שלייננגלט זיך געדיכט דער בלויער רויך
און ציט זיך פון די שמעקעדיגע ליולקעס.

4.

ס'איז אין קענטאקי דא אן אלטער מנהג :
סוף זומער, ווען די פעלדער ווערן אפגעשניטן,
און בוימער בויגן זיך אונטער דער לאסט
פון שווערע זאפטיגע און רייפע פרוכטן —
ווערט אין דער צירקל שטאט געמאכט א יום־טוב.
עס ווערן אויף א לאנגע אויסן שטאט
די לייוונטענעביידלאך אויפגעצויגן
וואו ס'ווערן אויסגעשטעלט אויף מענשנ'ס וואונדער
דאס גוטס און שפע פונ'ם וואלד און פעלד :
די פיינסטע פירות פון די פרוכטבוימער,
די פיינסטע גרינסן פון די גערטענער,
די פיינסטע האנטארבעט אין וואל און לינען,
וואס פרויען האבן אין די לאנגע ווינטערנעכט.

אין שטורמנעכט ביים לאָמפּ פון קעראָסין
אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל אין די בערג געשטיקט.
די שענסטע מעלקעדיגע ברייטע קי,
די פעטסטע שפּילעווודיגע שאָף און קעלבער —
און איבער אַלץ די אומרואיגע יונגע פערד.
פון איין ברעג פון קענטאַקי ביז צום אַנדערן
פאַרזאַמלט זיך דאָס פאָלק צום גרויסן יום־טוב.
דאָס גרויסע פעלד איז יום־טוב׳דיג געפּאַקט,
עס שמעקט מיט בלומען, עפּל, און מיט ערד,
מיט ריחות פונ׳ם שטאָל און גרינעם טאַבאַק.
און איבער אַלעם הייננט אַ בלויער הימל,
אַ זאַטער, רואיגער, סוף־זומערדיגער הימל,
און ס׳טראָגן זיך די קלאַנגען פון אָרקעסטער.
אַזוי ווערט יעדן יאָר געפייערט יום־טוב
אויף גאַנצע לאַנגע ליכטיגדיגע זיבן טעג.

האָט איר געזען דעם יערענטלאַכן מאַרק
אין איינער פון די פיינע דרום שטעט ?
דער מאַרק איז פול, און דאָס געדריינג איז גרויס.
די וועגן איבערפולט מיט גוטס פון פעלד,
מיט גרינס׳ וואָס שמעקט און לויכט מיט פרישקייט,
מיט עפּל, בארן, קאַרשן, רויטן קאַווין
מיט גרויסע שווערע דורכזיכטיג קערנער.
עס מעקען שאָף, חזירים חריוקען,
עס הירזשען פערד, און אייזלען טאַפּטשען.
עס קרייען הענער, און עס שרייען גענז.
די בערגלייט קומען צום יאַריד אַראָפּ
מיט שוואַרצע און מיט געלע שטעכעדיגע בערד
אויף רויטע, ברוינע זון־פאַרברענטע פּנים׳ער,
און מיט קאַלירטע טיכער אַרום האַלז.
אַ בלינדער בעטלער שפּילט אַ ווייגענדיגס,
און קליינע ניגער־קינדער דרייען זיך אין מענ׳ן
און וויגן פלינק, געשיקט, די שוואַרצע גלידער.

און בלינצלען ערנסט מיט די אויגן־ווייסלאַך
ווי שמאַנט פון שווארצע ערדן־קריג ארויס.
און שפּעטער, ווען די זון פאַרגייט פאַרפלאַמט,
און גראַמער ווערט דאָס פעלד און שפּילט אין רויטן —
וואַקסט פלוצים אויס וואו אויף אַ פלאַכן וואַגן
אַ שווארצער גלח, און פאַרציט אַ נגון.
און ס'קלייבט אַרום דעם גלח זיך אַ רעדל.
דער ניגער טרייסלט זיך און ווארפט זיך אין עקסטאַז
און קלאַפט אין פעטן בויך און אויף די ברוסטן.
די ציינער בלאַנקען און די אויגן גלאַצן,
און אַלע כאַפּן אונטער זיין געזאַנג.
אַ הייליג ליד אַ גוט באַקאַנטס פון קירך —
און ס'שפילט די רויטע שטאַרבנדיגע זון
אויף פנים'ער געקאַרבט פון קופּער און טשוגון.

און אַז דער יום־טוב איז אין שטאָט געקומען
האָט דזשאַן געוואָרפן אַלע ארבעטן.
ס'נעמט מאַרגאַרעט מיט זיך אַ פּעקל עסן,
און דזשאַן דער אינגערער פאַרפוצט אין ווייסן.
דאָס פנים'ל פאַרפלאַמט, מיט גרויסע אויגן,
פאַטשט מיט די הענט און זינגט און פלוידערט הויך,
ווען דזשאַני טראָגט אים דורכן גרויסן עולם.
די פויקן קלאַפּן און דאָס מעש קלינגט צו,
און ס'הויבן אונטער דזשאַני'ן זיך די פיס.

און דזשאַני לאָזט זיך קאַסטן מיט אַ ברייטער האַנט.
ער לאָזט ניט דורך קיין שפּיל, קיין איינציג ביידל.
ער דרייט זיך מיטן קליינעם דזשאַן אַרום
אויף די געשניצטע פערדלאַך פון דעם קארוסל,
און אויף די הויכע פליענדיגע וויגן :
און פליט אין קליינעם שווינדלדיגן באַנדל,
וואָס לאָזט זיך פון אַ הויכן באַרג אַרונטער.
און קומט דער אָוונט — ווערט דער קליינער דזשאַן
באַלאַדן מיט אַ שלל פון פרישע שפּילצייג :

מיט רויטע, בלויע, גרינע לופטבאַלונען,
מיט שאָכטלאַך צוקערוואַרג און קוישלאַך פּרוכטן,
מיט פּייקלאַך, און מיט פּייפלאַך, און מיט פערדלאַך.

האָט איין טאָג זיך געמאַכט אַזאַ געשיכטע:
דער קליינער דזשאַן, פון אָנשטריינגונג און היץ,
פון צופיל זיסקייט און פון דרייעניש,
האָט אָנגעהויבן זיך צו פילן שלעכט:
די בעקלאַך האָבן זיך צעברענט פון היץ,
דאָס גאָלדן קעפּל האָט זיך אָנמעכטיג געוויגט,
די קלאָרע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן
און ס'האָבן זיי די שפּילצייג ניט געפרייט.
ס'איז שווער געווען פאַר מאַרגאַרעט צו גיין אַהיים
און לאָזן אַזאַ גרויסן טאָג אין מיטן —
נאָר וואָס זשע העלפט עס, אַז דאָס קינד איז קראַנק,
האָט דזשאַני איר אַריינגעזעצט אין קאַר, —
און איז אַליין געבליבן מיט דעם יום־טוב.

אין פולן גאַנג זיינען געווען די „רייסעס“:
אין גרויסן ברייטן צירקל אויסגעשאָטן
מיט געלן בלאַנקנדיגן זאַמד, געלעגן איז
דער רונדער רינג אַ ליכטיגער, אַ זוניגער,
עס שטייען אומגעדולדיג זעקס צי זיבן פערד,
און שלאָגן אומרואיג מיט זייערע קלאָען,
און ציטערן נערוועז מיט אַלע גלידער.
אַ שטריק איז אָנגעצויגן אין דער ברייט פון וועג
און גרייכט ביז צו די נעזער פון די פערד,
נאָר אָט דערלאַנגט אַ פּאַן אַ פּלאַטער —
און ס'פאַלט די שטריק אַרונטער צו דער ערד.
איין רגע ציען זיך די פערד נערוועז צוריק,
נאָר אין דעמזעלבן אויגנבליק אַ שופּ פאַראויס,
אַ שטרעק זיך אויס מיט אַלע שטייפע גלידער
און ס'פליט און שווינדט דער ברייטער וועג אַהינטער.

אַט פליען זיי צוזאַמען ווי צונויפגעקנוילט,
און ברוסט צו ברוסט, און קאָפּ צו קאָפּ ווי אומבאַוועגלאַך,
נאָר אַט הויבט איין פערד אַן אַרויסצושווימען,
נאָך אים אַ צווייטער, און דעם רייטער׳ס קאָפּ און גוף
איז אויסגעשטרעקט און אָנגעלענט צום ווייטן פערד.
דער עולם אויף די רייען ביינק פון דער „קאַסינאַ"
הויבט אָן זיך אויסטשוכען פון טויטן שווייגן.
דער אָטעם קומט צוריק, געזיכטער פלאַמען,
די ווייסע טיכלאַך פאַכן איבער קעפּ
און ס׳הויבט זיך אויף אַ גרויסער פלאַמיגער געשריי.
און דזשאַני, דוכט זיך, שטייט ניט אויף זיין פּלאַץ,
נאָר שוועבט דאָרט אויף דעם פליענדיגן פערד
מיט פייערדיגע אויגן און צושפּרייטע הענט —
און ברענט אינאיינעם מיטן גרויסן עולם.

דערווייל האָט זיך די זון געזעצט אין מערב:
דאָס גרינע פעלד איז אָפּגעטונקט אין רויטן,
און רויט זיינען די ווייסע לייוונט־ביידלאַך
און רינע שפּיצן פון די ווייטע בוימער.
דאָס גראָז ווערט טונקעלער, געדיכטער, בלויער,
עס לאַכן מיידלאַך הילכיג אויפן קול
און יונגע פליסן זיך און שטיפן זינגענדיג.
ס׳איז די „קאַסינאַ" איינגעטונקט אין ליכט,
און ס׳הילכט און קלינגט דער מעשענער אָרקעסטער.
דער טאַנצזאַל איז געפּאַקט מיט יונגע פּאָרלאַך —
און דזשאַן האָט ערשט באַוויזן וואָס ער קען.
די מיידלאַך האָבן זיך ביי אים געביטן,
צעפלאַמט און מיד פון טאַנץ אַרויסגעפאַלן
נאָר ער, ווי קיינמאָל גאָרנישט, גייט זיין טאַנץ
פאַר׳שכור׳ט אין דעם שוועבנדיגן עולם.
די אויגן האַלב־פאַרמאַכט, דאָס מויל געשלאָסן,
און אויף זיין ברוסט אַ נאָכגעביגער קערפּער
וואָס טוליעט זיך צו אים געהאָרכזאַם ציטערדיג.

און אַז ער איז צולעצט אַרויס פון טאַנצזאַל,
דאָס מיידל מיד, שוואַר־אַטעמדיק ביים זייט,
איז שוין געווען גרויסע נאַכט אין פעלד.
עס האָט די פרישע קילע נאַכט אַרומגעכאַפּט
די ווייכע שוואַרצע שמעקעדיקע ערד.
עס האָבן ווייסע שאָטנס זיך געשלייכט אין פעלד
און פאַרלאָר האָבן זיך געשטרעקט אין גראָז,
און מיידלאָר האָבן זיך פאַרשטילט געטוליעט
צו שוואַרצע שאָטנס אינ׳ם ווייכן גראָז.
און דזשאַני ווייס אַליין ניט, ווי אַזוי
ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אין דעם ווייטן פעלד,
און ווייאָלעט מיט אים, אין שוואַרצער נאַכט.

און אייגענטלאָך האָט דזשאַני ניט געמיינט קיין שלעכטס:
די שוואַרצע זומערנאַכט האָט אים פאַרכאַפּט,
האָט אים פאַרבלענדט און מיט איר לוסט באַרוישט.
די שמעקעדיקע ערד, וואָס יורט מיט זאַפטן
האָט אים זיין שטורמדיקן בלוט פאַרצונדן.
דאָס מיידל, ווייאָלעט — אַ קינד, אַ פרוי
אין איר פופצן יאָרן יונגן לעבן
האָט זיך צו׳ן אים געשטרעקט מיט פרישע ליפּן
און אים געברענט מיט גליענדיקע אויגן.
אַ קינד פון דרום־לאַנד, איז פרי געווען רייף
דאָס הייסע בלוט, די קליינע שטייפע בריסטן.
און דזשאָן האָט אויף זיין האַלז דערשפירט איר אָטעם,
דערשפירט דעם ווייכן ציטערדיקן צאַפּל
פון אירע פרישע שמעקעדיקע גלידער,
און האָט אין פלאַם געדריקט די קליינע ווייאָלעט
אין זיינע מוסקולדיקע שטאַרקע אָרעמס.
און ס׳האָבן גרילן אין דער נאַכט געקלאַפּט,
און פרעש האָבן געזונגען פון די זומפּן:
און ס׳האָט אַ שוואַרצער ברענענדיקער הימל
געבויגן זיך אַריבער דעם קענטאַקי־פעלד.

V

נאָר מאָרגנס, ווען ס׳איז דזשאָן געגאַנגען אַרבעטן
האָט אים דער טויט באַגעגנט.
דעם מיידל׳ס פאָטער
האָט זיך ביים וועג פאַרשטעקט צווישן בוימלאָד.
אים אָפּגעוואַרט. און מיט דעם אַלטן ביקס
פינף קוילן בליי  אין אים אַריינגעיאָגט.
און איידער ער האָט צייט געהאַט צו זאָגן „דזשיזוס״
איז שוין דער יונג געלעגן אויף דער ערד,
ווי ס׳ליגט אַ יונגער שטאַרקער דעמבנבוים
געטראָפן פון דעם שווערן בייזן דונער.
פאַר זיין נאָך ניט פאַרגלייזטן בליק האָבן געשוואָומען
די שפּיצן בוימער אויף די זייטן וועג,
און שטיקער בלויע פליסנדיגע הימלען;
און ס׳איז די גרויסע קיילאָכדיגע זון,
וואָס האָט זיך ערשט פון מזרח־זייט פאַרנומען,
געלעגן רויט פאַר אים אין גרינעם גראָז.
און אין זיין אויער האָבן אָפּגעהילכט אַ ווייל
די קלאַנגען פון אַ ווייטן דומפּן דונער.

... און ווען ער איז געלעגן אין דער טרונע
אַ ריינער, אַ געלייטערטער אין בעסטן קלייד,
די בלאָנדע האָר געלאָקט אין גרויסע רינגען,
דאָס פּנים ווייך און בלאַס ווי שלאָפנדיג
האָט מאַרגאַרעט זיך אַליין צו אים געבויגן —
אַ יונגע און אַ בלאַסע און אַ בויגזאַמע —
געגלעט די גלאַנצנדיגע ווייכע האָר,
דעם בלאַסן שטערן, און געשעפּטשעט שטיל,
פאַר שעה׳ן לאַנג געשעפּטשעט אין זיין אויער:
„מיין העלד, מיין קינד, מיין אָרעם קינד, מיין מלאך,
שלאָף רואיג שלאָף אין יונגן קבר דיינעם,
דער יונגער דזשאָן וועט אויסוואַקסן ווי דו.

און וועט פאַר דיין פּאַרגאַסן בלוט ניט שווייגן,
מיין העלד, מיין קינד, מיין זיסער מאַן, מיין מלאך.״
און דזשאַן דער אינגערער האָט זיך געטוליעט
געקוקט דערשראָקן אויפן בלאַסן טאַטן,
וואָס איז געלעגן שטיל און ווי געשמייכלט.

און ס׳האָט אַ הייסע זון אַריינגעקוקט אין צימער,
און פייגל האָבן אינ׳ם סאָד געזונגען,
עס האָט געשמעקט מיט פרישע רייפע בלומען,
מיט פרישן טאָג און פעלד און וויירוך־ריח.

.1920

# רזשאָו

I

# אַ גרינער קומט

אַ גרינער אַז ער ווערט אַהער מגולגל
און קומט דאָ צו אַ פֿעטער אָדער ברודער —
איז לאָזט מען אים צוערשט זיך אויסרוען.
דאָס קעסל זודיק וואַסער זינגט און שפּריצט,
עס שמעקט מיט הייסער זאַפֿרען־חלה אין דער קיך,
און היימישן געווירצטן געלן לעקאַך.
דער שוחט האָט גאַנץ פֿרי גע׳שחט׳ן עופֿות,
און ס׳פּרעגלען זיך די לעבערלאַך און גריוון.
די באַלעבאָסטע ברענגט צום טיש פֿון אַלדאָס גוטס:
די אייגענע געשטעלטע מעד און ווײַנען,
און כּל־המינים אײַנגעמאַכטס פֿון קעלער.
דעם קליינוואַרג קען מען שוין פֿון שטוב ניט אָפּיאָגן,
מען שטעקט די פֿינגער אין דעם אײַנגעמאַכטס,
מען קנײַפּט אין לעקאַך און מען טונקט אין בראָנפֿן.
מען לויפֿט אויף שליחות׳ן — און טוט צוריק,
און אויגלאַך גלאַצן גיריק ווי ביי וועלפֿלאַך.
און נאָך דער שווערער פֿעטער סעודה, רויכערט מען
די פֿיינע דיקע שמעקעדיקע ציגאַרן.
עס קרעכצן שווער די ווינגשטולן אין צימער,
די לופֿט איז היים און שלעפֿערט, און דער רויך
קרײַזט אום און וויקלט זיך אַרום די פּנים׳ער
פֿון זיידעס און פֿון באָבעס אויף די ווענט.

זיך אויסגעשלאָפֿן, אָפּגענומען גרוסן,
פֿון אייגענע, פֿון פֿרעמדע, פֿון דער גאָרער וועלט —

פירט אום דער באַלעבאָס דעם אורח,
באַווייזט אים ווי מענטשן לעבן אויף דער וועלט.
צוערשט באַווייזט ער אים זיין אייגן נחלה,
זיין הויז און שטאַל און פיינע קו און הינער.
דערציילט אים בהרחבה, ווי אַזוי
ער האָט זיך אויף דער וועלט אַרויפגעאַרבעט.
דער אורח שלינגט אַראָפּ טשיקאַווע ווערטער:
ווי „מאַרגיידזש, נאָוט, און דזשאַנק און סעקאָנדהענד".
ער גאַפט, און מאַכט אַן אַנשטעל אַז ער ווייסט
און פינטלט מיט רחמנות'דיגע אויגן
און פירט פאַרנאַנדער הילפלאָז מיט די הענט,
וואָס שטעקן פון די נייע „סעקאָנדהענד" אַרוים.
דערנאָכדעם פירט מען אים אין ברייטער גאַס,
מען שטעלט זיך אָפּ ביי איטלאַך שויפענסטער,
און מען באַקוקט גענוי די פיינע זאַכן.
דערזעט דער פעטער אַ באַקאַנטן גוי
צוגייט ער אין אַ ליבן, זיסן שמייכל,
און וויטעוועט אין ענגליש זיך מיט אים.
דער גרינער שטייט פאַרגאַפט און קוקט אין מויל
און שלינגט אַ דורשטיגער אַ יעדעם וואָרט.
באַגעגנט ער אַן אויטאָמאָביל אויפן וועג —
באַווייזט ער בקיאות אופן שטעל, רופט אַן
דעם נאָמען און דעם מקח פון דעם פליער
ווי ס'וואָלט דער גרינער זיך געקליבן קויפן:
ער פּאַטשט דעם גרינעם גרויסמוטיג אין פּלייצע:
נישקשה, וועסט זיך אויסגרינען, וועסט קענען.

און אויפן דריטן טאָג פון אורח'ס קומען,
נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעלערנט זיך
ביז גאַנצע הונדערט ציילן אויף די פינגער —
פאַרמאַכט מען זיך מיט אים אין שטילן צימער,
מען זאָגט אַזוי צו'ן אים: סעי דזשעק צי דזשאָו,
ס'איז צייט אַ קלער צו געבן פון אַ תכלית.

און דזשעק, צי דזשאָן, שפּיצט אָן די אויערן,
און נעמט אַריין אין זיך אַ שלל מיט צרות
וואָס פעטער, אָדער ברודער, איז זיך אויסגעשטאַנען.
אַ מעשה ווי מען האָט געשווילט פאַר הונגער,
און ווי מען איז געגאַנגען מיטן פּאַק,
און ווי מען האָט געאַקערט מיט דער נאָז די ערד.
און דזשעק, צי דזשאָן, זיצט אַ פאַרשוּלדיגטער:
איז האַנט הייגגט ווי פאַר'יתומ'ט דער ציגאַר,
די ליפּן קאַרטשען זיך אין אַ פאַרלוירן שמייכל.

אויף מאָרגן פירט מען אים אין אַ געוועלב:
מען מאַכט אַ גרויסן פּאַק און לאַנגן צעטל,
פון ליילאַכער און טישטיכער און האַנטיכער,
פון ווייבערקליידלאַך, האַרנאַדלען און קעמלאַך,
קאָלירטע פּאַטשערקעס און גראָבע ברילן.
מען לערנט אים דעם גרינגעם די מקחים,
ווי אויפּצופּאַקן פלינק און ווי פאַרפּאַקן.
מען ווינטשט אים צו מיט מזל און מיט מיט גליק
און מיטן רעכטן פוס. מען זאָגט אַזוי:
נישקשה, עס וועט זיין אַל־רייט. ווי דען?
דערזעסט אַ טיר — קלאַפּ אָן. מ'עט עפענען —
דו זיי נאָר ניט קיין גרינער — און פאַרקויף.
נו, נו, וועסט זיך שוין אויסלערנען די תורה.
אַ מענטש איז ניט קיין בער — נו גיי געזונט.
אַזוי אַ לאָזט זיך דזשעק, צי דזשאָן, אַוועק,
זיין שווערע נייע ביזנעס אויפן קאַרק,
אַריבער וועג און שטעג פון גרויס־קענטאַקי.

II

# געשעפט

די אַלטע וועגן לויפן ברייט און ווייט,
און ווייט איז פון איין פאַרם ביז דער צווייטער —
גייט יאָסל אַדער דזשאָו געדרייט אין דרייען.
דער פּאַק איז שווער, איז דוכט אים, ווי אַ באַרג,
אַז אומגעהויער און׳רחמנות׳דיגער באַרג
איז אויף זיין רוקן אויסגעוואַקסן, און ער דריקט.
אין זומער ברענט די היץ און בראָט אים לעבעדיג,
און ברענט אין אים מיט אַנגעגליטע שפּיזלען.
אין ווינטער שטעכט דער פראָסט און שניידט דער ווינט,
עס שמייסט דער קאַלטער שניי און בלענדט די אויגן.
דערזען אַ טיר — איז קלאַפּט ער אָן, מען עפנט.
נאָר גיי טו מסחר — אַז קיין לשון איז ניטאָ, —
דערפאַר רעדט שטום־לשון דער גרויסער צער,
דער עלנט פון די אַנגעטרערטע אויגן,
דער שווערער קנייטש אַרום די בלאַסע ליפּן,
דער יאָמער פון די רויטע אַנגעשוואָלענע הענט.
איז פאַלט ער אין דער פאַרם מיטאָגצייט אַריין
ווען ס׳זיצט דאָס הויזגעזינט אַרום דעם טיש
פאַרטאָן אין הזיר־פלייש און ברוינע בולבעס —
פאַרבעט מען יאָסלען עסן צונ׳ם טיש.
נור יאָסל דרייט זיך ווי עס איז אַרוים:
ער וויל נאָר אָפּרוען פון שווערן וועג,
און אויסגלייכן די איינגעקרעמפּטע גלידער.
עס קלייבט זיך אַרום אים אַ טשאַטע קליינוואַרג
מיט קעפּלאַך פלאַקס און וואַסערדיגע אויגלאַך:
מען טאַפּט און מען באַשמעקט דעם קאַלטן פּאַק,
וואָס האָט פון ווייטער וועלט אַהער פאַרבלאָנדזשעט.
און שפּעטער, ווען דער טיש ווערט אָפּגעראַמט,
דער פאַרמער שאָקלט זיך און ווינשטול מיט דער פייף,

דערמאַנט מען זיך, אַז דזשים ברויך שטייוועלאַד,
די קליינע מאָוד דאַרף זעקעלאַד און הענטשקעס.
דער פּאַק באַווייזט זיך פּלוצים אויפן טיש,
מען גישטערט און מען טאַפּט, מען מעסט זיך אָן,
די קינדער טראָגן שוין די נייע חפצים
און ווערן מיט דעם יאָסל היימישער;
זיי טאַרען ביי די פּאָלעס פון זיין בגד,
און קוועלן אַן פון זיין טשיקאַוון לשון.

דערנאָד, אַז דאָס געשעפט איז אָפּגעטאָן,
דער אָטעם אָפּגעכאַפּט, דער גוף דערוואַרעמט —
דערמאָנט זיך יאָסל, ער איז הונגעריג.
ער שלעפּט פון פּאַק אַרויס אַ לעבל ברויט,
צושנייט אַ ציבעלע מיט זאַלץ, און עסט.
דער גוי קוועטשט מיט די פּלייצעס, טראַכט אַזוי:
אַ מאָדנע בריאה ס׳איז, די הייסע ביסקוויטס
אין פיינסטן לאַרד געבאַקן שמעקט אים ניט —
קיין חזיר און קיין בולבעס וויל ער ניט —
און אַט אַ זיצט עס און עס שלינגט פאַרפּראַרן ברויט,
פאַרדאַרט, פאַרטריקנט ברויט מיט ציבעלעס און זאַלץ.
איז זיצט ער און ער חידוש׳ט זיך, און קוקט אים אָן
אַדורך די נייע גאָר וואָס איינגעקויפטע ברילן
ביז ס׳ווערט אים עפּעס אויפגעקלערט אין מח,
איז מאַכט ער צו׳ן אים: וואָס, אַ קעטאָליק, דזשו?
און יאָסל שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

דערנאָד, אַז יאָסל גייט שוין ווידער מיטן פּאַק
אין עפּעס היימלאָכער. דער וועג איז ווייס געדעקט,
דער הימל אויפגעלייגט, דאָס ווינטל גלעט.
איז גייט ער מיטן ווייסן אַלטן טראַקט
און זאָגט אויף אויסוויניג קאַפּיטלאַך תהלים,
מיט יענעם אַלטן ראש־השנה׳דיגן נגון,
וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון אַלטער היים.

מאַנאַטן לויפֿן זיך אַזוי כּסדר —
און מיט זיי וואַקסט דאָס גייענדיק געשעפֿט.
ווייל, ערשטנס, כאַפּט שוין דזשאָו דעם לשון לייכטער,
און צווייטנס, איז שוין „דזשוּאיש דזשאָו״ באַקאַנט.
די הינט אַפֿילו זיינען צו׳ן אים היימיש
און דרייען צו׳ן אים פֿריינטלאַך מיט די עקן:
און אַז דאָס קליינוואַרג פֿון אַ ווייטער פֿאַרם
דערזעט אים אָנקומען פֿון ווייטן וועג —
דערפֿרייט מען זיך מיט אים ווי מיט אַ טאַטן.
און דריטנס שלעפּט ער שוין ניט מער דעם פּאַק:
דער פּאַק ליגט ברייטלאַך אויסגעלייגט אין וואָגן.
און דזשאָו טרייבט אַז דעם פֿערד און האָט הנאה.
זיין טעריטאָריע וואַקסט, מיט איר זיין מסחר:
ער קויפֿט און פֿאַרקויפֿט אַלץ וואָס מאַכט זיך אויף דער האַנט.
אַ קאַלב, אַ פֿעקל וואָל, אַ בינטל פֿלאַקס,
אַ טעפּל האָניק, און אַ פֿעל, און פֿוטערוואַרג.
און פֿרייטאָג אַז ער פֿאַלט אַריין אין שטאָט,
איז פֿול דאָס קליינע וועגל ווי אַן אָרון.
דאָס פֿערדל שמעקט די לופֿט פֿון פּעטער׳ס שטאָל,
די קינדער קלעפּן זיך צו׳ן אים ווי בינען,
די מומע גרייט צום טיש די פֿרישע פֿיש,
דער פּעטער איז גוט אויפֿגעלייגט און שמייכלט.
און חזר׳ט איבער וואָס דאָס אייגענע:
אהאַ! כ׳האָב באַלד געזאָגט ס׳וועט זיין אַל־רייט.

III

## די צרה

אַז דזשאָו האָט איינמאָל, אין אַ הייסן זומערטאָג
דערשלעפּט זיך צו אַ ווייטער פֿאַרם אין די בערג —
איז היים געווען און שטיל ווי אויסגעשטאָרבן.
די וואָלף־הונט האָט אויפֿן קאָפּ געשלאָגן.

געשאָסן פונקען אויפן רויטן דאַך,
און האָט דעם האַרטן שוואַרצן גרונט געבאַקן.
די בלומען אַרום הויז האָבן געשמאַכט,
געבויגן אומעטיג די קעפּ, פאַר׳חלש׳ט.
די הינער האָבן זיך פאַרשטעקט אין שאָטן,
חזירים האָבן זיך געגראָבן אַרום ברונים,
און ניגער, דער קודלאַטער שוואַרצער הונט,
האָט הפקר שוין געמאַכט זיין גוף פאַר פליגן,
אַ אויסגעצויגענער, די לאַנגע צונג אַרויסגעשטעקט.
די קליינע פענסטער פון דער פאַרם־הויז
געשטאַנען זיינען אָפן, ברייט צושפּאַנט.
און איידער דזשאָו האָט צייט געהאַט צו אַנטרינקען
זיין מידן פערד, איז פּלוצים אויסגעוואַקסן
דאָס מיידל סוזי פאַר אים ווי אַ שאָטן:
אַ רויטע, אַ צעשוואָומענע, אַ שווערע,
דאָס פּנים טעמפּ און שווער און אומבאַוועגלאַך,
נור אין די וואַסערדיגע אויגן האָט געוויירט
די שרעק פון הונט וואָס ציטערט פאַר דער בייטש.
און איידער וואָס — איז זי געפאַלן אויף דער ערד,
אַרומגעכאַפּט אים שטייף אַרום די קני,
געקושט אים זיינע גראָבע רויטע הענט,
געקלאַפּט זיך מיטן קאָפּ אָן האַרטן גרונט,
און אָן די שטויביגע און שווערע שיך,
און האָט אַן אָפּשטעל, האַסטיג, שרעקעדיג,
גערעט, געוויינט, גערעט, גע׳צלם׳ט זיך
און האָט גערופן דזשיזוסן צו הילף.
דער יונג האָט באַלד דערזען זיין גרויסן בראָך:
די קני האָבן געציטערט ווי אין פיבער,
און שווערע קיילאַכדיגע טראָפּנס שווייס
געשוואָומען זיינען אויף דעם בלאַס געוואָרענעם פּנים.
ער האָט געשטאַמלט מיט אַ שווערער צונג,
פּרובירט צו אויפהויבן די מויד פון דר׳ערד,
נור זי האָט איינגעשפּאַרט געקלאַמערט זיך צום גרונט.

אַזוי ווי זי וואָלט גאָרן, אַז די ערד
זאָל עפענען אַ מויל און זאָל זי איינשלינגען.

אַז ס'האָט דעם רויטן עפּל אָנגעהויבן ציען
פון הויכן בוים אַראָפּ צום גרינעם גראָז,
אַז גרינע טאַבאַק־בלעטער האָבן אָנגעהויבן
צו ווערן געלב, און שפּאַלטן זיך און ברעקלען —
האָט סוזי ניט געקאָנט זיך מער באַהאַלטן.
די מאַמע האָט געקניפּן און געשלאָגן,
דער טאַטע האָט געטאַפּיעט און געשלאָגן,
די ברידער מיט די בייטשן האָבן געשלאָגן.
עס איז געשטאַנען אין דער לופט אַ גרויס געוואַלט:
דער הונט איז ווי אַ לייב אַריינגעשפּרונגען,
געריסן ביז צו משוגעת זיין האַלז,
געוואָרפן זיך צורייצט אַנקעגן בייטשן,
געריסן און געשלעפּט זיי פאַר די בגדים.
די מויד האָט ווי אַ חיה ווילד געדעוועט,
זיך ניט געוועדט, געלעגן אַ צוטראַטענע.
און אַז מען איז פון איר צום סוף דערגאַנגען
דעם נאָמען פון'ם צוקינפטיגן טאַטן —
האָט זיך דער אַלטער פאַרמער אויסגעשפּיגן,
אַוועקגעכאַפּט די הענט ווי אָפּגעבריט,
די מאַמע איז געבליבן שטיין געפּלעפט,
די ברידער מיט די אָפּגערוטע בייטשן האָבן
גענומען זיך צו איר מיט נאָך מער פרישקייט.

אַז ס'האָט זיך איינגעשטילט דער ערשטער טומל —
האָט די משפחה זיך אַרומגעזעצט ביים טיש
צו אונטערלענען זייער האַרץ. די אַלטע
האָט אומגעפּאַדעט אַרום קיך, און באַלד דאַרויף
האָט אָנגעהויבן שמעקן אין דעם הויז
דער ריח פון די ביסקוויטס איינגעפּרעגלט
אין פיינעם לאַרד, און ס'האָט געבלאָזט זיך.

געגאַרגלט און געזאָדן היים דאָס קאַווע.
דער עולם איז געוואָרן שטיל, זיך אָפּגע'צלם'ט,
פאַרווישט דעם שווייס פון פּנים מיט די אַרבל,
און זיך גענומען בהרחבה'דיג צום עסן.
ס'האָט בלויז דערטראָגן זיך פון ווייטן ווינקל
דאָס אומרואיגע קרעכצן פון דער מויד
און בורטשען פון'ם הונט וואָס האָט געטוליעט זיך
און זיך געגלעט צו איר. דער הונט האָט זיך געקרימט,
אויף זיי מיט בלישטשענדיגע פייכטע אויגן,
געדרייט דעם לאַנגן שוואַרצהאָריגן עק,
באַלעקט זיך מיט דער רויטלאַד־ווייסער צונג,
און בלויז געוואַרט מען זאָל אים איינלאַדן
אַהין צום טיש.
דערווייל האָט אָנגעהויבן
זיך לאָזן שפּירן אין'ם הויז דער ריח
פון שטאַרקע רויכערדיגע פּייפּס; דער שמועס
האָט אָנגעהויבן פלעכטן זיך פון ס'ניי,
נאָר דאָס מאָל שטילער, איינגעהאַלטענער.
דער איינגסטער פון די בנים, גאָר אַ יונג אַ פלאַם
האָט ווידער אימפּעטיג געכאַפּט זיין בייטש
גאָר פאַרטיג זיך צו נעמען צו דער אַרבעט.
נאָר דאָס מאָל האָט דער אַלטער ניט דערלאָזט,
אים אָנגענומען פאַר די הענט מיט וואָס נור כחות,
און אים צוריק געשליידערט אין זיין שטול.
ס'איז ניט קיין קונץ, זאָגט ער, אוועק'הרג'ען די מויד;
פאַרפאַלן איז פאַרפאַלן. נאָר וואָס דען —
ער וואָלט אויף אַ מפּלה גיכער זיך געריכט
ווי אַז די מויד זאָל אָפּטאָן אַזאַ קונץ.
און נאָך מיט וועמען, אַזאַ טאָכטער פון אַ הונט,
זי האָט געפונען זיך צונויף צושמעקן?
ס'וועט זיין, זאָגט ער, שוין גאָר אַ פיינע פּאָר:
אַ גולם מיט אַ טייוול. נאָר פאַרפאַלן,
אַזוי ווי זי האָט זיך שוין אויסגעבעט.

אזוי וועט זי שווין שלאפֿן. וואָלט, דער אינגסטער זון
האָט זיך געוואָרפֿן און געשליידערט פֿאַר רציחה.
ער האָט געהאַלטן אין איין טענה'ן, אַז ער וועט
דעם שמוציגן שיני ווי אַ הונט דערשיסן.
אים, וואָלט'ן, האָט ניט אַנגעשמעקט דער שדוך,
ווייל ער אַליין האָט פּונקט געהאַלטן ביי אַ שדוך,
און האָט געציטערט, אַז דער נייער יחוס
זאָל אים ניט שעדיגן. האָט מען באַדאַרפֿט
אריינ'טענה'ן און געבן צו פֿאַרשטיין דעם יונג,
אַז ס'איז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג פֿון דער צרה,
ארייננעפֿאַלן — און גענוג. מען דאַרף
דעם אידן אָפּוואַרטן ווען ער וועט קומען
און פּטר'ן דעם עסק — און אַ סוף.
און צווישן זיך גערעדט, איז גאָר ניט אַזוי שלעכט,
די מויד האָט סיי ווי בעסער ניט פֿאַרדינט.
אַ גלאָמפּ אַ מויד, אַ שטיק פֿלייש און צוויי אויגן.
דער איד ווייזט אוים צו זיין אַ שטילער מענש,
און איז ווי אַלע אידן, אָנגעשטאָפּט מיט געלט.
און סתם, גיי העלף זיך, אַז ס'איז אָפּגעטאָן,
פֿאַרפּלעקלט און פֿאַרקלאַפּט.
נאָר דזשאָו, ווי אויף להכעיס,
האָט אויפֿגעהערט אהיין זיך צו באַווייזן,
איז אויסגערונען, און ניטאָ אים — און דאָס גאָר.
אומזיסט האָט די משפחה אָפּגעהיט,
אומזיסט געלויערט אים אויף אַלע וועגן,
אומזיסט האָט סוזי אויסגעקוקט די אויגן —
קיין סימן ניט פֿון אידל און זיין פֿערדל.
האָט זיך דערעסן זיי די לאַנגע וואַרטעניש,
און איינמאָל, אין אַ פֿיינעם זונטאָגדיגן טאָג,
האָט די משפּחה מאַנסלייט צוגעקליבן זיך
און זיך אוועקגעלאָזט אין שטאָט אריין.

IV

# מחותנים

עס איז געווען אַ זוניגער נאָכמיטאָג,
אַ טאָג פון רו, ווען ס'ווערט די דרום־שטאָט
ווי איינגעשלעפערט נאָך דעם פעטן מיטאָג.
די וועלט לעבט איבער דעם אינדיאַנער זומער
מיט זיינע פלאַמעדיגע רויטע בלעטער,
און פלאַטערדיגע ווייסע שפּינוועבס־קייטן.
די קליינע גערטנער אַרום הייזער שטייען געל.
די פּאַמידאָרן גליען אָנגעגאָסן רויט
און בויגן זייערע קעפּלעך צו דער ערד.
אַ וואַרעם ווינטל וועהט און שאָקלט אום
די גרויסע ראָז־געוואָרענע שניי־קוגלען:
און איבער אַלץ און אַלעם ליגט צוגאָסן
דער חן און רואיקייט פון שטילן זומער,
פון בלויקייט און פון זון.
אין פּעטערס הויז
האָט זיך געשפּירט די שבת־זונטאָגדיגע רו:
די גרינע שטאָרן נידעריג אַראָפּגעצויגן
איז האַלב געווען דונקל און האַלב ליכטיג.
האָט ס'ווינטל זיך צושטיפט, און אָפּגעשאַרט
אַ שטאָר פון פענסטער, האָט אַ גאָלדן פּאַס
אַ פּאַס פון זון באַגולט די וואַנט אַנטקעגן
אויף וועמעס רויטע בלומען פון דעם וואַנטפּאַפּיר
עס זיינען אין די גרויסע געלע ראַמען
געהאַנגען באָבעס אין די טשיפּיקעס און שייטלען,
און זיידעס מיט די יאַרמעלקעס און בערד.
עס האָבן בראָון הירש און דזשייקאָב שיף
גאַנץ היימיש זיך געפּילט אין דער געזעלשאַפט,
דער איינציגער וואָס האָט זיך אַלץ געקרימט,

געוועזן איז קערענסקי אין זיין פוטער־מיץ:
ווייל ער, קערענסקי, איז געוועזן אנגעקלעפּט
פּונקט אונטער דעם אַראָפּהיינגענדיגן זייגער,
און איטלאָך מאָל וועז ס'איז דער שווערער אומרו
פאַרביי זיין פּנים דורכגעשוועבט, האָט ער
זיך שטאַנדיג געקרימט. א חוץ די אַלע,
האָט נאָך א גרויסע מחנה „מאָווי־שטערן"
אויף קליינע קאַרטעלאַך די וואַנט באַפּאַלן
ווי א געדיכטער, פּילקאַלירטער היישעריק,
ווי אומגעקראַכן אויף דער וואַנט. ס'איז שטיל געווען.
דער פעטער איז געזעסן אינ'ם ווינקל,
גאַנץ ברייטלאָך אויסגעשפּרייט אין העמד און הויזן,
בנעימות'דיג, מיט ברילן אויפן שטערן,
און אין דער לייכטער יאַרמולקע, אריינגעקוקט
אין די „גאַזעטן", צוגעברומט דערביי
א נגון פון דעם ראש־השנה'דיגן דאַווענען,
און זיך געקילט מיט שטאַרקן הייסן טיי.
און רזשאַו, אין שווערן אומרואיגן שלאָף,
האָט זיך געוואָרפן אויף אן אַלט טאָפּטשאַן
וואָס האָט זיך צוגעשפּאַרט אין ווינקל צימער.
זיין פּנים איז געוועזן שפּיציג און צופלאַמט,
און האָט נערוועז און אומרואיג געצוקט, —
רחמנות'דיג און שטיל.
און אויף דער שטילקייט
האָט פּלוצים אַנגערוקט זיך פון דער גאַס
דער האַרטער טראַמפּל פון די שווערע שטיוול,
און דאָס געבייזער פון עקשנות'דיגע שטימען.
עס האָבן זיך דורך דער צושפּאַנטער טיר באַוויזן
פיר גויים ווי די ריזן, אָפּגעברענט,
מיט רויטע פּנים'ער און רויטע העלזער,
דער אַלטער פּאַראָוים מיט דער גרויער באָרד,
און הינטער אים די קאָכעדיגע הייסע זין,
און אַלע מיט די בלאַנקע ביקסן אין די הענט.

דער פּעטער האָט פאַר׳חדוש׳ט זיי באַטראַכט,
דערנאָך צושמייכלט זיך, ווי איינער זאָגט:
„די פּריצים קומען צו פאַר׳ישב׳ן זייערע ביקסלאַך".
פאַרקוקט זיך אָבער און אין די גרויע אויגלאַך,
וואָס האָבן גיפטיק־שטעכעדיק געמערדערט:
באַמערקט ווי דזשאַו איז האַסטיק אויפגעשפּרונגען,
נישט טויט נישט לעבעדיק געבליבן זיצן —
האָט ער באַנומען, אַז דאָ איז ניט גלאַט.
האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול,
אַ צוויי־דריי טריט געגאַנגען זיי אַנטקעגן, —
זיך אָפּגעשטעלט מיט פרעגנדיקע פינגער,
און כלומרשט שמייכלענדיק געפרעגט די געסט:
וואו גייט מען עס אין מיטן זומער אויף געיעג?
און דאָ איז וואַלט, רציחה׳דיג אַרום:
מיר גייען טאָקי אויף געיעג, געטראָפן;
מיר יאָגן נאָך אַ צווייפיסיגן האָז.
און אויב ער מאַכט קיין טעות ניט, וועט מען
דעם האָז געפינען טאַקע דאָ אין הויז.
דאָ האָט דער אַלטער פאַרמער זיך געפונען:
אַ וואונק געגעבן וואַלט׳ן, ער זאָל שווייגן,
מיושב׳דיג זיך צוגעזעצט צום טיש,
דעם ברייטן שטרוי־הוט אויסגעטאָן פאַר זיך,
געלאָסן אָנגעשטאָפּט די פייף מיט טאַבאַק,
פאַררויכערט, און גענומען לאָזן וואָלקנס.
ערשט דאַן אַ זאָג געטאָן צום בלאָסן פּעטער:
איצט, שכן, זעץ דיך צו, מיר וועלן שמועסן.
דערווייל אַ וואָרף געטאָן אַן אויג אויף דזשאַו׳ען,
אים ביטערע צוגעוואונקען, ווי נאָר וואָס דערזען:
היי, דזשאַו, זאָגט ער, אַ צייט אים ניט געזען,
מסתמא רייך געוואָרן אַז אים שטייט ניט אָן
צו קומען אין די זייעריגע מקומות.
זיין אַלטע קוקט פאַר אים גאָר אויס די אויגן,
און סוזי חלש׳ט אים צו זען אַמאָל.

ער וואלט גאר סוזי'ן ניט דערקאנט אצינד,
איז פעט און קיילעכדיג געווארן ווי א פאס.
א שאד וואס ער באווייזט זיך ניט, דער דזשאו.
ער קען גיין אין געוועט, אז ער וועט זיין
אן אנגעלייגטער גאסט ביי זיי אין הויז.
א גרויסער גאסט.
דערווייל איז פון דער אויבערשטוב,
די מומע, אויפגעוועקט פון שלאף, אראפגעקומען.
א ברייטע, א צורויטלטע, מיט פרישע אויגן.
א קוק אהער, א קוק אהין, א ווארט —
און איר, דער מומען, דארף מען לאנג נישט בריידן.
צוערשט איז זי געבליבן ווי א שטיק מיט זאלץ,
האט אזש דעם אטעם ניט געקענט דערכאפן.
דערנאך, ווען זי האט שוין דערכאפט דעם לשון
איז זי ארויס אויפן הויכן קול:
א בראך איז איר געשען, א תוכחה פון גאט.
א פייער האט זיך אין איהר הויז אריינגעכאפט:
דאס הארץ האט איר אבער געזאגט, אז עפעס
איז מיטן יונג ניט גלאט; דאס גייט ארום
די לעצטע פאר מאנאטן ווי א נעכטיגער,
און זי האט נאך געווארמט אזא שלאנג,
וואס וועט אצינד די אויגן זיי פארשווארצן.
דערלעבט זיך נחת. נא, אזוי, אזוי,
דאס זיינען, הייסט עס, גאר די מחותנים.
דער יונג זאל גאר איר אנזאגן אפריער,
הונט-טייוול, אז ער ריכט זיך אויף אזעלכע געסט:
זי וואלט אביסן כבוד צוגעגרייט.
וואלט צוגעראמט די שטוב, די קאך געוואשן —
אוין קלייניקייט, אזעלכע מחותנים.
א שאד, דער שוואגער חיים-בער האט ניט געהאט
די זכיה אנצוקוקן אזא נחת —
מען וועט אים דארפן אנקלאפן אין קבר.
און יאסל איז געזעסן ווי צופלעמט.

דער פּעטער איז געווען בלאַס ווי קאַלך,
געקייט רחמנות׳דיג דאָס שפּיציג בערדל ;
און אין די ברידער האָט געקאָכט דאָס בלוט
און בלוט־קאָליר האָט דורכגעשפּאַרט אין זייער אויג.
דער איינציגער וואָס איז פאַרבליבן רואיג,
געפילט זיך גאַנץ געמיטלאַך אין דעם טומל —
געווען איז דער אַלטער מיט זיין פּייפ :
ער האָט געוואונקען ממזריש מיט כיטרע אויגן,
און האָט געבלאָזן וואָלקנס רויך צום באַלקן.
ער האָט געלאָזט דער אידענע זיך דורכשרייען,
געהאַלטן און איין צושאָקלען דעם קאָפּ.
הכלל, פרעגט אים די מומע, וואָס פאַרלאַנגט ער ?
ער וויל, זאָגט ער, קיין זאַך ניט : נור זיין טאָכטער,
זיין טאָכטער סוזי דאַרפן וויל איר מאַן.
זי האָט, זאָגט ער, אויף אים אַזאַ חזקה,
און אויסער דער חזקה, האָט זי נאָך
דריי גוטע ברידערלאַך, זי מעג זיי אָנקוקן.
ווען ער זאָל האָבן דאָס געוואוסט אַפריהער,
אַז ס׳וועט דער טוכלער פיש זיך לאָזן בעטן —
וואָלט ער זיך אין דעם עסק ניט געמישט,
ער וואָלט עס בלויז געלאָזט צו זיינע זין.
נו שכן, זאָגט ער צו דעם בלאַסן פּעטער,
זאָל זיין מיט מזל, לאָמיר שאָקלען הענט.
דיין אידענע געפעלט מיר, האָט אַ מויל.
און דזשאָו וועט גיין מיט אונז, דער מויד איז אומעטיג,
ער האָט קיין צייט צו שפּילן דעם מחותן,
ער לאָזט עס איבער אויף אַן אַנדער מאָל,
דער טאַבאַק אויף די פעלדער וואַרט אויף אים ;
און מאָרגן פרי וועט מען אַריבערגיין
אין קאָורט אַריין — און פאַרטיג מיט אַן עסק.

אַביסל שפּעטער, ווען די מחותנים
זיינען מיט דעם דזשאָו אַוועק פון הויז —

האט אַז אבלות זיך צושפּרייט אין יעדן ווינקל.
דער פעטער האט געווישט די אַנגעטרערטע ברילן,
די מומע האט געשלוכצעט אויפן קול.
אין הויז האט נאָך געשמעקט דער שטאַרקער טאַבאַק —
אַ זכר פון נאָר וואָס געוועזענעם מחותן.
עס האבן בּראַזן הירש און דזשייקאַב שיף
גאַנץ גלייכגילטיג אַראָפּגעקוקט פון וואַנט,
און בלויז קערענסקי האט געבייזערט זיך:
די וועלט איז ניט קיין הפקר־וועלט, מיין יונג.

V

## איד און גוי

עס האבן אָנגעהויבן בלאָזן אין די בערג
די שטרייַנגע שניידנדיגע צפון־ווינטן.
די לעצטע דאַרע בלעטער פון די בוימער
זיי זייַנען זיך צופלויגן אין די טאָלן —
און איין פרימאָרגן אויפשטייענדיג פון שלאָף
האט דזשאָו דערזען פאַר זיך אַ ווייסע וועלט,
אַ ווייסע וועלט, מיט ווייסע בערג און בוימער,
מיט ווייסע שטאַלן און אַ ווייסע ברונים.
און אין דער לופט האט אַלץ געווירבלט און געמישט,
געפּאַלן און צופלויגן זיך דער שניי.
דערנאָך האט זיך געשטעלט אַ לאַנגער ווינטער,
און טאָג מיט נאַכט האט זיך געביטן און געמישט
ווי אין אַ לאַנגן גלייכגילטיגן חלום,
וואו זון און שטערן און לבנה גלייך
באַלויכטן בלאָס אַ מוטנעם גרויען הימל.

דאָס לעבן האט געשלעפּט זיך איינטאָניג און גרוי
ווי ס'וואָלט די גרויקייט זיך אין ביין פאַרפרעסט
און אפּגעטויט זיין לעצטן רויטן טראָפּן בלוט.

די מענער פלעגן אויפשטיין מיטן קריי פון האָן,
און ביז פאַרנאַכט פאַרשווינדן אין די בערג.
„דאָס גייט ער, עשו, אויף געיעג" — פלעגט טראַכטן דזשאָו,
ער פלעגט פאַרקלייבן זיך אין טיפסטן ווינקל,
און אָפּזיצן אַ טאָג אַ שטילער, אַ פאַרטיפטער.
די ווייבער האָבן שטיל, אומאויפהערלאַך געאַרבעט
ווי אָקסן אינ'ם יאָך: די שטאַל געריייניגט,
געהאַקט דעם שווערן אייז אַרום דער ברונים,
געטראָגן וואַסער פאַר די בהמות און חזירים,
די קי געמאָלקן און דאָס ברויט געבאַקן,
און שפּעט אין נאַכט געשפּונען אויפן שפּינדל.
נאָר אים האָבן די הענט זיך ניט געהויבן,
ווי ס'וואָלט זיין יעדעס גליד געווען פון בליי. —
עס איז געווען, ווי ער וואָלט אומגעטראָגן
אַ פרעמדן שווערן קאָפּ אויף זיינע אַקסלען.
דער אַלטער פלעגט בלויז שאָקלען מיטן קאָפּ:
אַ מין פגירה ער האָט עס געפּאַקט,
אַ פיינעם אַרבעטער זיך איינגעהאַנדלט.
צווערשט האָט ער געפּרופט אים מונטערן,
געוואָלט אים מיטנעמען אין וואַלד אַריין —
האָט אָבער באַלד אַוועקגעמאַכט זיין האַנט.
די עלטערע צוויי בנים מאַכן חוזק
און מישן איבער ווי ער גייט און שטייט;
נאָר וואַלט, דער איגנסטער זון, פאַרהאַלט זיך שטיל,
האָט עס געברענט אין אים די שנאה צו דעם איד.
אַ שטילער, ווי אַ קאַץ, צונויפגעפּרעסט די ליפּן
נור אין די גרויע שאַרפע אויגן פלעגט אַמאָל
דער האַס זיך איבערגיסן אין אַ רויטן גלאַנץ.
די איינציגע וואָס האָט אים מיטגעפילט
געווען איז זיין גוי'עטע, זיין סוזי.
זי פלעגט אים צוטראָגן זיין ברויט מיט בולבעס,
דאָס ביסל מילך, (דאָס חזירפלייש האָט אים געעקלט)
פלעגט שטילערהייט צו'ן אים זיך גלעטן

ווי ס'גלעט דער הונט זיך צו זיין באלעבאס.
און ווייטער איז געווען שטיל, און שטיל, און שטיל —
אז ס'האט געגרילצט אזש אין די אויערן.

נאר איינמאל האט געפלאצט די גרויסע שטילקייט,
ווי ס'פלאצט אז איינגעשמיטער טייך מיט אייז:
די שטילע שווערע גוי'עטע, זיין סוזי,
האט איינמאל, פלוצים, אויפגעהערט צו ארבעטן.
אין מיטן העלן טאג איז בעט אריין
און איז פארגאנגען אין אזא געשריי,
אז ס'האט דעם באלקן אויפן קאפ געריסן.
די אלטע האט געארבעט ארום טאכטער,
און דזשאו האט ווי אין חלום איר געהאלפן:
דעם אויוון אויפגעהאלטן מיט פריש האלץ,
געשלעפט די עמער וואסער פון דער ברוינים,
געהאלטן אין איין ווארעמען דאס אייזוואסער.
און ווען דער ערשטער קוויטש פון נייגעבוירן קינד
האט זיך אין שאטנדיגן הויז צוציטערט —
איז זיך זיין הארץ פארגאנגען אין א צאפל
און שטומע טרערן האבן זיך געקייקלט,
אויף זיינע בלייכע איינגעשרומפטע באקן.
א רויטס, א שרייעדיגס, צוקנייטש דאס פנים —
איז אים דער נייגעבוירן זון געווען
אי פיינטלאך־פרעמד און אי רחמנות'דיג און נאנט.

דערנאך איז אנגעקומען פרילינג אינ'ם לאנד:
צוערשט האט זיך דאס אייז און שניי געשמאלצן,
און שטראמען זיינען פון די בערג געפאלן.
די זון פלעגט אויפשטיין פריער יעדן טאג,
און ס'האט פארשמעקט די לופט מיט פרישע ערד,
מיט שווארצער פעטער ערד און גרינעם בוים.
עס זיינען אנגעפלויגן פויגל פון דער וועלט
און ברייטלאך זינגענדיג באזעצט זיך איבעראל

איז די געזימסן פונ׳ם הויז און שטאָל און שייער.
און מיט די שווינגערדיגע פולע קרעפטן
וואָס האָבן זיך געצויגן און געשטראַמט אין לופט —
האָט דזשאָו דערשפּירט בחוש, אַז אויב ער וויל
זיך האַלטן אויף דער ערד — דאַן מוז ער טאָן.
אויב ניט, וועט ער פאַרשימלען ווי דער אַקער
וואָס ווערט ניט מער גענוצט. די אַרבעט איז
צוערשט געגאַנגען שווער. עס איז געווען
אַ אומגעלומפּערט און אַ פרעמד. נור ביסלאַכווייז
האָט ער זיך צו דער אַרבעט צוגעוואוינט, —
און האָט זיך אַנגעכאַפּט אַן נייעם לעבן.
ער האָט געאַרבעט ווי פאַר׳שכור׳ט פון דער אַרבעט,
ביז זעלבסט־פאַרגעסנהייט, עקשנות׳דיג,
און ס׳האָט זיין האַרץ צום ערשטן מאָל אין לעבן
פאַרזוכט די זיכערע און שטילע רו.
דער אַלטער האָט צוערשט געקוקט פאַר׳חדוש׳ט,
ער האָט דעם וואונדער ניט געקאָנט באַנעמען.
די בנים האָבן אויפגעהערט צו טרייבן שפּאַס.
דער איינציגער וואָס האָט זיך ניט געביטן —
געווען איז וואַלט, ער האָט דעם יונג געהאַסט.
נור דזשאָו׳ען איז קיין זאַך ניט אַנגעגאַנגען —
ער האָט נאָך אַלץ זיך ניט געמישט אין זייערע עסקים,
ווי אַלץ וואַלט פרעמד געווען און וייט און אָפּגערוקט.
ער האָט אַ וואָרט ניט אויסגערעט אויך דאַן
ווען די משפּחה האָט גענומען אויסהאַקן
דעם אַלטן פרוכטגאָרטן אַרום דער הויז,
ווייל טאַבאַק פלאַנצן האָט באַצאָלט זיך בעסער.
דאָס בלוט האָט אים געקאָכט פאַר אויפרעגונג,
פון ווייטער קינדהייט איז אַרויסגעשוואומען
אַ נאָענט־פאַרפרעמטער פּסוק פונ׳ם חומש:
„קיין פרוכטבוים זאָלט איר ניט פאַרדאַרבן“. נאָר
ווי אַנמעכטיג אַרויסצוברענגען דעם געדאַנק
האָט ער געשוויגן. צו דעם קינד זיך צוגעוואוינט.

אין גראַבן פּנים מיט דער קורצער נאָז
און מיט די שיטערע און ווייסע הערלאַך
געפּונעט חן. אַפילו צו זיין גוי'עטע,
זיין גראָבער און דערשלאָגענער און פרעמדער סוזי,
האָט אויך אַ וויטער אַפּקלאַנג פון רחמנות
געטומען רירן זיך ביי אים אין הארצן.

און מאָדנע איז געווען, וואָס דורך דער צייט
האָט זיך ביי אים אין הארצן אפּגעווישט
אַ יעדע בייגקשאַפט צו דער גרויסער וועלט:
בלויז איינמאָל אָדער צוויי געווען אין שטאָט,
אריינגעקומען אין זיין פעטער'ס הויז,
געבראַכט זיי אַ מתנה פרישן קעז,
אַ קערבל אייער און אַ ביסל גרינסן —
און מאָדנע פרעמד און אומבאַקוועם געפילט זיך.
דער פעטער האָט געשוויגן אויף זיין שטייגער,
די מומע האָט פאַרשטאַנען זיין געפיל,
געפּרופט אים אַנציען, אים מאַכן ריידן,
אים אַנגעוואונקען, אַז די וועלט איז גרויס,
און אַז מיט געלט... —
נור דזשאָו האָט ניט געענטפערט.
און שטילערהייט מיט זיי זיך אָפּגעזעגנט.
אין גאַס, ביי די געוועלבלאַך האָבן אים
באַקאַנטע קרעמער אָפּגעשטעלט, גערעט,
פאַרבעטן פריינטלאַך אים אין קראָם אריין —
נאָר ער האָט אָפּגעענטפערט מיטן פרעמדן שמייכל.
ער האָט געוואוסט, אַז הינטער זיינע פּלייצעס
וועט פאַלן ניט איין לעבעדיגער וויץ
אויף אים און אויף זיין גוי'ע און משפּחה.
דאָס רופט מען אים אַביסל צוליב נייגיר,
אַביסל צוליב פדיון. אים האָט נישט געאַרט,
ווי ער וואָלט פון דעם אַלעם אויסגעוואַקסן.
דעז אומבאַוואוסטזיניג פאַר זיך אַליין

איז ער מיט יעדן טאָג געוואַקסן צו דער ערד
ווי ער וואָלט אין דער ערד געלאָזן וואָרצל.
אַנטלויפן? ניין, צו וואָס אַנטלויפן, און וואוהין?
אַז ס'איז אים ליב אַ יעדער שפּאַן פון ערד,
דער אַלטער שייער, און דער אַקער, און דאָס הויז.
זיך ווידער שלעפּן מיטן פּאַק אין וועג?
ערשט איצטער האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרשטיין
דעם זיכערן און תקיף'דיגן טאָן פון אַלטן
וואָס כאַפּט זיך אויף באַגינען אין די זומערטעג
און שפּריצנדיג מיט קאַלטן וואַסער אויפן פּנים
צווינגט ער זיך פון פולער שטאַרקער ברוסט
פון ערשטן אָנקומען פון די פּילגרימען,
פון זייער קאַמף, און זייער פּיין, און זיג,
און פון דער גרויסער זיכערהייט און רו,
פון אַלט־קענטאַקי היים און אַלטער גלאָרי.

VI

## שטויב

ס'האָט ווידער זיך געשטעלט דער ווייסער ווינטער:
אין שטיבל האָט געשמעקט מיט נאַסע פעלכלאַד
וואָס האָבן זיך געטריקנט הייגנענדיג,
און מיט דעם שטאַרקן זיסלאַד־ביטער ריח
פון רויע גרינלאַד־געלבע טאַבאַק־בלעטער.
דאָס קינד איז שוין אַרומגעקראָכן אויף דער ערד:
געשלעפּט דער גראַבער מאַמען ביי דעם קלייד,
געפּרופט זיך אויפשטעלן אַז טאַטנס שטיוול,
געשפּילט זיך מיט דעם גרויסן שוואַרצן הונט,
און מיט דעם נייגעבוירן קעלבל, וואָס מען האָט
צוליב דער קעלט געבראַכט אין שטוב אַריין.

אין איינעם אַזאַ טאָג אַ ליכטיגן
ווען שניי און שטראַלן בלענדן זיך צוזאַמען —

האָט מען אַרויסגעפירט דעם טאַבאַק צו דער שטאָט
אויף לאַנגע גרויסע פלאַכע וועגענער.
די רעדער האָבן מונטער אויפן שניי געגרילצט.
די פערדלאַד, זאַט און אויסגערוט, זיינען געלאָפן.
די מאַנסלייט אַלע מונטער אויפגערעגט,
דער אַלטער האָט געפיפקעט און געציילט
אויף זיינע פינגער, ווען מאַרק געפֿעלט.
און ווען פרייז און וואָג פון לעצטן יאָר.
אַ גייציג פייערל האָט גרין געברענט
אין זיינע דורכגעטריבענע און שאַרפע אויגן.
די זין האָבן גע׳חשבון׳ט, וויפיל געלט
דער אַלטער מאָן ווערט דאָס מאָל זיי פאַרטיילן,
און ווי זיי וועלן פאַר דעם געלט אַ לעב טאָן
אין טומלדיגער שטאָט. נור דזשאָו אַליין
איז שטיל געזעסן: עס איז גוט געווען
אַזוי צו זיצן אין דעם בלויען טאָג
פאַרליולעט פון דעם טראָט פון שטילע פערד
און מיט פאַרמאַכטע אויגן חלומ׳ען פון גאָרנישט.

די ווערהייזער אין שטאָט זיינען באַלאַגערט
פאַרלייגט מיט וועגן און אָטאָמאָבילן.
עס הערשט די אויפרעגונג פון אַ יריד:
מען טרעפט זיך אָן מיט אַלטע גוטע פריינט.
וואָס מען באַגעגנט נאָר פון איין יאָר אויפן צווייטן.
מען פרעגט זיך נאָך אויף אַלטע גוטע שכנים,
מען רעט אַרום דעם מאַרק און די פאַרדינסטן.
און געלטפיבער לויכט דורך אין יעדנס אויג.
מען דרייט זיך אום אין גרויסן איינגן מאַרק,
וואו דער פּראָדוקט פון דריי־פערטל קענטאַקער ערד
ליגט אויסגעלייגט אויף וואָגנס צום פאַרקויף.
מען טאַפּט דעם טאַבאַק איינער ביי דעם צווייטן.
מען שמעקט, מען רייבט אַ טאַבאַק בלאַט, מען קייט.
דערנאָך גייט מען אַריבער אין די קראָמען. —

מתנות אָפּקלייבן פֿאַר ווייב און קינד —
מען גייט פֿאַמיליענווייז פֿון איין קראָם אין דער צווייטער.
מ׳קלייבט, מ׳טאַפּט, מ׳זוכט אַרום, מען דינגט זיך,
מען שפּייט אויף דר׳ערד די ברוינע טאַבאַק־זאַפּט
און לעבעדיגע, רירעוודיגע בלאַסע אידלאַך
און ריידן אוים די לונגען צו די יאָקלס —
זיי שפּייען מיט דער גרינער געלער גאַל.
נור יאָקל בלייבט זיך קאַלט און כיטרעדיג,
ער האָט זיך צייט, וועט קומען נאָכאַמאָל.
דערנאָך גייט מען צוריק צום מאַרק אַריין,
מען הים די וועגענער, מען שלאָפט אַדורך
די נעכט וואו זיצנדיג און שיינק, ביים ביר,
אויף מאָרגן גייט מען ווידער אין די קראָמען
און ס׳הויבט זיך אָן אַ דינגעניש פֿון ס׳ניי.

דערנאָך האָט מען געציילט דאָס געלט.
דעם אַלטנס הענט זיינען געווען פֿאַרפֿרוירן
האָט דאָס פֿאַפּירגעלט זיך געגליטשט פֿון זיי:
פֿאַרלאָרן יעדע רגע וואו ער האַלט
און אָנגעהויבן ציילן פֿון דאָס ניי.
די זין זיינען געווען אומגעדולדיג,
געריסן זיך דאָס געלט אַליין צו ציילן.
דער אַלטער אָבער האָט זיך ניט גערירט פֿון פֿלעק:
ער האָט געציילט מיט פֿיבערדיגע אויגן
און מיט פֿאַרשוואַלענע און רויטע פֿינגער.
די זין זיינען געשטאַנען ווי אויף קוילן,
און שטילערהייט געקריצט די ציין ביז ווייטאָג.
דער „אַלטער אייזל“ אָבער האָט געטאָן
דאָס זייניגע: ער האָט געציילט: געטונקט
די רויטע פֿינגער אינ׳ם מויל אַריין,
באַטאַפּט אַ יעדעס בלעטל פֿאַרזיכטיג —
ביז ס׳האָט צו לעצט געשטימט. דערנאָך האָט ער
באַטיילט דעם עולם מיט פֿאַפּירלאַך געלט.

דאס פעקל געלט אריינגעשטאפּט אין טייסטער,
דעם טייסטער אין א לייוונטענעם זעקל.
דעם זעקל טיף אין בוזים. אויסגעגלייכט זיך,
א פּאטש געטאן דעם נענטסטן אויפן פּלייצע:
איצט, קינדער, לאָמיר גיין.
איז מען געגאנגען.
ביז מען איז צום סוף אריין אין שיינק.
האט עס א זעץ געטאן די פּארע ווי אין באד
און ס׳איז געשטאנען אין דער לופט א גרויס געשריי,
עס האט געקלונגען מיט די טעלער און די גלעזער;
די טיר האט אויף א רגע ניט גערוט
ארויסגעשפּיגן און אריינגעשלונגען מענטשן.
דער שטארקער רויך פון פּייפּס האט בייסנדיג
געגעסן זיך אין אויגן און אין העלזער.
די לעמפּלאך פון עלעקטריק האבן זיך געוויגט
ווי קליין און ווייט פארשוואומען אין א נעבל.
מען האט געגעסן הונגעריג און גייציג,
און מער נאך ווי געגעסן — מער געגאסן.
דער אלטער איז געזעסן פריילאך אויפגעלייגט,
דאס רויטע פּנים אין דעם מוטנעם בערדל
האט וואוילעריש און כיטרע צוגעוואונקען,
געשטורכעט דזשאו׳ען מיטן אוילענבויגן,
געטאפּט זיך יעדע רגע ביי זיין בוזים.
און דזשאו׳ען איז געווען אי אומעטיג, אי היימלאך,
דער קאפּ האט אים געדרייט זיך פון׳ם ביר,
און פון׳ם רויש און קלאנג האט אים געשלעפערט.

דערנאך האט מען דערלאנגט דאס טעשל קארטן.
צוערשט איז מען געווען איינגעהאלטן, שטיל,
נור שפּעטער האט מען זיך צוואווארעמט היים,
אז אויפהער האבן זיך די גלעזער ביר געביטן.
מען האט זיך אויפגעהערט צו וויצלען און צו שפּאסן.
פארקאכטע, מיט צוגלאנצטע בייזע אויגן

איז מען געזעסן שווייגנדיג ; מען האָט געשפּילט.
דעם יונגן וואַלט חאָט עס געקאַכט אין בלוט,
פון דרויסן האָט ער אויסגעוויזן צו זיין קאַלט.
דאָס פּנים עפּעס בלאַסער ווי געווינלאַד,
נור אונטער דער שטיל־בלאַסער מאַסקע האָט געברויזט
ווי ס׳ברויזט אַ לויפיג שטראָם אונטער דעם אייז.
אין אים האָט עס געברענט דער האָס צום אַלטן
צום כיטרען קאַרגן מאַן וואָס וויל ניט שטאַרבן.
וואָס וואַרפט אים צו געמיינע עטלאַכע דאָלאַרעס
פאַר בלוט און מי פון לאַנגן שווערן יאָר.
ער האָט געגאָסן אין זיך אַז אַן אויפהער
וואָס ווייטער אינ׳ם שפּיל אַלץ מער פאַרלאָרן :
און אָט אַ זיצט דער אַלטער טייוול מיטן איד
ווי ניט אים מיינט מען עס, איז האָפערדיג
און קלאַפּט דעם פיינעם איידים אויפן פּלייצע.
דער איד וועט אים נאָד אָפּ׳ירש׳ען אין גאַנצן,
מיט האַק און פּאַק, וואָס דען ? ס׳איז אַלץ דער איד,
צוליב דעם אידן איז זיין שדוך אָפּגעגאַנגען,
זיין מיידל האָט זיך אויסגעלאַכט פון אים ;
געקאַנט זיין לייטן גלייך, אַ מאַן מיט מענער,
ניט דאַרפן אַנקומען צום אַלטן טייוול
און צוזען ווי דער איד וועט אַלץ פאַרשלינגען.
די שפּיצן באַקן האָבן זיך צופלאַמט,
דאָס מויל האָט זיך פאַרפרעסט — איין דינער שטריך —
די שאַרפע אויגלאַד האָבן זיך פאַרשמאָלט,
געוואָרן שניידנדיג און רויט, פאַרלאָפן
מיט גיפטיג בלוט. צום אומגליק נאָד האָט דזשאָו
באַדאַרפט זיך ווייצלען אויף אַ פאַלשן גאַנג
פון יונגן וואַלט . . .

און איידער מען האָט זיך געכאַפּט
האָט וואַלט זיך איינגעגעסן אין דעם אידן,
געהאַמערט אין זיין פּנים און אין האַרצן
מיט גרויסע אייזערנע און שווערע פויסטן.

גענעצט אין אים מיט פלינקע גראבע שטיוול.
ניט אפגעלאזט זיין קרבן און געהאמערט,
געדיכט און רומפ און שווער האט אין דער לופט געקלונגען.
ס'האט פלוצים אנגעהויבן זיך א גרויס געוואלט,
דאס גאנצע הויז איז זיך צונויפגעלאפן.
נאר איידער מען האט וואלט'ן אפגעריסן
אין דזשאו געלעגן שוין האלב־טויט אויף דר'ערד.
דאס פנים — נישט מער צו דערקענען, שווארץ,
און אין די ווינקלען פונ'ם צוקעדיגן מויל
האט זיך פארמירט א ראזלאד־ווייסער שטראם
פון בלוט און שוים.

צו זיך איז ער שוין ניט געקומען:
דריי טעג איז ער געלעגן אין שפיטאל,
געשוועבט ביים גרעניץ פונ'ם טויט און לעבן.
די גרעניץ איז געווען א ווייסליך־ראזער וואלקן,
און קוקנדיג אין זיך — האט ער געזען
זיין גאנצן לעבן מאדנע פרעמד און נאענט.
האט זיך געזען א קינד אין ווייטן שטעטל,
זיין מאמען און דער לייכטער זומער־ראזקייט
וואס יאגט זיך נאך מיט שוועבנדיגע טריט
און דריקט צום הארצן אים, און שעפטשעט: יאסעלע,
און ווייטער פינסטערניש, און ווידער ראזקייט.
דער חדר, רבי, און חברים, און דער ים,
א ברייטער, כוואליענדיגער, ראזער ים.
א נייע וועלט, די נייע שטאט, די בערג,
די גרויסע און צעשוואומענע און שווערע גוי'עטע.
א פנימ'ל א רויטס מיט ווייסע הערלאך
וואס שפילט זיך מיט'ן שווארצן הונט; דא־דא.
וואו האט ער עס געזעהן? און דורך דער לאנגער
און ראזער שטילער אייביקייט, האט ער
געהערט באקאנטע שטימען ווי דורך ווענט
פון גראבן וואסער: דאכט זיך, ס'איז דער פעטער.

אַט דאַכט זיך רעדט די מומע, אַט זיין גוי'עטע.
נאַר ביסלאַכווייז האָט זיך דאָס ראַזע ליכט
צו לעשן אָנגעהויבן: דער ראַזער וואַלקן
איז זיך צעשוואומען אין אומענדלאַכקייט,
און קלאַנגען האָבן זיך געלאָשן אין קאַלירן.

...עס איז געווען אַ ווינטערדיגער גרויער פאַרנאַכט,
ווען מען האָט יאָסלען צו קבר ישראל געבראַכט.
עס איז געווען אַ מנין אידן די מומע האָט געקלאָגט,
און דער פעטער האָט אויפ'ן קבר קדיש געזאָגט;
און די דאָרפישע גוי'ע, אויף דעם האַנט דאָס קינד,
האָט געצלמט דעם קבר און געטענה'ט צום ווינט.

# קענטאַקי

דאַכט זיך, ערגעץ וואו קלינגט נאָך אַ קייט,
און עס שמוצערט אַ בייטש אין דער לופט,
און אַ מענטש וואָיעט בייז ווי אַ הונט . . .

עמיץ שטשירעט די ציין אין זיין לייד,
אין זיין בליק בליצט פון שנאה דער רוף
און מיט ווארימען בלוט טריפט זיין וואונד.

נאָר עס שימערט אַ ליכטיגע זון
אויף די ביימער באַגאָסן מיט צוועט,
אויף דער ריינער און ליכטיגער גאַס.

אויף די פּנים'ער שוואַרץ ווי טשוגון —
און דער ווארימער דרום־ווינט גלעט
און דערטראָגט ניט קיין הויך פון דעם האַס . . .

1918.

# דזשאָרדזש וואַשינגטאָן.

.1

# שבת-צו-נאַכט

אַז דזשאַרדזש נעמט אַפּ די וועכנטלאַכע שכירות,
פאַרנעמט ער זיך צוריק צוערשט אין שטאַל,
געזעגנענען זיך ביז מאָנטאָג מיט די אייזלען.
עס גיט אַ שלאָג אויף אים מיט פרישן היי,
און מיט די שאַרפע וואַרימקייט פון פערד.
די גרויסע שטאַל איז פול און פריילאַך־לעבעדיג:
געווים פאַרשטייען זיי, די קלוגע פערד,
אַז מאָרגן איז מען פריי פון בייטש און משא.
די ראָזע מיילער אַרבעטן געשמאַק,
די גרויסע געלע ציינער מאָלן האָבער,
די פייכטע נאָז־פליגל, זיי ציטערן און רויכן,
נעקיצלט פון דעם שמעקעדיגן היי.
די אייזלען שטייען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן,
די עקן שמייסן און די מיילער מאָלן;
און דזשאַרדזש פאַרפירט מיט זיי אַ לאַנגען שמועס,
טרייבט אַפּ אַ פרעמדן פערד פון זייער האָבער,
און גלעט די גראָבע קורצהאָריגע פעלן.

אין דרויסן זינגט זיך דזשאַרדזש פאַנאַדער אויפ׳ן קול:
ווייל, ערשטנס, איז ער תמיד אויפגעלייגט בטבע,
און, צווייטנס, איז עס שבת נאָך דער אַרבעט,
און, דריטנס, וואַרימט אים דאָס ביסל געלט,
הגם אויף קורצע יאָר. איז זינגט ער הויך,
פאַרגייט זיך אויפ׳ן העכסטן, פיינסטן שטייגער
אין קונציג־טרעלנדיגע ניגער־לידער,

מיט קניטש און טראָפּ און דריידל און אוואַיע.
אַ צוויי־דריי שוואַרצע קלייבן זיך אַרום,
אַ יונג הויבט אָן צו בלאָזן אויף אַ קעמל
און כאַפּט דעם נגון איבער לעבעדיג —
און פּלוצים גייט דזשאַרדזש איבער אין אַ דזשיג.

דעם דזשיג פירט דזשאַרדזש אַזוי אַדורך: די ערד
הויבט אָן צו ברענען אונטער זיינע פיס.
דער גאַנצער דזשאַרדזש ווערט פּלוצים, ואומגעריכט,
איין פייערדיגער קנויל פון נערוועז־שטריק.
עס דאַכט זיך: דזשאַרדזש שטייט אויפ׳ן אָרט און פליט.
ווען ניט דאָס קלאַפּן פון די פיס אָן גרונט,
וואָלט מען געמיינט אַז דזשאַרדזש שוועבט אין דער לופטן
אויף אומזעבאַרע דראָטן אויפגעצויגן.
דאָס רעדל קלאַפּט אין גרויסע שוואַרצע הענט,
דער שוואַרצער בליניעט זיך און בלאָזט אין קעמל
און ס׳דאַכט זיך, אַז ער פּלאַצט אַוועק פון אָנשטריינגונג.
און דזשאַרדזש האַלט נאָך צום טאַקט מיט הענט און פיס,
מיט יעדן גליד פון צאַפּלדיגן קערפּער.
דאָס רויטע מויל מיט גלייכע שורות ציין
איז ראָז און ווייס צעעפנט ביז די אויערן,
די גרויסע אויגן־ווייסלאַך ווערן גרעסער
מיט רויטע אָדערלאַך אַדורכגעצויגן.
זיין מאַט־קאָלירטער פּנים פון טשוגון
ווערט גלאַנציג, און דאָס רעדל אַרום אים
פּאַטשט פייערדיג מיט אַלע לעצטע כוחות,
און ברומט פאַר׳דבקה׳ט און מיט גרוים עקסטאַז:
הי־האַ, און הי־האַ, און הי־האַ־הי.

געענדיגט דזשיגן — דאָן פאַרנעמט זיך דזשאַרדזש
דורך אָפּגעלייגטע געסלאַך צו דעם שכונה,
וואו היברו־מאָוז טרייבט אָן געשעפט מיט אַלטוואַרג.
דאָס גייט עס אויסלייזן די זונטאַגדיגע בגדים,

וואָס ער פאַרזעצט גאַנץ פּינקטלאַך יעדן מאָנטאָג.
ער ווייס פון אַלטער פּראַקטיק, אַז מען טאָר
צופיל ניט שפּילן זיך מיט געלט: ס׳איז קיילאָכדיג.
ער קריגט אַ וואַרימען קבלת־פּנים:
די קליינע הינערישע אויגלאַך פון דעם מאָוז
זיי הויבן אָן אַרומטאַנצן ווי מייזלאַך,
ס׳פאַרשלאָפן פּנים ווערט אַלץ ליכטיגער,
און פון אַ קופּע אַלטוואַרג, צונעפּוילטע שיך
זינגט מאָוז אַרויס: הללויה, שאַד!
(הללויה — פון האַלאַ, פון ניגער — שחור,
פון שחור — שאַד). דזשאָרדזש שמייכלט אויפגעלייגט,
און ציילט די טאַלערס מאָוזן אויף דער האַנט,
און מאָוז פאַרבינדט די זונטאָגדיגע בגדים,
באַגלייט פון טיר אַרויס דעם פיינעם שאַד
און ווינשט אים צו אַ ברכה אויף דער פולער וואָך —
און דאָ ווערט דזשאָרדזש פאַרוואַנדלט אין אַ פּילגרים.

דאָס הייסט: ער גייט אַהיים צום ווייב, צו מעגי׳ן.
נאָר, מעשה־שטן, זיינען אויף׳ן וועג פאַראַן
אַזוי פיל לוסטיגע, מחיה׳דיגע פּלעצער,
וואוהין אַריינצוגיין, אַז ס׳דאַרף אַ מענטש
זיין שטאַרק ווי אייזן ניט צו שטרויכלען אויף׳ן וועג.
פון יעדן צווייטן הויז, אויף יעדן ראָג,
שטראַלט אויס מיט ציענדיגע זיבן ליכטער
פון טירן רויט־פאַרהאַנגענע און פענסטער.
די באַנדזשאָ קלינגט און רופט, און גוטע ברידער,
פאַרוויקלט אין אַ בלויען וואָלקן רויך,
זיי זיצן ברייט צעלייגט אַרום די טישלאַך
און לאָזן זיך לכבוד זונטאָג וואוילגיין,
מען שפּילט אין קאָרטן און מען וואַרפט אין ווערפלאַך,
עס גייט די פּאַרע אויף פון ביר און בראַנפן
און ס׳קיצלט מיט דעם ריח פון דער שטאָל.

דאָס שפּיל איז אייגנטלאַך ניט אויף געווינען:
נאָר יענער, וואָס פאַרלירט דעם קאָן, באַדאַרף
מכבד זיין דעם עולם פון דאָס ניי.
איז גייט עס רונד נאָך רונד, וואָס ווייניגער דאָס געלט,
אַלץ פריילאַכער ווערט דזשאַרדזש און לוסטיגער.
דער קליינער שטערן גלאַנצט, די ווייסלאַך בלאַנקען,
דאָס מויל פאַרמאַכט זיך ניט אויף איין מינוט.
די צונג איז לויז, און שטעכט זיך גוטמוטיג,
דאָס ביר איז קאַלט, דער בראַנפן צופּט און ברענט.
אַ שאָד נאָר וואָס די נאַכט פאַרשווינדט צו שנעל,
די גאַסן ווערן שטיל און אויסגעשטאָרבן,
און ווען עס שליסט זיך צו דער לעצטער שיינק,
פאַרנעמט זיך דזשאַרדזש אַהיים, שוין אויף אַן אמת.

די „היים" שטייט ווייטלאַך אָפּגערוקט פון שטאָט
צווישן נאָך אַזעלכע חורבות־היימען.
וואָס טוליען זיך צו אַלטע וויסטע שטאַלן.
די ווענטלאַך זיינען קרום און דורכגעפוילט,
די פענסטער זיינען אין דער ערד פאַרוואַקסן.
דער דאַך איז לעבערדיג, און שפּעט אין הערבסט,
ווען ס'הויבן אָן די רעגנס גיסן, טענה'עט מעגי,
אַז זי האָט מורא, ווען עס איז אַוועקצושווימען.
אויף דעם זאָגט דזשאַרדזש: ער האָט ניט אַזאַ מזל,
ער האָט נאָך ניט געזען אַן עלפאַנט שווימען
און ניט געהערט אַזוינס. נאָר אפשר, זאָגט ער,
איז זי אַ היפּאָפּאָטאַמוס, און די היפּאָ־קו
קאָן דוקא יאָ שווימען. זאָגט מעגי: ווען זי וואָלט
געוועזן אַ היפּאָ, וואָלט זי אַזאַ ניגער
פאַרשלונגען פריער און דערנאָך אַרויסגעשפּיגען;
אַן אַנשטענדיגע היפּאָ, זאָגט זי, וואָלט זיין פלייש
אין מויל ניט נעמען. לאַכט דזשראַדזש גוטמוטיג,
און מעגי טרייסלט מיט'ן שווערן גוף,
פאַרגייט זיך לאַכנדיג אין הויכן קוויטש.

דאָס פּנים גלאַנצט אין שוואַרץ, די ציינער בלאַנקן,
די אויגן בלינצלען ווייסנדיק און קוועלן,
די שווערע רויטע אוירינגלאַך זיי קלינגען מיט;
עס טרייסלען זיך די דינע קרומע ווענט,
עס טרייסלען זיך די ביינקלאַך און דער טיש,
און ס'טוט דער דאַך דאָס זייגיגע — ער רינט.

אַז דזשאַרדזש דערגייט דעם לאַנגען וועג אַהיים —
דערוויסט ער מעגי'ן וואַרטנדיק אויף אים.
אַזאַ פאַרשאַלטן טבע האָט זי: שבת נאַכט
מוז זי אַפּריער וויסן פון אַ חשבון —
הגם זי ווייס פאַראויס דעם חשבון ביז אַ האָר.
זיין אַנקומען אין הויז קומט פאַר אַזוי:
ער עפנט פאַרזיכטיק די טיר און הערט זיך צו,
ער שטעקט אַריין דעם קאָפּ, און כאַפּט אים פלינק צוריק,
ווי ער וואָלט מורא האָבן, עפּעס האַרטס
זאָל אומגעריכטערהייט אין קאָפּ ניט פליען.
נאָר אַז דער שונא זיצט געמיטלאַך אויפגעלייגט,
און גלעט די קאַץ, וואָס דרעמלט אין איר שויס,
די קינדער מיט די קעפּלאַך קרויזן דראָט,
זיי כראָפּן פרידלאַך פונ'ם בעט אַרויס —
שטופּט דזשאַרדזש צוערשט אַריין דעם פּעקל בגדים,
דערנאָך באַווייזט ער זיך אין טיר אין פולן לייגג.
די אויגן טאַנצן אומרואיק אין איטלאַך ווינקל,
דאָס מויל איז אויפגעריסן אין אַ שמייכל —
און דאַ קומט פאַר אַזאַ מין דיאַלאָג:

מעגי:

גוט נ'אָוונט, ניגער, נו, געבראַכט די הויזן?

דזשאַרדזש:

(שווייגט און שמייכלט)

מעגי:

אודאי אַנגעבראַכט אין פּאַק פון אַלדאָס גוטס:
די פיינע, פעטע הון, דאָס ביסל שנאַפּס,

די ווייב זאָל אויך הנאה האָבן, נײַן, וואָס דען?
אהאַ! איר דזשאַרדזש ווייס גוט מען קאָן קיין מיטאָג
פון זונטאָגדיגע הויזן אויך ניט קאָכן.
ווי קומט עס וואָס ער איז היינט אַזוי פרי?
דזשאַרדזש:
אַבי ער האָט געמיינט, ער האָט געהערט
די ערשטע הענער, קרייענדיג, און שוין.
מעגי:
ווען מאַסאַ לינקאָ'ן וואָלט אַהער געקומען,
וואָלט ער דעם ניגער אויפ'ן מיטן מאַרק
אַרויסגעפירט, אים צוגעבונדן צו אַ סלופּ
און וואָלט זיין שוואַרצע פעל אַראָפּגעשונדן,
און זי וואָלט צוגעקוקט און זיך געפרייט.
דזשאַרדזש:
ביי לייטן, אַז אַ מאַן קומט שבת־נאַכט
אַהיים פון אַרבעטן, איז יום טוב'דיג אין הויז:
דער טיש איז גרייט, די צוגעברויינטע הון
שווימט אום אין פעטס און גרינס און זיסע בולבעס,
די ווייב איז יום־טוב'דיג און גוט צום מאַן —
און דאָ ביי אים ברענט העל־פייער אין הויז.

און דאָ ווערט מעגי ווייכער, איינגעהאַלטענער,
און איידער זי האָט צייט זיך דורכצורייִדן,
איז דזשאַרדזשי שוין אין בעסטן טיפסטן שלאָף.

II

## אַ מיטוואָכיגע גאָטעסדינסט

אין קליינעם קירך־הויז, האַלב אין דר'ערד פאַרזונקן,
איז אָנגעגאַנגען היים די גאָטעסדינסט;
עס האָט געשוויצט דער נידריגער סופיט,
די שמוציגע, אין בלוי־געפאַרבטע ווענט,

און די קאָלירטע גלעזלאַך אין די פענסטער.
די פלעמלאַך פון די גאָלד־רערן און ליכט,
זיי האָבן בלייך געצאַפּלט און געציטערט,
פאַרשוואומען אין געדיכטן הייסן נעבל.
עס האָט געשמעקט מיט שוויים, מיט בראַנפן, מיט פּאַרפיום,
מיט פערד, מיט הון, מיט פאַרבן און מיט ווייראַך.
די ברידער, מיט דעם ביז צום גרונט געשוירן האָר,
די רעק אַראָפּגעוואָרפן און צעפלאָמט;
און פון די שוועסטער האָט געטריפט דאָס פאַרב,
געשליינגלט זיך אין רויטע ריטשקעלאַך,
געשטרייפט די פּנים׳ער און העלזער אויסטערליש.
מען האָט געזונגען. מאַן און ווייב און קינד.
פון פליסנדיגן היים־צופלאַמטן נעבל
געבלאַנקט האָבן די רייען ווייסע ציין
אין רויטלאַך מאַטע גאָמען איינגעפאַסט.
די גרויסע אויגן האָבן ווילד געגלאַצט,
געראָלט זיך ליידנשאַפטלאַך צו דעם באַלקן.
טשוגון און בראַנז און קופּער האָבן זיך צוברענט
מיט הויכע באַק ביינער, עקשנות׳דיגע שטערנס,
און אין דעם ברייטן נידעריגן הויז
געפלייצט האָט היים און קאָכיג דאָס געזאַנג:

גיט מיר דעם אַלטן אַמאָליגן גלויבן,
גיט מיר דעם אַלטן אַמאָליגן גלויבן —
עס איז גוט גענוג פאַר מיר.

עס איז גוט פאַר די קינדער ישראל,
עס איז גוט פאַר די קינדער ישראל —
און ס׳איז גוט גענוג פאַר מיר.

ס׳איז געווען גוט פאַר פּאָול און סיילאַס,
ס׳איז געווען גוט פאַר פּאָול און סיילאַס —
און איז גוט גענוג פאַר מיר.

וואָס איז גוט ווען די וועלט איז אין פלאַמען,
וואָס איז גוט ווען די וועלט איז אין פלאַמען —
און איז גוט געווען פאַר מיר.

וואָס איז גוט אין די שעה פון דאַרבן,
וואָס איז גוט אין די שעה פון שטאַרבן —
און איז גוט גענוג פאַר מיר.

טאַ גיט מיר דעם אַלטן, אַמאָליגן גלויבן,
גיט מיט דעם אַלטן אַמאָליגן גלויבן —
עס איז גוט גענוג פאַר מיר.

דאָס ליד האָט מען געזונגען אין עקסטאַז,
וואָס ווייטער העכער, שטאַרקער, פלאַמיגער.
געענדיגט איינמאָל — אָנגעהויבן פון דאָס ניי,
מיט מערער פרישקייט און מיט מער התלהבות.
און זינגענדיג אַזוי איז מען אַריין אין טאַנץ:
די הייסע מאַסע זינגענדיגע פלייש
האָט אין איין גרויסן קנויל פון לײדנשאַפט
זיך אויסגעפּלאָכטן און צונויפגעקלאַמערט,
און הענט אויף שולטער, ברוסט צו ברוסט געדריקט,
דער אָטעם גיריג אָפּגעהאַקט און שווער,
די אויגן פעסט צונויפגעפרעסט אַנטציקט,
האַלב־וואַכנדיג, האַלב־שלומערדיג אין נעבל.
די אויריגנגען און אָרמבענדער פון די ווייבער,
זיי האָבן שווער און רייצנדיג געקלונגען,
די רויטע ליפּן האָבן ברענענדיג געשמאַכט
און אויפגערעגט האָבן די נאָז־פליגל געציטערט.
דערנאָך האָט מען אַ צווייט געזאַנג פאַרצויגן,
אַ צווייט געזאַנג, אַ נאַגנדיגס און שטילס:

אַ, מרים, ניט באַדויער און ניט וויין,
אַ, מרים, ניט באַדויער און ניט וויין,

פרעה׳ם חיל איז דערטרונקן —
אַ, מרים, וויין נים מער!

אַ, ווי איך באַגער צו זיין ווייט פון דאַנען,
שטיין אויף יענעם ברעג וואו משה איז געשטאַנען. —
פרעה׳ם חיל אז דערטרונקן —
אַ, מרים, וויין נים מער!

ווייט־ווייט דאָרטן זע איך ווי אין טרוים
מלאכים שוועבן אויפ׳ן קאַרשנבוים.
פרעה׳ם חיל איז דערטרונקן —
אַ, מרים וויין נים מער!

און אַז עס איז געקומען צו די ווערטער:
„גראָבט מיין קבר מיט אַ רידל פון גאָלד,
„לאָזט מיך אַרונטער אויף קייטן פון גאָלד“ —
איז די באַגייסטערונג אַזוי געשטיגן,
אַז טרערן האָבן זיך געגאָסן פון די באַקן,
און מענטשן האָבן פריידיק אויפ׳ן קול געשלוכצט,
און מענטשן זיינען פון די פיס געפאַלן
געשלאָגן זיך אַן דיל, פאַרגלייזט די אויגן
מיט ווייסן שוים אַרום די שוואַרצע מיילער,
געקלאַפּט זיך אין דער ברוסט מיט אַלע כוחות
און זיך פאַרגאַנגען אין אַ ברומיגן געזאַנג:
„גראָבט מיין קבר מיט אַ רידל פון גאָלד,
לאָזט מיך אַרונטער אויף קייטן פון גאָלד —
פרעה׳ם חיל איז דערטרונקן —
אַ מרים, וויין נים מער!“

III

# טאַמאַס

ווען ברודער דזשאַרדזש און שוועסטער מעגי האָבן
צוריק דערכאַפּט דעם אָטעם אויף דער לופט —
און זיינען זיי צוערשט געגאַנגען שטיל און פרום.
דער הימל איז געוועזן טיף און אויסגעשטערנט,
דאָס ווינטל פון סוף זומער האָט געגלעט,
די בלעטער־בומער האָבן צווישן זיך גערעדט,
און גרילן האָבן האַפּערדיג געקלאַפּט.
געוויס וואָלט דזשאַרדזש'ן גוט געטאָן א גלעזל ביר,
אויף זיין פאַר'שרפה'ט און פאַרטריקנט גומען;
ווען מעגי איז ניטאָ — וואָלט ער געוויס
אַריינגעכאַפּט זיך אין אַ אָפּן שענקל.
נאָר גיי און העלף זיך — אַז דאָס גייט און פרייכט,
און הייננט זיך אויף זיין האַנט, און פייפט און סאָפּעט.
אַן עכטער לאָקאָמאָטיוו — טראַכט זיך דזשאַרדזש.
און דאָ ווערט פול זיין האַרץ מיט גרויס פאַרדרוס.
עס קומט אים ברודער טאָמאַס אויפ'ן זין
אַ גלאַנציגער, אַ שמעקעדיגער אויסגעפּוצט
מיט גרויסע רויטע שטרייפן אויפ'ן העמד.
און ער דערפילט, עס שלאָגט אים צו חלשות.
ער שפּייט זיך גיפטיג אויס, און הויבט אָן ברומען.
צוערשט פאַר זיך, דערנאָך אַ ביסל העכער,
אַזוי אַרום מיט ווייטע הינטערוועגלאַך.
אַ שטייגער, פרעגט ער תמימות'דיג, נאָך וואָס
באַדאַרף מען אין דער קירך אַזעלכע מענטשן,
וואָס האָבן קיין רעליגיע ניט אין האַרצן?
למשל, זאָגט ער, נעם דעם ברודער טאָמאַס:
דער ניגער קומט אין קירך אַריין ניט דאַוונען,
ער קומט אַראָפּפירן פון וועג די ווייבער.

דאָס גייט אום שלינג־און־שלאַנג, און וויל ניט אַרבעטן,
אין קעסט אויף פרעמדע מענער׳ס האַרעוואַניע.
דעם ניגער, זאָגט ער, דאַרף מען נויטיג לינטשן.
למאַי, זאָגט ער, האָט ניט דער ניגער חתונה?
און נעמט זיך ניט אַן אייגן ווייב פאַר זיך?
ער וואָלט פאַרשפאָרט צו גלאָצן זיינע בולבעס,
און קנייפּן פרעמדע ווייבער אין דער קירך.
אים נאָרט מען ניט, ער זעט.
זאָגט מעגי גלייכגילטיג:
אַז, ערשטנס, האָט איר טאָמאָס ניט געקניפּן,
איר קנייפּט מען ניט אין קירך, זי קומט דאָרט דאַוונען.
נאָר אויב איר ניגער זעט אַזעלכע זאַכן,
איז דאָס אַליין אַן אויסגעפּרובטער סימן,
אַז ער אַליין האָט אויך ניט קיין רעליגיע.
אַ מענטש, זאָגט זי, וואָס קומט אין קירך צום דאַוונען
דאַרף קוקן אינ׳ם בוך אַריין, און ניט
אין פרעמדע הענט. דאַ ווערט שוין דזשאָרדזש ברוגז:
רעליגיע הייַנט, זאָגט, רעליגיע מאָרגן,
מעג טאָמאַס זיין אַ צדיק ווי סיינט דזשאָן,
נאָר אויב דער ניגער וועט אַריבערגיין זיין שוועל
ווען ער, דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, איז אין דער היים ניטאָ —
וועט ער אים איבערברעכן ביידע פיס;
די הענט, זאָגט ער, וועט ער אים לאָזן גאַנץ,
כדי דער זון פון שוואַרצן הונט זאָל האָבן
מיט וואָס צו שפּילן אויפן פידעלע אין מאַרק.
פאַר פרעה׳ס פּעטע קו — דאָס מיינט ער מעגי׳ן —
וועט זיין געננוג די לאַנגע ווייכע בייטש;
אַזוי ווי עס איז גוט פאַר זיינע אייזלען
וועט עס אודאי זיין אויך גוט פאַר איר.

נאָר טאָמאָס האָט זיך ווינציג וואָס געשראָקן:
ער האָט זיך שטאַרק פאַרלאָזט אויף זיינע פיס,
ער האָט געגלויבט, זיי וועלן אים בשלום

ארויסטראָגן פון יעטווידער געפאַר.
קלאַפּט דזשאַרדזש אין פאָדער־טיר, איז דאָ א הינטער־טיר,
א פּאַרקאַן איז געמאַכט אויף דעם צו שפּרינגען.
פּאַריבל האָבן איז ניטאָ אויף וואָס —
א מאַלע וואָס א מענטש רעדט אוים פון הייסן בלוט?
קיין בעלן אויף צו אַרבעטן איז טאַמאַס ניט.
פּאַרקערט: א מענטש, זאָגט ער, איז ניט קיין אייזל,
נאָר אויב א ניגער גלוסט זיך דוקא גיין אין שפּאַן,
טאָ זאָל אים וואויל באַקומען. אים, זאָגט ער,
איז ניחא אָפּצוקומען ווי עס גייט.
איז וואו נאָר עס איז דאָ א מאַן וואָס אַרבעט,
היינגט טאַמאַס דאָרט און הויערט אַרום ווייב,
און דוקא ווען דער מאַן איז אין דערהיים ניטאָ.
היינט מעגי, מאָרגן פּעגי — און ווער נישט?
ביי זיי איז טאַמאַס נאָר אן אַנגעלייגטער גאַסט:
ווייל, ערשטנס, איז דער טאָם א יונג מיט ביינער,
איז פּעפּערדיג און ווילדיג און שאַרף,
און נעמט ער נאָכמאַכן די שכנים פון אַרום,
א שטייגער, ווי צוויי ניגערס קריגן זיך אין שענק,
ווי דזשאַרדזש טרייבט אַן און שמועסט מיט די אייזלען,
צי ווי דער רעווערענד קלאַפּט זיין בויך אין קירך —
איז שטייען זיי פּאַר אייך ווי לעבעדיג,
ווי איר אַליין וואָלט דאָרט געווען און צוגעזען.
דערצו האָט טאַמאַס נאָך אן אַנדער מעלה:
ער האָט אייך ליב צו צאָלן פּאַר א טובה,
און יענע הויז וואו ער איז איינגייער,
איז פול מיט אַלע גוטע זאַכן, ווי אן אויג.
אז טאַמאַס לאָזט זיך אויסן שטאָט שפּאַצירן,
פּאַרגעסט ער ניט זיין זעקל מיטצונעמען,
און וואו ער ציט אַדורך, שפּאַצירנדיג, וועט שוין
קיין גראָז ניט וואַקסן. שטייט אן עפּל־בוים
צו נאָנט צום פּאַרקאַן, פּוילט זיך טאַמאַס ניט

דעם בוים אַ טרייסל טאָן, דאָס נעמליכע
מיט באָרן, אַפּריקאָזן און מיט ווײַנשל,
ער גראָבט אָן, מעשה בעל־הבית, די פײַנע בולבעס,
אַ בוריק, און אַ ציבעלע, אַ קעפּל קרויט:
אַ הון, אַן ענטל, אַז זי האָט פאַרבלאָנדזשעט,
געפינט איר רו ביי טאָמאָס'ן אין זאַק.
אַזוי אַ גייט אים. טאָמאָס ווײַצלט זיך,
אַז וועדליג נאָך דער שפע פון קענטאַקי
קען ער מפרנס זיין אַ צענדליג ווייבער,
און ניט נאָר איינע.
דזשאָרדזש, אָבער, איז ניט נתפעל,
פון טאָמאָס'ן און זיינע זיבן מעלות.
ער האָט זיך איינגע'עקשנ'ט ווי אַן אייזל:
ער וויל ניט טאָמאָס'ן ביי זיך אין הויז,
און וויל ניט זיינע טובות, און דאָס גאָר.
ווי ער דרינגט איז דער ניגער נאָר אַ פייגלינג:
אַ קונץ, זאָגט ער, אַ מענטש האָט פלינקע פיס,
איז דאָך אַ האָז נאָך פלינקער פון דעם ניגער.
למאי, זאָגט ער, וואָס שטעלט ער זיך ניט אָפּ
און וויל ניט אויסהערן זיין אַרגומענט —
און טאַקע איינמאָל וויסן וואו מען האַלט?
האָט טאָמאָס געשיקט זאָגן: ס'איז ניט נויטיג,
ער ווייס אַליין, זאָגט ער, אוואו ער האַלט,
און אַרגומענטן וויל ער ניט פאַרפירן
מיט איינעם וואָס איז אים אַ נאָנטער מענטש.
און מעגי זאָגט: דער ניגער קריכט אויף גלייכע ווענט.
דאָס שפּרינגט ער אויסן שוואַרצן הויט פון וואָוילטאָג.
דעם ניגער דאַרף מען שמייסן מיט דער בייטש
ביז ס'וועלן אים די נאַרישקייט אַרויס פון קאָפּ.

IV

## „טהענקסגיווינג"

דעם גאנצן טאג האט ווי פון זיפ געשאטן
א קלײנער און פארביסענער און קאלטער רעגן
פון נידעריגן מוטנע־גרויען הימל.
דער ברוק און אספאלט האבן זיך באגלאזט,
און דזשארדזש'עס שווערע אײזלען און געשפאן.
זײ האבן מער געגליטשט זיך ווי געגאנגען.
די בײזע נעץ האט זיך אין בײן פארקליבן.
דער ווינט האט בײז געשמיסן אין זײן פנים,
די בײטש איז נאס געווען און קאלט געפרוירן
און האט געגליטשט זיך ווי א שלאנג פון האנט.

דערפאר, אז דזשארדזש איז נאך דעם שווערן טאג
אריינגעפאלן א דערפרוירענער אין הויז —
איז ער פארגאפט געבליבן אויפ'ן שוועל.
דער קוילן־אויוון האט געברענט צוברענט:
איין גרויסע רויטע פײערדיגע קויל.
דאס שטיבל איז געשטאנען אין א נעבל —
עס האבן זיך בײ אים די נאזפליגל צושפילט
פון שארפע הייסע ריחות פון געבראטנס.
ס'איז גאר צוערשט פאר אים ארויסגעשוואומען
דער טיש געדעקט מיט א געפרעסטן טישטוך
באלאדן און באשמעקט מיט אלדאס גוטס:
דער פײנער אינדיק האט ארויסגעשמעקט
און האט ארויסגעלויכטן גאלדיג־ברוין
מיט קלארע טראפן פעטס אזוי ווי פערל;
און האזן, פונקט ווי לעבעדיג, מיט אלע גלידער,
זײ זיינען ווי פארגליווערט שפרינגענדיג
געבליבן שטעקן צווישן ברוינע בולבעס

און כל־המינים לעבעדיגע גרינסן.
די זויער־זיסע זאפט פון זשוראווינעס
האט אים זיין מויל געמאכט צו וואסערן.
און ס'האבן פון געפלאכטן קארב געלויכטן
די רויטע גרויעס עפל און אראנזשן
און קילע ריחות אין דער היץ פארשפרייט.
און אויף דער ערד, פון טיפן קובל פונ'ם גרעט,
מיט העלזער אויסגעשטרעקט, שערענגעסווייז,
אזוי ווי זעלנער, האבן פלעשער ביר
ארויסגעקוקט פון אנגעבראקטן אייז.

נאר איידער דזשארדזש איז נאך צו זיך געקומען
האט עפעס אים א זעץ געטאן אין הארצן,
אז ער איז שטיין געבליבן א פארצאפעלטער:
אויף דעם טאפטשאן, ביים ריין געדעקטן טיש,
דארט האט דאס קליינווארג מיט צובליצטע אויגן,
מיט פליענדיגע דראט־געקרויזטע קעפלאך,
זיך מיט דעם אנקל טאמאס'ן געשפילט.
דער ניגער זיצט זיך אויסגעפוצט און שמעקט,
ווי ניט אים מיינט מען עס, און ראלט די ווייסלאך.
איז דזשארדזש אזש אויפגעשפרונגען אויף צוריק:
מען וועט אים, טראכט ער, אפטאן דא א שפיצל,
נאר דא איז מעגי ווי א שיף ארויסגעשוואומען,
פארפלאמט און גלאנציג, שמייכלענדיג אפער
אויף אלע ציין און רויטלאך ווייסע אויגן:
אז ברודער טאמאס האט באוויזן פיינקייט,
האט אנגעבראכט אין שטוב פון אלדאס גוטס —
האט זי זיך דורכגעטראכט: ס'איז מער ניט רעכט
ער זאל פון אלעם דעם שוין אויך געניסן.
און סתם וואס איז עס פאר א גאנג זיך בלאזן?
א מענטש איז ניט קיין אינדיק, ס'איז שוין צייט
זיך איבערבעטן.

דאָ האָט טאָמאַס זיך צורעדט:

ער ווייס ניט, זאָגט ער, וואָס און ווייס ניט ווען,
פאַר וואָס מען זאָל זיך קריגן צווישן ברידער.
מסתּמא, זאָגט ער, האָט ער געגוג שונאים,
און מאַלע וואָס די בייזע צינגער ריידען,
ווי ס'שטייט געשריבן אינ'ם הייליגן בוך:
„צווייִשאַרפיג שווערד איז זייער צונג". ער האָט
שוין לאַנג, זאָגט ער, געוואָלט צו'ן אים אַריינגיין,
אים עפענען די אויגן. דזשאָרדזש זאָל זען,
אַז ער איז אים אַ פריינד. און וואָס איז שייך,
די אַלע פיינע זאַכן אויפ'ן טיש,
זאָל מעגי אים צוליב טאָן, און דערפון
קיין גרויסן ווען מאַכן, ס'איז ניט ווערט
דאָס צו דערמאָנען גאָר, ער איז ניט אויסן געלט,
און צווייטנס, קריגט ער עס בחצי חנם.
און טאַקע צוליב דעם האָט ער געבראַכט
דעם גוטן ווייסן טרונק „לבנה־שיין"
מען זאָל גוטברודערשאַפט מיט דעם באַנעצן
און זאָל זיין שלום אויף דער וועלט.

האָט דזשאָרדזש געטראַכט:

דער ניגער חנפה'ט זיך צו מיר צו שטאַרק,
און מאַכט זיך ווי גע'פגר'ט, ווייל מיך נאַרן.
דערווייל אָבער בין איך דאָ בעל־הבית...
נאָר איידער וואָס און ווען באַדאַרף מען עסן.
האָט מען זיך צוגעזעצט צום פיינעם טיש,
צוערשט האָט מען געמאַכט דעם גוטן שנאַפּס,
זיך צוגעקלונגען, צוגעפּאַטשט די ליפּן.
דערנאָך האָט מען גענומען זיך צום רייבן:
דאָס גאַנצע הייסע הייזל האָט געקלונגען
פון טעלער און פון מעסער און פון ציינער,
די אָפּגעלעקטע ביינער זיינען צו דער קאַץ
אויף דר'ערד געפלויגן; גרויסע טראָפּנס שווייס

געשטאנען זיינען אויף די קארקן און די שטערנס;
און פנים׳ער האבן געגלאנצט ווי אפגעפוצט.
דעם ערשטן הונגער איינגעשטילט, האט מען דאס אלץ
אראפגעשוויינקט מיט שוימיג־קאלטן ביר,
דערנאך זיך ווידער צוגעקלונגען מיט׳ן שנאפס,
און ווידער זיך גענומען צו דעם עסן,
און דא איז דזשארדזש געווארן הארציגער,
און טאמאס האט גענומען אויסגיסן פאר אים
זיין אנגעוויטאגט הארץ. ער וויים, זאגט ער,
עס איז קיין תכלית ניט אזוי צו לעבן,
א הונט אפילו האט א שטיקל היים,
און ער, א, שלעפט זיך אום א נע־ונד׳ניק
און האט קיין דאך ניט איבער זיך. ווי לאנג,
איז דאס דער שיער, פרעגט ער, אזוי זיך פלאגען?
צי אפשר וויים ער, דזשארדזש, פאר אים א מיידל,
א שטילס, א גוטס, געלט שפילט ביי אים קיין יחוס,
דער עיקר איז ביי אים א שטילע היים,
וואו ער זאל זונטאג זיצן ביי זיין פייער,
און לייענען דאס הייליג ווארט פון ביבל.
און דא לאזט טאמאס שטיל דעם קאפ ארונטער,
און גיסט מיט גרויסע טרערן, ווי א ביבער.

דאס קליינוואַרג איז דערווייל צופאלן איינציקווייז,
פארשלאפן זיך דערשלעפט צו זייער ווינקל;
אין דרויסן האט געוויינט דער נאסער ווינט,
געפויקט מיט בריזגעס צוגעפרירטן רעגן
איז דאך אריין און אין די קליינע שייבלאך.
דער אויוון האט געברענט, און ס׳האט דער בלויער רויך
פון שטארקע שמעקעדיגע פייפס געקרויזט זיך,
געוועלבט זיך שווימענדיג ארום סופיט.
מען האט געקושט זיך, און געטרויסט זיך, און געוויינט
און באלד דארויף צוגאנגען פאר געלעכטער.
דערנאך האט מען געזונגען מיט׳ן פולן מויל:

צוערשט די פייערלאכע לידער פון דער קירך,
פון גיהנום און גן־עדן און מלאכים,
פון הייליגן סיינט פיטער, וועלכער שטייט
ביים שווער פון הימל מיט א בלאנקע שווערד
און לאזט די פריצים אין די ווייכע וויג־שטולן
אהין ניט צוקומען. דערנאך האט מען
געזונגען זיסע, לאנג צוצויגענע נגונים
פון אומגליקלאכער ליבע און פון ניגער־ווײ.
דאס ליד פון דער געליבטער וואס באקלאגט
דעם פרי־געלינטשטן „איזי בריזי דזשאן“.
און דאס בארימט און קאמיש־לוסטיג ליד
„פון פערד און פון פליג און די צוויי קליינע מייז,
וואס זיצן אין ווינקל און שפילן אין דאַיס“.
און צווישן איין געזאנג און ביז דעם צווייטן
האט מען זיך צוגעוואונשן און געטרונקען.
די פנים'ער האבן געברענט ווי פייער,
די אויגן האבן ווילד און היים צושפילט זיך,
געגליט ווי הייסע לעבעדיגע קוילן.

און ווען דער לאמפ צום סוף איז אויסגעגאנגען,
און ס'האט זיך איינגעשטילט דאס גרויס געשריי —
האט בלויז דער הייסער אויוון רויט געשיפעט,
געווארפן רויטע שטיקער אויף די ווענט
און אויף קורטשאווע שווארצע שאטנקעפ.
עס האט די שטוב געקרעכצט מיט הייסע קלאנגען,
מיט לעבעדיגע שארכן און געברום.
און שאטנס האבן ווי אין פיבער זיך געווארפן,
פארכאפט אין ברומיגן און רויטן נעבל.
און אין די פענסטער האט געקוקט די נאכט:
געקלאפט מיט רעגן־פינגער אין די שויבן,
געפייפט מיט הילכיג־קוויטשנדיגע ווינטן,
און האט דעם רויטן נעבל איינגעשלעפערט.

# דאָס זיידען העמד.

# דאָס זיידן העמד

האָט טאָם געהאַט אַ העמד פון שווערן זייד —
האָבן אים געמאָגט מקנא זיין אַי גאָט אַי לייט.
האָט דאָס דער רויטער שטרייף געבלענדט דאָס אויג,
געדיכט און רייך האָט עס געשטראַלט מיט יעדן בויג.
איז ווען ער טוט אַריינקומען אין קירך אַ נאַכט —
האָט ער ניט איינעמ'ס פרעמדנס ווייב געבראַכט
צו זינדיגע מחשבות אין גאָט'ס הויז.
נאָר טאָמאָס האָט זיך ניט געמאַכט דערויס,
ער פלעגט, ווי אומגערן, צעשפיליען זיך דעם ראָק,
אַז ס'זאָל דער זייד נאָך מערער טאָן אַ שלאָג.
די מאַנען פלעגן קרימען זיך, און קוקן בייז,
די בלוטן פלעגן זיך צושפילן הייס,
און ווינטשן טאָמען ברעכן רוק און לענד
צוזאַמען מיט דער פיינער בליצנדיגער העמד.

איז טאָמאָס איינמאָל, אין אַ בייזער שעה, אַרויס
און האָט פאַרזעצט די העמד ביי היברו־מאָן.
איין וואָך, אַ צווייטע, און אַ דריטע איז אַוועק —
און ס'הייננגט דאָס העמד פאַר'יתומ'ט אויפ'ן טשוועק.
שוין לאַנג פאַרשפעטיגט און פאַרלאָפן דער טערמין —
און ס'הענגט דער עסק, ניט אַהער און ניט אַהין,
דאָס העמד איז זיך געהאַנגען עלנט און אַליין.
האָט מאָן גענומען שילטן טאָמאָס'עס געביין:
דער ניגער איז ווי אויסגערונען פון דער ערד,
פאַרטרונקן ס'געלד, און ניט מען זעט, און ניט מען הערט,
ביז איינמאָל האָט זיך דזשאָדזש אין קראָם אַריינגעכאַפּט:

געשמעקט אהער, געשמעקט אהין, באַטאַפּט,
דערקענט דעם ניגער'ס העמד, און האָט זיך אַזש צושיינט —
וועט איינס פאַר אַלעמאָל זיך אָפּרעכענען היינט.
ס'וועט זיין מיט וואָס זיך אויסצורימען פאַר'ן ווייב,
און געבן טאַמאַס'ען אין ביין אַ גוטן רייב.
פון פּוסטע זאַכן, אָפּגעלאַכט, געשפּעט,
געמאַכט זיך בלומרשט גלייכגילטיג גערעדט
געקאַטשעט זיך מיט הארץ פון זיינע קלוגע רייד,
און פּלוצים אָנגעכאַפּט דעם מאַוז גאָר אומגעריכטערהייט,
ווען יענער האָט געמיינט, ער דולט אומזיסט דעם קאָפּ,
באַטאַפּט די העמד מיט בטול, פון אויבן אראָפּ:
אַ שטייגער, וויפיל איז די שמאַטע ווערט?
און ווי נאָר דזשארדזש האָט פון דעם פּרייז געהערט
האָט ער, צו מאַוזעס איבעראַשונג, ניט געקלערט,
זיך ניט געדונגען, און באַצאָלט גלייך אויפ'ן שטעל.
איז מאַוז געבליבן שטאַרק פאַר'חידוש'ט: וואָס איז העל,
איז מיט'ן ניגער היינט ביינאַכט דאָס מער?
צי האָט ער ניט געלאַטכנט עפּעס מער?

דערווייל האָט גאָט געהאָלפן טאַמאַס שאַד —
איז אויפגעריכט געוואָרן אויף דער נייער וואַד.
איז ווי ער האָט דאָס ביסל מינץ דערטאַפּט
האָט ער צו מאַוז'ען זיך אַראָפּגעכאַפּט
צו אויסלייזן דאָס גוטע העמד. איז טאָם
מיט גרויס אַפּלאָמב אַריין אין מאַוזעס קראָם
און איידער מאַוז האָט נאָך געעפנט ס'מויל
איז טאַמאַס שוין געשפּרונגען ווי אַ גומי־קנויל.
געדזשיגט אהער, געדזשיגט אהין, אַ ליד געברומט:
„דער גרויסער טאָג דערנענטערט זיך, ער קומט, ער קומט.
„אַט רייט ער אויף אַ וואָלקן, און דער וואָלקן איז רויט,
„דעם צדיק ברענגט ער לעבן, און דעם רשע טויט —
„דער גרויסער טאָג דערנענטערט זיך, ער קומט, ער קומט".
האָט מאַוז געטראַכט: אַ שמחה אויפ'ן שאַד!

עס וועט אים כאַפּן שוין דער גרויסער בראָד.
דערווייל איז טאַם ניט איינגעשטאַנען אויף אַן אָרט.
אַט, דאַכט זיך, איז ער דאָ, אַט איז ער דאָרט.
ער טאַנצט אַרום איבער'ן קראַם, דער יונג,
און ס'ציטערן די ווענט פון זונג און שפּרונג.
דער שאַד פּאַראויס, און הינטן לויפט דער מאַן
דערציילט דעם אמת פונ'ם האַרץ אַרויס;
די מעשה איז אַ קורצע — שיין און פיין:
די מאָל האָט זיך פאַרקליבן אין דעם העמד אַריין
און אָנגעמאַכט אַ חורבן, לאַד אויף לאַד —
(און פלינק אַריינגעפלאַכטן: אַזוי לעבסטו, שאַד!)
צום גליק, האָט ער זיך, מאַן, אין צייט געכאַפּט
און האָט אַ קונה פאַר דעם העמד דערטאַפּט.
דאָ האָט זיך טאַמאַס ראַפּטאַם אָפּגעשטעלט,
ווי ס'וואָלט אים אָטעם פּלוצים אויסגעפעלט.
מען האָט געזען בחוש: זיין הויט ווערט בלייך,
איין פּוס. פון דזשיג, פאַרגליווערט אין דער הויך.
און דאָ האָט מאַן אביסל אים געטרייסט,
אביסל אים געמוסר'ט: אַט וואָס הייסט,
אַ ניט געזעצטער מענטש, אַ מענטש וואָס נעמט,
פאַרזעצט אַ זיידענע אַ גוטע העמד,
און ניט מען הערט און ניט מען זעט פון אים צומאָל —
נאָר וואָס איז דאָ צו מאַכן? מאָל איז מאָל.

דעם זעלבן אָוונט, מיט געבראָכענעם געמיט,
איז טאַם אין קירך געזעסן מאַט און 'מיד.
דאָס מאָל פאַרשפּילעט שוין אויף אַלע קנעפּ,
די ברידער זיינען זיך געזעסן מיט געבויגענע קעפּ,
דער גלח האָט געצויגן מאַנאָטאָן און לאַנג,
און טאָמען איז געוועזן נודנע־באַנג.
אין האַרצן האָט געגאָגט דאָרט און געקלעמט,
און פונ'ם זין איז ניט אַרויס דאָס העמד.
האָט טאָמאַס ניט געקוקט אַהין, און ניט אַהער,

די אויגן אינ׳ם בוך פאַרלאָפן מיט אַ טרער.
נאָר ווען מען האָט זיך אויפגעשטעלט אַהיים צו גיין —
האָט ער דערזען ווי דזשאַרדזש טשירעט מיט די ציין,
און ס׳האָט אַ שלאַג געטאָן דער רויטער פּאַס.
איז טאָם געוואָרן ווי פאַרצאַפּלט בלוי און בלאַס,
נאָר איידער וואָס, איז שוין פון דזשאַרדזש׳ן ניט געוואָרן
און טאָמאָס איז געבליבן איינזאַם מיט זיין צאָרן.
ערשט דאָ האָט ער דערגראָבן זיך צום סוד:
אַז ניגער דזשאַרדזש האָט אים געפירט אין באָד.

איז ער אַוועק אין שיינק מיט זיין פאַרביטערט האַרץ —
איז מרה־שחורה׳דיג געוועז די וועלט, און שוואַרץ.
די ברידער האָבן טאָמאָס׳ן אַזש ניט דערקענט —
אַזוי רחמנות׳דיג און נעבאַכדיג פאַרקלעמט.
האָט עס גענומען ניט איין איינציג גוטן טרונק
אַריינצוזעצן שאַרפן פעפער אין דעם יונג.
די מרה־שחורה צו אַרויסטרייבן פון זיך
און ווידער זען די וועלט אין ראָזן ליכט.
ערשט דאַן האָט זיך זיין מויל געעפנט פון דאָס ניי,
האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, און דערשפּירט זיך פריי.
האָט ער זיך ברייטלאַך, פייערלאַך צעפלאַמט
אויף מענטשנ׳ס אומגערעכטיקייט וואָס ברענט און כמ׳ט.
אויף מענטשנ׳ס פאַלשקייט און געמיינהייט, איינגעווייקט
וואָס צאָלן אָפּ מיט שטיינער אַנשטאָט גוטס.
און באַלד דערויף, און גאָרנישט לאַנג געטראַכט
אַריבער צו אַ פעפעריגן וויץ, געלאַכט.
גע׳חוזק׳ט פונ׳ם גלח, אין די קני געפּאַטשט,
דער עולם האָט פון לאַכן שיער געפּלאַצט.
געקלונגען מיט׳ן לעצטן זילבער אין די הענט —
דעם פּרייז פאַר דעם אין רויט־געשטרייפטן העמד.

און שפּעטער, ווען דער שיינק האָט זיך פאַרמאַכט
האָט טאָמאָס זיך געשלעפּט אין שוואַרצער נאַכט.

די ערד האָט זיך געוויגט ווי וואַסער פֿאַר'ן ווינט,
און טאַמאַם האָט געפֿירט מלחמות מיט די הינט.
געגאַנגען וואַקלענדיג, געפֿאַלן פֿון די פֿיס,
זיך אויסגעהיט פֿון גריבער, ווי עס איז.
געגאַנגען און געזונגען, געגאַנגען און געברומט:
„דער גרויסער טאָג דערנענטערט זיך, ער קומט, ער קומט,
„אַט רייט ער אויף אַ וואָלקן, און דער וואָלקן איז רויט,
„דעם צדיק ברייינגט ער לעבן, און דעם רשע טויט".

# דער סוף פון טאָמאַס'ן.

(פראַגמענטן)

I

# הונגער

דער הונגער האָט אים אָנגעהויבן בייסן —
צוערשט געפּלאָגט פון מורא און חרטה,
האָט טאַמאַס ניט געוואָגט זיך צו באַוועגן,
געלעגן מיט'ן קאָפּ אין בויך צונויפגעקנייטשט,
פאַרשאַרט מיט טויטע בלעטער און מיט צווייגן:
די שאַרפע אויערן געשפּיצט ווי ביי אַ הונט,
געציטערט ביי דעם קלענסטן שאָרך פון וואַלד.
נאָר וואָס אַמאָל האָט זיך געשטאַרקט דער הונגער,
און טאַמאַס'ן געטריבן פון באַהעלטעניש.
דער שוואַרצער קאָפּ מיט קורצגעשוירן האָר,
האָט אָנגעהויבן אָפּטער זיך אַרויסשטעקן
פון געלבלאַד־גרינלאַך שאָרכנדיגער דעק.
די אויגן זיינען שוין געווען ניט ראָז,
נאָר בלוטיג־רויט, געקראָכן פונ'ם קאָפּ.
דאָס פּנים קרום, ניט גלאַנציג שוואַרץ, נאָר גרוי,
מיט בלאַנקע ווייסע שטעכעדיגע ציין —
האָט אויסגעזען דער קאָפּ ווי פון אַ חיה,
אַ חיה פון אַן אומבאַקאַנטן מין.

צום גליק זיינען געשטאַנען לינדע טעג,
ווי ס'גיט זיך איין אַמאָל אין מיטן ווינטער;
עס האָט זיך וואָר־ניט־וואו געוויסט דער שניי,
און ס'האָט אַ ווינטערדיגע מילדע זון
געוואַרעמט דורך די טעג די הוילע ביימער,
די טויטע דאַרע צווייגן אויפן גרונט.

און טאַמאַסעס באַהעלטעניש אין גראַבן.
עס זיינען וועווערקעס אַרומגעשפּרונגען,
זיך אָפּגעשטעלט צו קוקן אויפן קאָפּ —
נאָר צוגיין נאָנט צו טאַמאַס'ן — דאָס ניט.
ביי גוטע פרייע אומשטענדן — וואָלט טאַמאַס
געמאַכט זיי טאַנצן אויף די פּלייצעס זיינע —
נאָר דאַ, ווי אויף להכעיס, ניט פון פּלעק.
ער האָט פּרובירט זיי מאַניען מיט די הענט,
גערופן זיי מיט אַ פאַרשטיקטן קול,
געשמועצערט מיט די ליפּן, נאָר די וועווערקעס
זיי האָבן זיך דאָס מאָל פאַר אים געהיט.
קען זיין, ס'האָט זיי געשראָקן פאַר'ן קאָפּ אַן קערפּער,
קען זיין, פון אומנאַטירלאַכן הייזעריגן קול,
פון מערדערישן גלאַנץ פון זיינע אויגן —
נאָר ווי עס זאָל ניט זיין — די קליינע שטיפער.
זיי האָבן זיך געהאַלטן פון דער ווייטן,
פאַררייסן הויך די גרויע דיקע עקן,
געשפּרונגען און געקלעטערט אויף די ביימער,
און חנ'עוודיג געשפּילט: און ס'האָט דער קאָפּ
זיך איינגעפרעסן אין די גרויע פעלכלאַך
מיט בלוט־פאַרלאָפענע און טעמפּע אויגן.

נאָר אויפן דריטן טאָג פון זיין באַהעלטעניש
האָט טאַמאַס ניט געקענט מער איינליגן:
עס איז געווען, ווי אַ בייזער הונט
וואָלט זיך געהאָט פאַרקליבן אין זיין אינגעווייד,
און ס'האָט דער הונט געגריזשעט מיט די ציין,
געדראַפּעט זיך מיט קופּער־שאַרפע נעגל,
געריסן שטיקער לעבעדיגערהייט.
דער הונט האָט אים געטריבן פונ'ם וואַלד —
האָט טאַמאַס אָפּנאַרן געוואָלט דעם הונט:
גענומען אים פאַרשטאָפּן ס'מויל מיט בלעטער,
מיט פייכטע וואָרצלען, שטיקלאַך דאַרע צווייגן —

דער הונט, אָבער, האָט ניט געלאָזט זיך נאַרן.
צוערשט האָט ער זיך איינגעשטילט אַ רגע,
נאָר אַז ער האָט דערשפּירט די ביטערניש,
די זויערלאַכע קאַלטע ביטערניש,
וואָס האָט זיך פּראָסטיג, סמ'ענדיג, געגליטשט
איז זיין פאַר'שרפה'טען צוגליטן האַלז —
ווי קאַלטע פליסיקייט אויף הייסן קאַלכשטיין —
איז ער געוואָרן ווילדער און צורייצטער,
גענומען דראַפּן העכער זיך צום האַרצן —
און טאָמאָס האָט געמוזט אים נאָכגעבן.
ער האָט געוואוסט, דער הונט טרייבט אים צום טויט:
אַז ווי ער שטעקט אַרויס אַ פוס פון וואַלד,
וועט מען אים פּאַקן ווי אַ בייזע חיה;
און אויך האָט ער געוואוסט, אַז אויף רחמנות
באַדאַרף ער זיך אפילו גאָר ניט ריכטן;
אין בעסטן פאַל, וועט ער דורכ'ן געזעץ
פאַר'משפּט ווערן הייגגען ביי דעם האַלז —
נאָר אָפּשטעלן האָט ער זיך ניט געקענט:
דער הונגעריגער הונט האָט אים געטריבן,
און טאָמאָס האָט געפאָלגט — און איז געגאַנגען.

II

## גערעכטיגקייט

...אין גרויסן הויכן זאַל פון דעם געריכט־הויז
איז זיך דערווייל געגאַנגען דאָס געריכט.
ס'איז ענג געווען, געפּראָפּט, דערשטיקט צו ווערן.
מען האָט דערהערט ניט־נויטיגע משפּטים:
אַ טאַטע האָט געקלאָגט אַ זון פאַר שלאָגן,
צוויי פאַרמערס האָבן זיך געלאָדן איבער פעלד,
אַ יונגערמאַן האָט מען געכאַפּט מיט בראָנפן.
דער עולם איז געווען לאַנגווייליג;

דער אַלטער ריכטער מיט די פרישע באַקן,
מיט גרויע גלאַטע האָר און אַלע ציין,
האָט גאַרנישט זיך געאיילט. ער איז געזעסן
געלאַסן, רוהיג, אין זיין ברייטן שטול,
געשפּילט זיך מיט'ן קייטל פון זיין זייגער,
געבלאַנדזשעט מיט די אויגן צונ'ם באַלקן,
זיך אָפּגעשטעלט אַ רגע אויף די ווענט,
וואו ס'זיינען שטיל און צופרידן געהאַנגען
די פּאַטערס פון דער גרויסער רעפּאַבליק:
דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און דזשעפערסאָן און לינקאָלן,
און גוטמוטיג און לייכט צו זיי געשמייכלט.
עס איז געווען שטיל. מען האָט גערעדט
אין האַלבן קול. עס האָבן פלינק געקריצט
די פעדער פון די שרייבער אויף פּאַפּיר,
און ס'האָט דער אַלטמאָדישער הויכער זייגער
פאַרשלאָפן אויסגעקלאַפּט: טיק־טאַק, טיק־טאַק.

נאָר ווי מען האָט דעם טאָם אַריינגעפירט —
איז מיט אַמאָל געוואָרן אויפגעריכט דאָס הויז.
די שלעפעריגע ווייכע אויגן פון המון
זיי זיינען פלוצים אויפגעלעבט געוואָרן
מיט קאַלטן שאַרפן דראָענדיגן לעבן.
ס'האָט אויסגעזען, ווי ס'וואָלט פון יעדן אויג
געצויגן זיך אַ שאַרפער דינער שפּיז,
וואָס האָט געשטאָכן זיך אין ניגער'ס גלידער,
געגליט אים און געברענט דעם שוואַרצן לייב.
עס האָבן ציין פאַרקלאַפּט זיך ביז צום ווייטאָג,
דערפון זיינען די פנים'ער אַרויסגעקומען
פירעקעדיג און שאַרף ווי אויסגעהאַקט
מיט דינע פעסטע שטיין־פאַרהאַקטע מיילער.

מען האָט דעם ניגער צום געריכט געבראַכט
אין דעם, ווי מען האָט אים געכאַפּט פון פעלד.

דער בלויער פּיינער אָנצוג אויסגעשמירט
מיט האַלב־פאַרטריקנט נאַסן ליים און ערד,
אין מאָד, אין ווילדע שטעכלקעס פון וואַלד.
די שיך — פאַרשמירט, צודרייט, צוקראַצט פון דערנער.
דאָס איינציגע וואָס האָט געהאַט אַ פּנים
איז נאָך געווען דאָס פיינע העמד פון זייד.
דאָס פּנים איז געווען גרויליך־בלוי:
אַרום איין אויג האָט שרייענדיג געגליט
אַ בייל ווי אַ קולאַק די גרויס. דאָס צווייטע אויג
איז ווי אַ רויטע און געיאָגטע מויז
אַרומגעלאָפן איבער ווענט און קעפּ,
זיך אַנגעקלאַפּט אָן דינע שאַרפע עגבערס,
און זיך קיין פּלאַץ געפונען וואו צום אָפּשטעלן.

נאָר ביסלאַכווייז איז ער צו זיך געקומען,
באַקוועם זיך איינגערוהיגט אין זיין זיץ:
דער משפּט איז געגאַנגען שנעל: מען האָט
געקליבן די געשוואָרענע; עס האָט
געטראָגן זיך אין זאַל אַ שטילער זשומען,
דער אַלטער ריכטער האָט גערעדט געלאַסן;
און טאַמאַס האָט אַ רגע זיך פאַרגעסן,
איז ווי פאַרשלעפּט געוואָרן מיט'ן שטראָם,
האָט נייגעריג באַטראַכט אַ יעדן קער
פון איטליך צוגעקומענעם געשוואָרענעם,
געפּרופט אַריינקוקן אין יענעמס אויגן.
זיין בליק האָט פיבעריש און פלינק געאַרבעט,
האָט אָפּגעשטעלט זיך דאָ און דאָרט אויף מענטשן,
מיט וועלכע ער פלעגט גינען זיך צו וויצלען,
דער, יענער, פלעגט אים אָנפּאַטשן אין פּלייצע
פאַר זיינעם אַ שאַרף ווערטל, אַ המצאה —
און ס'איז אים פאַרגעקומען ווי אַ בייזער חלום.
ער האָט זיך. ווי אַ זייטיגער, פאַרקלערט,
אַז אייגנטליך פאַרשטייט ער ניט דאָס רעכט,

וואָס מענטשן נעמען זיך אין קאַלטן מוט
פאַר׳משפּט׳ן אַ מענטשן צונ׳ם טויט.

נאָר אַז דאָס אויג זיינע האָט אָנגעטאַפּט
די שטאַלענע און עגבערדיגע בליקן;
און אַז עס האָט זיך פון דער גאַס דערטראָגן
דאָס בייזע שווערע אומגעדולדיגע גערויש,
זיך אָנגעשלאָגן אַן די ווענט פון הויז
ווי מיט אַ קאַלטער שטורעמדיגער כוואַליע —
האָט פּלוצים אים אַ ברען געטאָן אין מוח:
אַז דאָס איז ער, ער, טאַמאַס, וועלכער זיצט
און קוקט אין אומפאַרמיידלאַכן און שוואַרצן סוף,
אַז דאָס וועט ער באַצאָלן מיט דער פעל.
האָט אים דער מורא־דיגער אַנגסט באַשלאָגן,
און ווייסע טראָפּנס שוויים, ווי גרויסע אַרבעס,
גערונען האָבן פון דעם שוואַרצן פּנים;
דאָס יונג און קאָכיג בלוט האָט ווייַ געשריען:
ער האָט געפילט צו אויספּלאַצן אין אַ געברום,
צו קלאַפּן זיך דעם קאָפּ אָן האַרטן שטיין. —
נאָר ווידער האָט זיין אויג אַ בליק באַגעגנט,
און ס׳איז אים קלאָר געוואָרן פון דאָס ניי,
אַז אַנדערש קען ניט זיין, און וועט ניט זיין.
דאָס איינציג אויג האָט זיך צולעצט באַרוהיגט,
געבליבן שטיין אויף לינקאָלנ׳ס פּאָרטרעט,
זיך איינגעגעסן אין צוקנייטשטן פּנים,
און זיך עקשנות׳דיג צו אים געקלאַמערט,
געווינט פון טיפן האַרצן: פאָטער לינקאָלן,
האָב דו רחמנות אויף אַ בלודנעם ניגער!